STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02977

GESHEENISHN UN GESHTALTN

Kalman Heisler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן הייזלער

געשעענישן
און
געשטאלטן

דעם רבינס יאָרצייט

וואַן דער ליובע

די פאַרשאָלטענע ברונע

„פאַרבאַנד־רינג" פאַרלאַג
ניו יאָרק, 1938.

GESCHEHNISHN UN GESHTALTN

by

KALMAN HEISLER

Copyright 1938 by

KALMAN HEISLER
BRONX, N. Y.

Published by
"FARBAND—RING"
211 West 34th Street
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 - 27 West 21st Street
New York, N. Y.
255

יוסף חיים הייזלער

מיין האָרעוואַניע אַ מתנה —
טו איך דיר געבן ;
נעמזשע אויך מיין ברכה
— פון געזונטע יאָר און לאַנג לעבן.

עטלעכע ווערטער:

זינט מיין בוך „מענטשן“, 1927 (וואָס אויף יעקב גלאַטשטיינס עצה האָב איך דאָס אָנגעשריבן), און „קומאַרנער פאַרשוינען“, 1930, בין איך דערגאַנגען צו „געשעענישן און געשטאַלטן“, 1938.

די אַלע יאָרן פון דער איצטיקער „שבתי־צבי“ עפּאָכע, האָט אין מיר געמאָנט אַ פאַרלאַנג צו באַשאַפן אַ געשטאַלט, אין וועמען מיר זאָלן זיך קאָנען אָנשפּיגלען און דערקענען. און די פיגור, די אויסגעטראַכטע, זאָל אַריבערשיינען און רעפלעקטירן און אויספורעמען — גאַנץ מאַכן דעם מענטש אין אונדז.

האָב איך אין בוך דריי הויפּט־געשטאַלטן:

יידע, אין „רבינס יאָרצייט“, וואַן דער ליובע, אין דער צווייטער מעשה און דער משוגענער שיע, אין דער „פאַרשאָלטענער ברונע“, —וואו איך גיי נאָך, טריט באַ טריט, דער „צייט“ און זע און דעק אויף — פאַרוואָס, ווי אַזוי דער מענטש שפּינט און וועבט אויס — האָט באַשאַפן און געבערט — לעגענדע...

זיינען די אויסגערעכנטע, אַלע דריי פאַרשוינען פון אָנהויב אָן, ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר יענעמסוועגן — פאר קהלסוועגן. זעען מיר, ווי צוליב קליינלעכע פלאָנטערנישן, וואָס דאָס לעבן האָט שוין פון פריער צוגעגרייט, ווערן זיי געשטרויכלט און ס׳ווערט חרוב דער חלום, וואָס נאָר דער מענטש האָט געקאָנט אויסחלומען.

ווייס איך נישט, וואָס מיר קאָנען און זאָלן פון די דריי „געשטאַלטן“, אָדער פון די אַנדערע, פון די ארום זיי — זיך עפּעס אויסלערנען אָדער אָפּלערנען?! און אויסקלערן אַן אַנדערמינמענטש? קיין ליגנער וויל איך נישט זיין?



ניו יאָרק, 1938

פ. ס. איך בעט אויך דעם חשובן לייענער — ווען קוקנדיק מיט איין אויג אויף מיין דאָזיקן בוך, זאָל ער חלילה ניט, מיטן צווייטן אויג זוכן אַ בינע, וואָס איז אַרומגעצוימט פון דריי ווענטלעך, מיט ליכטיקע לאָמפּן און מיט פאַרשטעלטע— וואָס מיר רופן אָן „טעאַטער“. ניין, די־דאָזיקע מעשות אין בוך האָב איך אָנגעשריבן נישט פאַר טעאַטער, נאָר פאַר לייענערי.

ק. ה.

פ. פ. ס. איך דאַנק די צוויי פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, צווייג 22, איד. נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און בר. 122, אַרבעטער רינג, פאַר דער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך. דעם הויפּט דאַנק קומט חבר פ י ל י פּ ק אַ פּ, פאַר דער רעאַליזירונג דערפון.

ק. ה.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש:

דעם רבינס יאָרצייט .... זייט 7

וואן דער ליובע .... " 59

די פאַרשאָלטענע ברונע .... " 119

ביכער פון זעלבן מחבר:

„מענטשן" — ניו־יאָרק, 1927

„קומאַרנער פאַרשוינען" — ניו־יאָרק, 1930

דעם רבינס יאָרצייט

דעם רבינס יאָרצייט

א מעשה פאַרוויקלט אין אַכט געשעענישן.

ערשטע געשעעניש

געשעט אין אַן אַלטן בית המדרש אין צייט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין גאַליציע־לאַנד.

פרימאָרגן, אין אַ גרויסן אַלטן בית המדרש. מ׳דאַוונט שחרית. אין ערטער אַרום זיצן עלטערע יידן און יונגעלייט. א טייל לערנען און א טייל אַמפּערן זיך. א הויפן פריש נאַס ליים איז אָנגעשיט אין אווינקל. קליינע יינגלעך שמאַיען אַרום, קריגן זיך און ארבעטן דאבײ זייער געשמאַק און גיך פון דעם ליים, ליימלעך, ווי לייכטער פאַר ליכט אריינ־צושטעלן. ר׳ דוב בער און יידע זיצן אריבערגעבויגן איבער א ספר נאָענט פון ארון קודש.

פאַרשוינען:

ר׳ דוב בער
יידע, דוב בערס זון
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
ערשטער יינגל
צווייטער יינגל
עולם—עלטערע און יונגע יידן און קליינוואַרג. (יידעס אַנהויבן תפלין לייגן).

ערשטער ייד

(באַוואונדערט די ליים־אַרבעט): **ארבעט, ארבעט יינגלעך. ס׳איז פונקט אזא מצוה ווי גיין צונויפנעמען איבער די שטיבער, פאַר תקון ספרים, פרייטיק. נישטאָ, ניט געווען קיין סך אזוינע צדיקים ווי דער רבי ר׳ אורילע איז געווען?!**

ערשטער ייִנגל

(נייגעריק): פאַרוואָס זשע האָט ער נישט דערלעבט משיחן אַנטקעגן צו גיין? ער איז געווען אַזאַ צדיק, אַזאַ רבי!

ערשטער ייִד

א יעדן פרייטיק, הערסטו ייִנגעלע, א יעדן ערב שבת, פאַר ליכט בענטשן, ווען דער רבי ר. אורילע ז״ל פלעגט גיין פון מרחץ — פלעגט ער זיך נישט, קיינמאָל נישט איילן, ווי אַנדערע רביס, לויפן, ברענען אין בית מדרש אריין מקבל שבת זיין. כאָטש ס׳האָטאָך געקענט זיין חלל שבת, חלילה!

פלעגט דער רבי אַרויסגיין פאַרנאַכט־צעצו, אַרום לעמבעריקער וועג און ער האָט געהאָפט; ער האָט זיך געבעטן באַ דעם אייבערשטן און ער האָט טאַקע געמיינט, אַז שוין. סע איז געקומען די צייט, אַז ער וועט זיין ראוי משיחן אנטקעגן צו גיין. (ייִנגל איז פאַרגאַפט און נאָך עטלעכע קינדער הערן זיך צו מיטארבעטנדיק די ליימלעך אין די הענט).

צווייטער ייִד

(רוקט צו): איר וועט מוחל זיין, ר׳ ייִד, איר רעדט ווי אַן עם הארץ. וועלכער ייִד ווייסט נישט, אַז משיח קאָן נישט קומען: — נישט פרייטיק, נישט שבת, און נישט זונטיק! ווער ווייסט דאָס נישט?

ערשטער ייִד

זענט איר אַ תלמיד חכם. ווייסט איר. איך זאָג, אויב משיח וועט וועלן קומען? וועט ער באַ אייך נישט פרעגן: — ווען?

צווייטער ייִד

גיי טענה מיט אים. (אָפּ אָן א זייט).

צווייטער ייִנגל

נוזשע? טאַקע, פאַרוואָס זשע איז משיח נישט געקומען?

ערשטער ייִד

אפנים אז די וועלט איז טאַקע נאָך נישט ראוי דערפאַר.

ערשטער ייִנגל

פאַר וואָס איז די וועלט נאָך נישט ראוי דערפאַר?

ערשטער ייִד

ייִנגל, ביסט אפשר גערעכט, אָבער דעם אויבערשטן פרעגט מען נישט קיין שאלות.

(אַ צווייטער ייִד קומט צו. ערשטער ייִד גייט אַוועק און מישט זיך אויס מיט דעם עולם).

צווייטער ייד

נו! אָ? מע מעג זיך שוין שטעלן זאָגן די ברכות! (צעטרייבט די יינגלעך).

(ער גייט צו צו ר׳ דוב בער בעל מקובל). **ר׳ דוב בער, בעל מקובל, מ׳מעג זיך שוין שטעלן דאווענען און אייערער זאָל שוין אָנהויבן תפלין צו לייגן?**

ר׳ דוב בער

אָ, אָ, באַלד. שוין צייט? רתכף, שוין צייט. (דוב בער שטעלט זיך אויף און א קול פון עמוד הערטן זאָגט די ברכות).

ר׳ דוב בער

(פאַרמאַכט דאָס ספר וואָס יידע האָט אריינגעקוקט, און ער זאָגט): **יידע, מיין זון. זאָלסטו גיין. האָרך וואָס איך זאָג דיר אָן, וואָס איך געביר דיר: זאָלסט גיין אין מקוה אריין טבילה. זאָלסטיך נישט שפּילן מיט קיין טמאים, ווי טמא עופות אָדער שרצים, ווייל מיין קינד, דיינע אייגענע זינד וועסטו טראָגן אָף דיר אליין אצינד... ווערסט דרייצן, אַלט היינט...**

יידע

(מיט שרעק): **טאַטע? אז כ׳וועל אָנרירן א קאַץ, חלילה, פאַרן תפלין לייגן?**

ר׳ דוב בער

זאָלסטו לויפן גלייך אין מקוה אריין און זיך רייניקן. חלילה! א קאַץ איז טמא!

יידע

סע טרעפט זיך טאַטע, א יאָ? סע טרעפט זיך אמאָל, באַהאַלט זיך דער ס״מ אין אַ קאַץ אריין. באַהאַלט זיך דער שטן אין דער געשטאַלט פון אַ קאַץ?

ר׳ דוב בער

(נעמט דאָס תפלין זעקל פון טיש און גיט דאָס יידען אין האַנט אריין און מישט אויף פאַר אים דאָס סידורל): **זאָג, יידע, מיין זון.** (דוב בער מאַכט הויך די ברכה „ברוך שפטרנו״.)

יידע

(קוקט אריין אין סידורל און נעמט אָנטאָן דעם „של יד״ אָף דער לינקער האַנט און זאָגט): **„לשם יחוד קודשא ברוך הוא״.**

ר׳ דוב בער

ווארט. האלט צו ס׳מויל. (ער נעמט ארומבינדן די רצועות ארום יידעס האנט, ציט און שטייפט שטארק איין זיין האנט. דוב בער חזרט פאוואָליע מיט יידען): **„וקשרתם לאות על ידך״.**

יידע

(קוויטשעט אויס): **אוי, אוי — על ידך...**

ר׳ דוב בער

(צאָרנדיק: **מ׳טאָר נישט ארויסריידן אין מיטן דאווענען. וויפיל מאָל האָב איך דיר געמוזט ארייננאָרן! מע טאָר נישט, דו, נאָז, — איינער!**

יידע

(כאַפּט זיך מיט דער האנט צו דער נאָז): **א סך יינגלעך לויפן אָן און שטעלן זיך ארום צו זען יידעס תפלין לייגן.**

ערשטער יינגל

הערסט, זיין טאַטע רופט אים, יידען, נאָז. יידע מיטן באָבעלע אף דער נאָז!

אַלע יינגלעך

(חזרן איבער: **יידע מיטן באָבעלע אף דער נאָז.**

ערשטער ייד

(קומט צו און טרעלדלט זיך):

יאָ, דער אמתער אמת—הייסט אף מאַמע לשון, וואָר.
דאָס מיינט, אָז משיח וועט קומען נאָך היינטיקס יאָר.
דאָס מיינט, אז דער צדיק ר׳ אורי האָט פאָראויס געזען,
אז יידע וועט זיין אַזאַ צדיק, ווי ר׳ אורי איז געווען.
און א גאָר קורצער צייט, וועט שנעל און אזוי גיך,
יידע זען אָנקומען דעם אויסלייזער, משיח!
אלע וועלן ווערן געהאָלפן, פיינען וועלן שטילן.
אַזוי איז געווען דעם צדיק, ר׳ אורילעס ווילן.

ר׳ דוב בער

(וויקלט אלץ שטייף די תפלין ארום יידעס האנט).

יידע

(שרייט ווידער אויס: **אוי, אוי, ס׳טוט וויי. טאַ־ט־טע.**

ר׳ דוב בער

כ׳זאָג מע טאָר נישט. (דרייט שטאַרקער די רצועות). **מע טאָר נישט! אנישט וועסטו מוזן גיין אין מיטן דאווענען אין דער קאַלטער מקוה אריין, וועסטו מוזן. מען טאָר נישט אויסריידן אין מיטן דאווענען!**

צווייטער ייִנגל

(פרעגט דעם ערשטן ייִד): **אַזוי מוז מען אײַנשטייפן די האַנט ביז די האַנט ווערט ברוין און בלאָ?**

ערשטער ייִד

ווייסטו? ער איז, ר׳ דוב בער, בעל מקובלס זון? און ייִדע איז דאָך געבוירן געוואָרן דעם טאָג, ווען דער הייליקער צדיק ר׳ אורילע ז״ל איז נפטר געוואָרן, וועמעס יאָרצייט ס׳איז הײַנט בײַנאַכט אַף מאָרגן אײַנדערפרי.

צווייטער ייִד

דער רבי, ר׳ אורילע האָט געגעבן סמנים, ער האָט אַזוי געזאָגט: אַז אויב איך וועל נישט ווערט זײַן בײַ זײַן לעבן נאָמען זוכה צו זײַן משיחן אַנטקעגן צו גיין, וועל איך אָבער זוכה זײַן, — אַז דעם טאָג ווען איך וועל גיין צו מײַנע אבות, וועט דעם טאָג געבוירן ווערן דער, וואָס וועט שוין יאָ זוכה זײַן משיחן אַנטקעגן צו גיין, און ער וועט ברענגען משיחן.

ערשטער ייִד

און אַזוי ווי ייִדע איז געבוירן געוואָרן טאַקע דעמאָלט, קאָן דאָך טאַקע זײַן, קען דאָך גרינג געמאָלט זײַן, אַז ייִדע, — אַ ייִדן קינד, לערנט שוין קבלה, וועט ער אויפוואַקסן, וועט ער זײַן טאַקע דער!...

צווייטער ייִד

וועט ער טאַקע ברענגען דעם אויסלייזער, ר׳ דוב בערס אײַנציקער בן יחיד.

דריטער ייִד

דערפאַר דרייט זײַן פאָטער אַזוי שטייף אַרום די רצועות אַרום דעם בר מצוהס האַנט, ווײַל סע שטייט געשריבן, „לאות״ ס׳מיינט, סע זאָל זיך אָנזען אַ צייכן.

ערשטער ייִד

היי, היי! אוי האָט ר׳ אורילע געוואָלט דערלעבן משיחן אַנטקעגן צו גיין.

ערשטער ייִנגל

מײַן טאַטע האָט מיר אויך אַזוי דערציילט דערפון.

(דאָס דאַוונען ווערט וואָס אַמאָל העכער און שטאַרקער אין בית המדרש, אָבער ר׳ דוב בער האַלט אַלץ נאָך אין דרייען די רצועות אַרום ייִדעס האַנט. ייִדע רײַסט זיך אויס פון פאָטערס הענט, אַנטלויפט אַ שריט און קומט צוריק).

יידע

אוי. אוי. טאַטע — פֿאַטער, סע טוט זייער ווי, טאַטע. (ציטערט).

ערשטער ייד

(צו די קינדער): גייט קינדער צו אייערע ערטער און מאַכט פּאַרטיק ליימלעך.

ר׳ דוב בער

(צו יידען): וועסט אויסריידן, וועסטו מוזן גיין אין מקוה אריין טבילה!

יידע

וועל איך מוזן גיין אין מקוה אריין, טבילה?

ר׳ דוב בער

גוי. גיי שוין. גיי אין מקוה אריין.

יידע

(פֿאַרווירט, ווילד): כ׳גיי. כ׳גיי אין מקוה אריין. כ׳גיי. כ׳גיי טאַטע. (יידע אנטלויפט ארויס, ר׳ דוב בער לויפט נאָך אים. אַלע ארום חידושן זיך).

צווייטע געשעעניש

פינף יאָר שפּעטער פון דער ערשטער. אין בית המדרש ביינאַכט, הונדערטער ליכט אנגעצונדענע, אין ליימלעך איינ־געשטעקט, ארומגעשטעלט אף די ספרים שאַפעס. ס׳איז דעם רבינס יאָר־צייט, פון היינט אף מאָרגן. אָנגערוי־כערט מיט רויך. א טייל יידן טרינקען תקון און ווינטשן זיך.

פּאַרשוינען:
יידע
בעל תשובה
יונגערמאַן
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
פערטער ייד
פינפטער ייד
זעקסטער ייד

קולות

לחיים, לחיים. מ׳זאָל נאָר דערלעבן משיחן אנטקעגן צו גיין. מ׳זאָל.
(דער עולם יידן פאַרמירן זיך אין א רינג און נעמען טאַנצן און זינגען).

קיין קומאַרנע פאָרט מען נישט,
קיין קומאַרנע גייט מען!
צום רבינס יאָרצייט פאָרט מען נישט,
צום רבינס יאָרצייט גייט מען!
קיין קומאַרנע גייט מען נישט,
קיין קומאַרנע פליט מען!
פון מדינת אונגאַרן, פון קרוינפּוילן;
פון פּרעשפּורג און פון פּראָג, —
קומט מען, פאָרט מען, פליט מען.

(די יידן דרייען זיך רונד ארום און חזרן איבער די ווערטער און טאַנצן אַזוי ארויס דורך דער טיר אין דרויסן ארויס).

יידע זיצט באַם אויוון איינגעניורעט אין זיך. אין אַווינקל באַ אַ טיש זיצט אַ יונגערמאַן, האַלט אין האַנט אַ ברענענדיק ליכט און טרעלדלט זיך איבער אַ ספר. לערנט נישט, נאָר שאָקלט זיך. דאָ לעבן אויוון, דער בעל תשובה, דרייט זיך אַרום זיין געלעגער און לייגט אויס שיטלעך האָלץ אַף אַ באַנק פאַר זיין נאַכט בעט.

יידע

(דערזעט דעם בעל תשובה)

איר געדענקט נאָך אמאָל? אַמאָל!

בעל תשובה

וואָס, אמאָל? חלילה, די שעה זאָל נישט זיין.
חלילה, מ׳טאָר נישט דערמאָנען!
איצט בין איך דאָך ניי געבוירן.
פינף יאָר אַלט...
פון פריער רעכן איך נישט — פאַר מיינע יאָרן.
ס׳איז געווען, קינדלעבן, דעם שטנס יאָרן.

יידע

צי געדענקט איר ווען? ווען איר זענט געשלאָפן אַף אַ ווייך געלעגער, מיט דריי פוכענע קישנס צוקאָפּנס?

בעל תשובה

פרעג מיך נישט און דערמאָן מיך נישט.

יידע

איך פרעג, ווייל איך באַדאַרף איצט פייניקן מיין גוף. איך דאַרף ווערן א נביא.

בעל תשובה

ווי אזוי ווייסטו, דאָס?

יידע

מיר איז געקומען, זיין ליבער נאָמען, גאָט ב״ה צו חלום און ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: יידע בן ר׳ דוב בער, הבעל מקובלס זון; קלייב דיר אויס.
סע דאַרפן אַרויסקומען גוי און קהל גוים.
פיר און צוואַנציק שבטים דאַרף באַשטיין מיין פאָלק ישראל.
צוועלף שבטים האָב איך געגעבן צו יעקבן, צו יעקב אָבינו.
און צוועלף שבטים וועלן אַרויסקומען פון דיר, יידע, מיט ייטע.
דיין שוועסטערקינד, דיין מאָמעס שוועסטערס טאָכטער.

בעל תשובה

ווילסטו אפשר אויף זיין, לערנען פערציק טעג און פערציק נעכט? ביז דו וועסט באַקומען די נבואה?!

יידע

ניין, פריער, פריער מוז איך מקיים זיין די מצוה — פריה ורביה,

ווייל אַ מענטש אז ער איז אליין, קען ער נאָך חלילה טראַכטן שלעכטע געדאנקען; דערפאַר, מוז איך פריער, זי נעמען.

בעל תשובה

ווּעמען — זי?

יידע

ייטען. יטה, מיין מאַמעס שוועסטערס טאָכטער!

בעל תשובה

ווי הייסט? אז זי ייטע איז דאָך גאָר א כלה מיט בעריש דעם שמש זון, און כ'האָב געהערט, אז מ'האָט שוין אָפּגעשמועסט א זמן הה־חתונה, אויך שוין.

יידע

ניין. נישט. מיין מוטער, אין גן־עדן איז זי, איז אויך געקומען מיר אין חלום און געזאָגט: — צוועלף שבטים.
מיין מאַמע האָט געוויזן צווי ביינערדיקע הענט.
צוועלף פינגער איז געווען אף א יעדער האַנט.
„און דו, מיין בן יחיד, מיין איבערבלייבעכץ. יידע מיט יטהן מיין שוועסטערס טאָכטער". אַי, די וועלט מיינט, ייטע האָט אַ חתן?
ער, דער בעריש, דער חתן וועט נאָך שטאַרבן פריער, איידער, איידער...

בעל תשובה

יידע! איך האָב מורא אז חלילה, און פון דיר מוז מען אנטלויפן. מ'טאָר אין דיינע פיר איילן נישט שטיין. (אַנטלויפט אין א ווינקל).

יונגערמאַן

(לעשט אויס דאָס ליכט און קומט צו צו יידען).
שוין צייט, יידע, אהיימצוגיין. מאָרגן איז דעם רבינס, דעם צדיקס יאָרצייט; זיין זכות זאָל אף אונדז מגין זיין. מ'דאַרף מאָרגן פרי אָפּדאַווענען, גיין צום צדיק זיך אויסבעטן א גוט יאָר. קום יידע אהיים.

יידע

(בייז): ווי קומסטו צו ריידן אזוי צו אַזאַ נביא וואָס וועט זען דאָס אָנקומען פון משיחן? רשע־מרושע, וואָס דו ביסט! דו ווייסט נישט? דו האָסט נישט געלערנט? צוועלף שבטים דאַרפן ארויסקומען פון מיר?

יונגערמאַן

כ'זע אז דו רעדסט אויסן וועג. דער אייבערשטער זאָל שומר ומציל זיין. נאָך צו פרי פאַר דיר געווען אָנהויבן זיך צו גריבלען אין קבלה. קום אַהיים!

יידע

גיי דו. אַף דיר וואַרט א ווייב אין דער היים, וואַרט זי פאַר דיר. און דו וועסט זיך ווי אַן אָדלער מיט זיין שנאָבל איינגראָבן אין אירע בריסטן. ווייל, צו וועמען זאָל איך אהיימגיין, צו די פיר נאַקעטע ווענט!?

יונגערמאַן

כ׳זע יידע, ס׳איז א רחמנות אַף דיר. איך וועל זיך נישט בייזערן אַף דיר פאַר דיינע איצטיקע רייד. ס׳א רד־זמנות אַף דיר.

יידע

דו, משוגענער דו, גיי ארויס פון מיינע פיר איילן, אניט וועל איך דיר די אויגן אויסברענען. דו, גיי אהיים צו דיין ווייב!

יונגערמאַן

(גיט אמאַך מיט דער האַנט): אנעק, א סוף. ניין, ניין. בלייב דאָ, יידע. איך מיין דען צו שלעכטן, חלילה? בלייב דאָ, דאָ. (גייט ארויס).

יידע

(שווייגט, רעדט ווידער): זיי אלע זיינען נאַראָנים. ווער פון זיי ווייסט דען גאָטס וואָרט?

(הייבט אויף די הענט אין דער הויך און ווענדט זיך צו גאָט): גאָט ב״ה פון אַלע דריי טויזנט און צען וועלטן, זיי זיי אַלעמען מוחל. אפילו איר, יטהן זיי מוחל. נאָר אים, דעם בערישן, דעם רשע, רוף איך דעם „שם״ איצט צו הילף. זיי אים נישט מוחל. מעק אָפּ בערישעס געדעכעניש פון דער ערד. איך בין גוזר! (טראַכט) און זי? זי איז נישט שולדיק. זי איז אַן אומשולדיק ווייס שעפעלע. מיך האָט זי מער ליב פון אים.

נאָר ער, ער האָט איר כשוף געטאָן.

איך און ייטע זיינען געווען קליינע קינדער.

מיר פלעגן זיך שפילן אין טאַטע־מאַמע.

זי פלעגט געווינען קינדערלעך צו מיר.

זי פלעגט מיך אלעמאָל גלעטן.

און היינט? אפשר איז דאָס ווערצעלע שולדיק, אַף מיין שפיץ נאָז? אַלע קינדער לויפן מיר דאָך נאָך און רופן מיך, יידע מיטן וואָרצעלע. ער, בעריש האָט דאָס אונטערגעהערט, און האָט דאָס ייטען דערציילט, וויל זי נישט. שעמט זי זיך פאַר אירע חברטעס.

נאַריש, צוליב א ווערצעלע וויל זי נישט ווינסן וועגן צוועלף שבטים. צוועלף וואָס דאַרפן אַרויסקומען. ווייל, מיין נאָמען, ייד, באַטרעפט—24.

אין י'ט'ה איז אויך 24! הייסן מיר דאָך בײדע נאָך איין באָבען, אין גן־עדן איז זי. און מיין מאַמע אין גן־עדן איז זי, האָט מיר אין חלום געזאָגט, אז איך מיט ייטען זענען ווי אדם מיט חוהן; ייטע איז גענומען געוואָרן פון מיין ריפּ. (פויזע). **איך וועל פּרואוון, איך מוז.**

(ער נעמט רייסן דאָס ווערצעלע פון דער נאָז און בלוט הייבט אָן צו רינען. ער דערזעט און שרייט אויס, ווישנדיק דאָס פּנים.) **א קרבן, א קרבן, ליבער באַשעפער ברענג איך דיר אָפּ דעם מזבח פאר ייטען, יהודית בת טריינע, מיין מאַמעס שוועסטערס טאָכטער, וואָס איר האָרץ איז פאַרשטאָפּט געוואָרן צו מיין הארצנס געוויין.**

מאָרגן איז דעם צדיקס יאָרצייט, איך ווער אַכצן יאָר אַלט. אין דעם טאָג, מיט אַכצן יאָר צוריק, ווען איך האָב זוכה געווען אויסצושרייען אין מיין טאַטנס הייליקער שטוב אריין, א שטוב פול מיט תורה, (בייז) **קומט איצט צוגיין בעריש, אַזאַ גוי, און וויל מיר מסיג־גבול זיין, מיין כלה צונעמען!?**

בעל תשובה

(איז געשטאַנען כסדר און זיך צוגעהאָרכט, קומט צו יידען:) **דו! דו! וואָס לעסטערסטו דעם וואָס איך בין נישט ווערט אָנצורופן, וואָס לעסטערסטו? דיין נשמה וועט־אָך חלילה פאַרפאַלן ווערן אין גהינום, חלילה.**

יידע

דו האָסט געמעגט? אַלע הייסן זיי נאָר יענעם נישט, און אַליין טוען זיי.

בעל תשובה

דערפאַר בין איך היינט דאָ וואו איך בין, א בעל תשובה! און במקום שבעלי תשובה עומדים... צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד... ווייסט נישט יידע?

יידע

איך ווייס, בעל תשובה. איך ווייס אַזויפיל וויפיל דו, גרויער קאָפּ. פריער האָסטו געטאָן אַלץ אין דער וועלט און היינט טוסטו תשובה... פריער האָסטו פאַרזוכט דעם טעם פון אלעם שלעכטן און היינט טוסטו תשובה?

הערט, הימל און ערד. מאָרגן גיי איך צום רבינס קבר אין אוהל אריין. פון אלע ווייטע מדינות, פון מדינה אונגאָרן און קרויגפוילן קומען יידן זיך אויסבעטן באַם צדיק, וועל איך אויך גיין און וועל צו אים אַזוי זאָגן:

רבי, גרויסער צדיק, איך בין געשטראָפט געוואָרן ווי איוב...
פאַרוואָס האָסטו גרויסער צדיק ארויסגעזאָגט די הייליקע ווערטער פארן נפטר ווערן, — אז איך, יידע, יהודה בן ר׳ דוב בער, וועל דער־לעבן משיחן אנטקעגן צו גיין. ווי, פרעג איך דיך גרויסער צדיק, קען דאָס געמאָלט זיין, איך זאָל, דיין קנעכט יידע, זאָל קענען ברייננגען דעם דערלייזער און אויסלייזן א גאַנץ פאָלק ישראל, אז יידע, דיין קנעכט קען זיך אַליין נישט אויסלייזן צו קענען שטילן זיין גלוסטונג צו ייטע, יהודית בת טריינע, זאָל זי קענען נעמען פאר א ווייב.
ווייל, פריער מוז א בשר ודם קענען זיך אליין אויסלייזן, איידער ער קען אויסלייזן א גאַנץ פאָלק.

בעל תשובה

ווייסט נישט? אפילו משה רבינו, האָט נאָר געקענט אויסלייזן זיין פאָלק ישראל, אָבער ער האָט נישט געקענט אויסלייזן זיך אליין צו זען דאָס צוגעזאָגט לאנד ארץ ישראל. ער האָט נישט געקענט זיך אליין אויסלייזן פון צו שטארבן אין דער מדבר.

יידע

איך וועל זיך יאָ אויסלייזן. איך וועל טאָן אלץ אין דער וועלט און זיך יאָ אויסלייזן.

בעל תשובה

ווי אזוי? אז דער גרויסער צדיק משה האָט נישט געקענט? ווי אזוי?

יידע

איך וועל זינדיקן. דורך זינד וועל איך זיך אויסלייזן.

בעל תשובה

דו, דו, מעג מען? די קבלה הייסטאָס דיר? (רייסט זיך די באָרד פאר צער).

יידע

כ׳וועל ווערן א בעל תשובה.
א בעל תשובה וועל איך ווערן.
האָסטאָך אליין ערשט געזאָגט,
אז דאָרט וואו א בעל תשובה,
קען אפילו —
דער גרעסטער צדיק נישט שטיין!

בעל תשובה

מ׳מוז אנטלויפן פון דיינע זינדיקע רייד. (נעמט לויפן אוועק).

דריטע געשעעניש

פיר מינוט שפעטער פון דער צווייטער. בא דער אלמנה טריינע אין הויז. א שטוב מיט אן אלקער. דער אַלקער איז די היים פון יידע און זיין פאַטער און די פעדערשטוב ווערט באַוואוינט פון טריינע און איר טאָכטער ייטע. בעריש, ייטעס חתן, זיצט און שמועסט מיט טריינען.

פארשוינען:

טריינע

ייטע — טריינעס טאָכטער

בעריש — איר חתן

דוב בער

יידע

בעריש

מחותעניסטע, איר ווייסט — ס׳וואָלט שוין צייט געוועז. אָפּגעשטאַנען דעם קייזערס קלאסן. צו מיליטער נישט גענומען געוואָרן. געבליבן א ייד. פרנסה וואַרפט זיך דורך צוביסלעך. מען מעג אפשר אַנהויבן צו טראכטן, איך מיין, אַנהויבן צו טראכטן וועגן שטעלן א חופה, אי״ה.

טריינע

אודאי. איך זאָג אויך אזוי. ביז ווי לאַנג דאַרף מען דאָס אזוי זיצן? נאָר איינס. וואָס כ׳מיין, אז אויסוואַרטן מוז מען. איבערוואַרטן ביז דעם צדיקס יאָרצייט. איר וועט ביידע, דו און ייטע גיין מאָרגן, אַנטקעגן נאַכט־געדאכט, אלדאָס־גוטס־געדאַכט, אפן הייליקן אָרט, טוען ווי אלע יידישע זין און טעכטער טוען אינם טאָג פון דעם רבינס יאָרצייט. גיין צום צדיקס קבר מיט אַן אָפּגעשריבן קוויטל און עס אַריינוואַרפן צום רבין אין אוהל אריין, איז מע שוין זיכער, אז דער וואָס כ׳בין נישט יוערט אָנצורופן, וועט שוין במילא העלפן, ווייל דער צדיק אין קבר וועט זיך מיען פאר אייך, קינדער.

בעריש

מחותעניסטע, איך האָב געוואָלט אייך פרעגן, פאַר וואָס ייטע זאַמט זיך אזוי לאַנג.

טריינע

זי איז געגאנגען צו דער שניידערן. כ׳ווייס טאקע נישט, א ווייטיק איז מיר, וואָס זי זאַמט זיך אזוי לאַנג. דאָס האַרץ איז מיר שוין אנטפאלן, וואָס קען דאָס זיין?

בעריש

זאָל איך גיין א קוק געבן? וועל איך זי אפשר טרעפן אַפן וועג אהיים.

טריינע

ס'וואָלט טאַקע נישט געשאַט, ס'איז אזוי פינצטער אין דרויסן, אז איינער זעט נישט דעם צווייטן; ווי א בלינדער זעט נישט די שיין. בעריש, ביזט געראכט. גיב א גיי, זיי מוחל. (בעריש לאָזט זיך צום טיר און ייטע קומט אריין אנטקעגן.)

ייטע

גוטנאָוונט בעריש, ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אז דו ביסט דאָ.

בעריש

אזוי האָסטו זיך געאיילט אהיים צו קומען?

ייטע

כ'ווייס? ס'איז עפּעס אנדערש. די מאַמע איז נישט געווען אין שטוב פריער, האָב איך געוואוסט, אז דער פעטער, ר' דוב בער איז נאָך נישטאָ, האָב איך מורא געהאט, געהאַט מורא צו זיין דאָ אליין מיט, מיט — יידען.

טריינע

אָ־כ־ע־מ־י־ר! מיין שוועסטערס, אין גן־עדן איז זי, איר קינד, א זיידן קינד. יידע איז דאָך געבוירן געוואָרן ווען דער צדיק איז נפטר געוואָרן, זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין, און דער רבי האָטאָך נביאות געזאָגט, אז ער, יידע...

בעריש

מענדל דעם באַלעגאָלעס איז אויך געבוירן געוואָרן, ווען דער צדיק, זאָל זיין אָפּגעשייט איז נפטר געוואָרן. איז מענדל גאָר דער, וואָס וועט ווערט זיין משיחן אנטקעגן צו גיין! אבער, וואָס ייטע האָט מורא צו בלייבן אליין אין שטוב מיט יידען געפעלט מיר שוין גאר נישט.

טריינע

א יידישע טאָכטער מעג זיין געוואָרנט. גוט אזוי. שיין אזוי.

בעריש

אנו, ייטע, מיר איז דאָס אריין אין דער נאָז אריין, דאָס וואָס דיין מאַמע גיט אויך צו, אז דו זאָלסט נישט בלייבן מיט יידען אליין אין שטוב. זאָגן דעם אמת, אז לעצטע צייטן געפעלט מיר אויך נישט דער יידע, אַזאַ יונגער יינגל? אַ אַכצן יאָריקער, און שוין...

טריינע

בעריש, חתן מיינער, רייד נישט אזוי, יידע איז א גאָלדן קינד.

בעריש

איר וועט מיר מוחל זיין און נישט בייז זיין, איך מיין חלילה נישט קיין שום שלעכטס. אָבער זינט וואָכן, אז יידע זעט מיך, כאַפּט ער אוועק דאָס פּנים. און יינגלעך פון בית מדרש דערציילן מיר, אז יידע שעלט מיך מיט טויטע קללות. פרעגן אים די יינגלעך, פאַר־וואָס? ענטפערט ער, אַז איך, בעריש, נעם צו באַ אים זיין כלה, זאָגט ער.

טריינע

וואָס מיילער קענען זאָגן? אי, — וואָס?

בעריש

הערט איר דען נישט וואָס ייטע, אייער טאָכטער, זיין געשוועסטער־קינד, האָט צו זאָגן.

ייטע

(רויטלט זיך:) ס'איז נישט ווי דו, בעריש זאָגסט. און ס'איז נישט ווי די מאַמע זאָגט. ס'איז עפּעס. אפשר יאָ? אפשר נישט? ס'איז עפּעס אַנדערש.

טריינע

וואָס אנדערש?

ייטע

כ'האָב מורא צו זיין מיט אים אין שטוב. ער רעדט צו זיך. ער רעדט אויסטערלישע רייד, אז סע יאָגט אָן אַף מיר א מורא.

טריינע

א וויטיק איז מיר, קינד, דיר דאכט זיך אויס. נישט מעגלעך. מיין שוואָגער דוב בער לערנטאָך מיט אים שוין קבלה.

בעריש

אויב אזוי? איז שוין קלאָר אלץ, ווייל אזעלכע יונגע קינדער, טאָרן נישט זייער קאָפּ ארייַנלייגן אין קבלה. דאָס פירט אַראָפּ פון גלייכן וועג, קינדער פופצן און אַכצן יעריקע.

טריינע

בעריש און ייטע, איר זענט נאָך אויך קינדער און סע דאַכט זיך אייך אויס און איר ווייסט נישט וואָס?

ייטע

אפשר מאַמע ביסטו גערעכט, נאָר איך האָב מורא, מורא פאַר . . .

(יידע עפנט די טיר, שטעלט א פוס אף צוריק, קומט אָבער פּאוואָליע אריין. גייט גלייך אין אלקער אריין.)

טריינע

(רופט יידען:) **כשרער קדיש, מיין שוועסטערס. קום אריין אהער, עסן וועטשערע ווילסטו?**

יידע

(פון אלקער ארויס:) **איך ווייס, וואָס ווייס איך? וואָס כ'זאָל טאָן איצט ליבערשט? מיך איז איצט איבערגעלאָפן א שוואַרצער קאָטער מיט גרין־געלע, ווילדע אויגן, און איך גיי ערשט איצט פון דער מקוה. קלער איך, אז איך בין טמא געוואָרן, האָב איך מורא, אז איך קאָן נאָך חלילה, אַנדערע, דורך מיר אומגליקלעך מאַכן? די כלה, ייטע, קען נאָך חלילה טמא ווערן. זי דאַרף באַלד חתונה האָבן? פאַר וועמען? פאַר וועמען?**

טריינע

וואָס הייסט פאר וועמען? ווייסט נישט, אז בעריש איז ייטעס חתן, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, אירער.

יידע

איך ווייס. אָבער פרעגן מעג איך נישט? (יידע לאָזט זיך צום טיר, ארויס.)

טריינע

וואוהין גייסטו יידע?

יידע

אין מקוה אריין טבילה.

טריינע

משוגע געוואָרן, חלילה, מיינע שונאים? אזוי שפעט באנאכט.

יידע

מען מוז אָבער. (וויל עפענען די טיר און דוב בער קומט אים אנטקעגן.)

דוב בער

וואו ערגעץ? איצטער שפעט באנאכט? אהער גיי! (דער פאָטער נעמט אים באַם האַנט און פירט אים צוריק אין אלקער אריין.)

טריינע

גיכער וועלן מיר דריי אַריינגיין אין אַלקער אַריין און דו דוב בער מיט יידען בלייבט דאָ אין שטוב, איר דאַרפטאָך עסן וועטשערע!
(ייטע, טריינע און בעריש גייען אריין אין אלקער אריין.)

דוב בער

(זעצט זיך:) יידע מיין זון, מיין איינציק אויג אין קאָפּ. דאָס איבער־בלייבעניש פון איר, דיין מאַמע, אין גן־עדן איז זי. איידער איר נשמה איז איבערגעגעבן אַוועקגעפערט געוואָרן, האָט זי מיך צוגערופן צום בעט און מיך באַשוואוירן און זי האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: — דובה, מיין געטרייער מאַן, איך שטאַרב. זע אבער, און דאָס איז דער איינציקער חסד וואָס דו קענסט טאָן מיט מיר: זע, גיב אכטונג אז דאָס קינד, יידע זאָל וויסן זיין ליבן נאָמענס וועגן. דערצייל אים אלץ וואָס די הייליקע תורה הייסט. און דערצייל אים אויך וואָס דער רבי פאַרן נפטר ווערן האָט נבואורת געזאָגט, אַז ער וועט זיין דער אויס־לייזער, און איצט זע איך, אז דו ביסט געשטרויכלט געוואָרן. א ייד גייט נישט אזוי שפעט באַנאַכט אין מקוה אריין!

יידע

זאָגסטו אז איך וועל זיין דער אויסלייזער? נו? אז איך קען זיך אליין נישט אויסלייזן. פאר וואָס? טאַטע? אפשר וועט דאָס אונ־טערטונקען אין מקוה העלפן?

דוב בער

איצט וועסטו עסן וועטשערע.

יידע

כ׳קען דאָך אָבער נישט עסן סאַי ווי סאַי! סע קריכט מיר נישט אין האלז אריין.

דוב בער

וואָס הייסט? וועסט נישט עסן? א מענטש מוז עסן.

יידע

וואָס הייסט, א מענטש מוז? אז כ׳קען נישט זיך העלפן, אז כ׳קען זיך נישט געַנוגנט טאָן, זיך אויסלייזן. כ׳קען נישט זיין דאָ אין שטוב אויבעט. כ׳גיי אנטלויפן. אַ נ ט ל ו י פ ן.

דוב בער

(כאַפּט אים בײַ דער פּאָלע:) ניין, דאָ—בלייב. בלייב.

פערטע געשעעניש

אַ נאַכט שפּעטער פון דער דריטער. אַפן בית עלמין. מצבות. אַן אוהל. ליכט ברענען און טאָפּיען ארום דעם אוהל און פון אינווענינ. ר׳ דוב בער זיצט לעבן אוהל באַ אַ טיש און שרייבט קוויטלעך. דאָס בית עולם איז פול מיט מענטשן. א טייל ליגן איבער די קברים און מורמלען מיט געבעט. ווייבער, מאַנזבילן, יונגע קינדער, קאַליקעס שטייען אויסגעשטעלט באָם ארייננאנג און טשעפּען די דורכגייער צום הייליקן אָרט).

פאַרשוינען:

ערשטער קאַליקע
צווייטער קאַליקע
א יינגל
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
פערטער ייד
ערשטע יידענע
צווייטע יידענע
דריטע יידענע
פערטע יידענע
פינפטע יידענע
טריינע
ייטע
בעריש
ר׳ דוב בער
יידע
בעל תשובה
עולם
גרופּע יידן

ערשטער קאַליקע

(אַ פרוי מיט אַ קינד אַפן האַנט:) **עטץ וועט געבן אַ נדבה, וועט עטץ באַהיט ווערן. וועט דער צדיק זיך מיען, אין גן עדן איז ער, אז עטץ וועט געבן.**

צווייטער קאַליקע

(אַ מאַנזביל:) **צדקה תציל ממות! וואָס מער איר גיט, אלץ מער לעבט׳ך. אלץ מער איז מען פאַרזיכערט מיט פרנסה טובה. מיט בשורות טובות.**

א ייִנגל

(מיט א פושקע אין האַנט, קלינגט:) **תיקון ספרים. פאַר פאַריכטן ספרים, גיט יידן געלט.**

ערשטע יידענע

(באַם אריינגאנג, האלט א קוישל ליכט אין האנט:) **צען לעכט פאַר א גראַצער. א יאָרצייט לאָמפּ פאַר צוויי גראַצער. צען לעכט פאַר א גראַצער, יידן, צען יידן פאַר א לעכט, יידן!**

(ארום אוהל שטופּן זיך מענטשן צו ר׳ דוב בערן, ער זיצט באַ אַ טישל און שרייבט קוויטלעך פאַר אלעמען אריינצוואַרפן צום צדיק אין אוהל אריין).

ערשטער ייד

ר׳ דוב בער, איר וועט מיר מוחל זיין וואָס איך דערמאָן אייך, אירט נישט פאַרגעסן אריינצושרייבן וועגן מיין שותף משה־מעכל. כ׳וועל זיך נישט שעמען אויסצוזאָגן, ער דערגייט מיר ממש די יאָר. ר׳ האָט זיך דאָך אָנגעהעקלט אין מיר אַזוי ווי אַ שלאַנג.

ר׳ דוב בער

ס׳איז ניט שיין, פאַרמסרן איין ייד אַפּן אַנדערן און נאָך אַ טאַטן פון קינדער? **יעדער דאַרף פרנסה.** (דער ייד נעמט ס׳צעטל און גייט אריין אין אוהל).

צווייטע יידענע

(פון אוהל אַרויס קומט איר קול:) **איי, וויי איז מיר. אַלעמאַל רבי, אין צרה לויף איך צו דיר. ווען איך זאָל נישט האָבן פאַר וועמען אויסצורײדן מיין ביטער, פאַרוויטיקט הארץ? וואָלט דאָס הארץ געפּלאַצט בא מיר אין בוזעם, אָט מיין הארץ.**

ער, שיכורט זיך אָן, שלאָגט ער מיך מכות רצח. אָט, זע רבי די הענט מיינע. מיינע פינגער געשוואָלן, בלאָנע־בלאָ. און די קינדערלעך, זאָלן זיין געזונט, זאָלן מיר זיין געשענקט, אָף לאַנגע יאָרן; שרעקן זיך פאַר אים, ווי פאַר א שיכורן גוי. זע דיך צו מיען פאַר מיר, רבי, פאַר מיר און פאַר מיינע דראָבנע ווערימלעך, און בא אים, באַם גזלן, זאָל דאָס הארץ איבערגעקערט ווערן.

(דורכן פענסטערל פון אוהל זעט מען ווי זי וואַרפט אוועק דאָס קוויטל).

דריטע יידענע

(ביגט זיך אריבער א קבר נישט ווייט פון אוהל:) **כ׳גיי צום צדיק. האָב איך אָפּגעטראָטן באַ דיר מאַמע. שרהטשע דיין עלטערע טאָכטער קען זיך נישט איינטיילן כ׳זאָל נישט האָבן געזינדיקט, מיט דיין ירושה.**

מאַמע, קום אמישניע, ווערסטו זען. שרהטשע האָט צוגענומען א מעטער וואַנט, וואָס פאַלט אויס אף מיין טייל. אויב דו גלויבסט מיר נישט, מאַמע, קום אַריבער, וועסטו זען. אַפן בוידים שטיבל וואו אסתר וואוינט טוט זי אָן א חורבן; אסתר האלט אין איין וואַשן די בריק, וואַשט און וואַשט טאָגענאַכט, אזוי אז די ברעטער ווערן אויסגעריבן און זענען שוין אזוי דין ווי פּאַפּיר־אָפּלאַט. די ווענט ווידער, האלט זי אין איין קאַלכן און טאַפּטשעט ארויף מער און מער קאַלעך, אזוי אַז די ווענט ווערן וואָס אַמאָל גרעבער און די שטוב וואָס אַמאָל ענגער און קלענער. פאַרוואָס מיינסטו טוט אסתר דאָס ? ווייל דאָס בוידים שטיבל וועט אין עטלעכע יאָר געהערן צו דיינע איבערגע־לאָזטע קליינע, אומפאַרזאָרגטע יתומים, נעבעך, ווי אפן וואַסער, פאַר־גינט זי זיי נישט דאָס שטיבל.

טריינע און ייטע

(ביידע קומען אָן און גייען צו ר׳ דוב בערן).

טריינע

(רעדט צו ר׳ דוב בערן שטילערהייט:) **איין באַגער האָב איך, און דאָס איז חתונה מאכן מיט גרויס מזל מיט איר רעכטן, ייטעס זיווג, נאָך היינטיקס יאָר. שרייב אריין צום צדיק.**

(דוב בער דערלאנגט איר אן אָנגעשריבן צעטל און ביידע גייען אריין אין אוהל און קומען באַלד ארויס, און גייען אוועק).

צווייטער ייד

(איז דורך דוב בערן אָן א צעטל, אריין אין אוהל:) **רבי, דריי טעכ־טער, דרייען זיך ארום אין שטוב. באַנאַכט אפן געלעגער קען איך דעם קאָפּ נישט אָנשפּארן, אז כ׳גיב זיך א דערמאָן, דריי, ווי די ליכט קיינעהאָרע, און קיין איינע האָט נישט קיין מזל. זיי רירן זיך נישט מיר פון דער שטוב ארויס. וואָס זאָל איך זאָגן ? דו, הייליקער, שיק מיר צו דעם רעכטן זיווג פאַר מיינע טעכטער אין שטוב אריין, אמן.** (ארויס און פארשווינט).

דריטער ייד

(נעמט בא דוב בערן א צעטל און גייט אריין אין אוהל:) **זי ? די שווילע. אַ פּיסק אויף שרויפן. כ׳האָב באַ איר נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט באַ איר. זינט איך האָב איר פּנים דערקענט, פאַראומערט זי מיר מיין וועלט. זי טרייבט מיך פון שטוב. גיי ! ברענג מיר ברויט ! רבי, וואו זאָל איך נעמען ברויט ? פיר, זאָלן לעבן, האָט זי פונם ערשטן מאַן און דריי מיינע, זאָלן געזונט זיין. רבי, נו ? כ׳גיי אין**

מאַרק אַריין, כ׳טרעף אַ פּויער אָדער אַ פּויערטע, פּרעג איך: צאַ מאַטשע נאַ פּראַדאַש? און אַז איך פאַרדין שוין אַ זעקסערל? האָב איך ערשט מורא אַהיים צו גיין, ווייל, וואָס קען איך קויפן פאַר אַ זעקסערל? טו איך בעסער. כ׳גיי אין בית המדרש אַריין, זעץ מיך אַנידער באַם אויוון און וואַרים מיך, ווייל, ווייל כ׳האָב מורא פאַר איר, פאַר מיינער אַהיימצוגיין. העלף רבי, ברענגען משיחן אונדז אויסצולייזן. (אַרויס און פאַרשווינט).

פערטע יידענע

(רעדט ליגנדיק איבער אַ קבר לעבן אוהל:) מיין מאַן, אין גן־עדן ביסטו, דיינע יתומים דאַרפן עסן, זיי בעטן ברויט! ברויט! וואו זאָל איך נעמען? אַז דו אַנטשל ליגסט אין דער ערד טיף פאַרקאָפּעט. ווען דו אַנטשל האָסט געלעבט איז אַנדערש געווען, בין איך געווען דאָס חשובע, שיינע יונגע ווייבל. וואָס האָט מיר געפעלט? אַנטשל, כ׳גיי צום צדיק, ער זאָל רחמנות האָבן, משיח זאָל קומען, און דו ווידער, פאַרגעס נישט אין דיינע אָרימע יתומים און אין דיין יונגער אַלמנה, כ׳זאָל נאָך חתונה האָבן מיטן אמתן זיווג. אַנטשל, כ׳גיי. (איר קלייד פאַרטשעפּעט זיך אין אַ ביימל, זי רייסט עס אָפּ). וואָס אַנטשל, האָסט נאָך נישט פאַרגעסן דיינע שטיקעלאַך? אַנטשל! כ׳גיי צום רבין. (זי גייט אַריין אין אוהל נעמענדיק אַ צעטל פון דוב בערן און טאַקע באַלד אַרויס).

פינפטע יידענע

(נעמט אַ צעטל און אַריין אין אוהל:) הייליקער רבי, דו וואָס זיצט באַ איין טיש מיט די אבות אין גן־עדן, מיט אברהם, יצחק, יעקב און מיט אים, מיט יוסף הצדיקן, וואָס צו זען זיין שיינקייט, האָבן די טעכטער פון מצרים זיך געשעטלט אַף די מויערן. זאָל איך געפינען לייטזע־ליקייט אין זייערע אויגן. די קינדערלעך כאַוּוען זיך נישט, נישט אַזוי גרינג, און ביז מע דערלעבט שוין צו זען אַ קינד נעמט אַ גלעזל מילעך צום מויל, קומט דאָס אָן מיט גרינע גאַל. אוי, וויפיל בלוט ווערט דער מאַמען אָפּגעצאַפּט ביז מען דערלעבט שוין צו זען אַ קינד האַלטן אַ שעלעכל מילעך אין האַנט? גייטעס און וויל ערשט נישט טרינקען. נישט נעמען אפילו צו די ליפּן צו באַנעצן. מעג שוין נישט משיח קומען? רבי? (וואַרפט אַוועק ס׳צעטל, פאַרשווינט).

פערטער ייד

(נעמט אַ צעטל און גייט אַריין אין אוהל): מיין טאַטע ר׳ עליע סראָלעס, מיין טאַטע אין גן־עדן איז ער, איז געווען אַייער חסיד, רבי. פלעגט

ער מיך נאָך אלס קינד מדריך זיין. ווינטער אין די גרעסטע קאַר־וויצעס, אין די מוראַדיקסטע קעלטן, ארומבינדן מיט א פאטשיילע און צו מיר אזוי זאָגן: בנציונדל מיין קדיש, קום, לאָמיר פאָרן צו ר׳ אורין אף שבת. היינט, יאָר פאר יאָר, ווי א פרומער ייד פארפעלט נישט תפלין צו לייגן, פאַרפעל איך נישט אייער יאָרצייט, אהער צו קומען, און איך וויל באַ איך פועלן, ווייל, מיין ווייב, זאָל לעבן, חיה בת שמואל, יעקב ישראל איז אן עקרה, נעבעך, רביניו! און ס׳קומט אויס אז מיין געדעכעניש זאָל אָפּגעווישט ווערן פון דער וועלט אָן קינדער. רביניו, מע לעבט. ווי אזוי מע לעבט? — לעבטן! מ׳האַנדלט, מ׳וואַנדלט, מ׳האָוועט, מ׳שמאַיעט, און זאָל איך די טויזנטער האָבן, וויפיל מאָל סע פעלט פאַר חלה אויף שבת. אָבער אָוועקצוגיין און קיין קדיש אויך נישט איבערלאָזן, אז איך זאָל וויסן אין קבר, אז דיינס א קינד דערמאָנט דאָרט דיין געביין. (שטאַרקער) איך וועל נישט אוועק פון דאנען ביז רבי, וועסט מיר געבן א צייכן. איך וועל נישט זיין גליקלעך אפילו משיח זאָל איצט אָנקומען, צו מיר אין דער לײדיקער שטוב אריין אָן קינדער. (וואַרפט דאָס קוויטל, אָפּ.)

בעריש

(קומט צו צו דוב בערן און רעדט:) **איך וויל טאָן ווי אלע יידן טוען.**

ר׳ דוב בער

פאַרוואָס נישט? וואָס? האַ? שרייבן?

בעריש

אז מ׳האָט שוין אָפּגעשמועסט א זמן חתונה. מיר וועלן וואַרטן בלויז אַ שטיקל צייט ביז איבער דעם רבינס יאָרצייט.

ר׳ דוב בער

(שרייבט און רעדט:) **זאָל דער הייליקער צדיק זיך מיען אין גן־עדן פאר פרנסה, פאר געזונט און פאר קינדער אי״ה צום לעבן?**

בעריש

כלהס פעטער. איר ווייסט בעסער פון מיר, ווי מ׳שרייבט.

ר׳ דוב בער

יונגערמאַן, ווייסטו ווי לאַנג איך שרייב שוין אזוי אַ קוויטלעך? שוין צוואַנציק גאנצע יאָר. (חזרט איבער) **החתן בחור, בעריש בן...**

בעריש

בן זישע...

ר׳ דוב בער

אַהאַ! בן זישע, מיט ייטע, יהודית? (ענדיקט שרייבן און בעריש נעמט דאָס קוויטל).

(בעריש גייט אין אוהל אריין, זאָמט זיך א שטיקל צייט און קומט ארויס און פארשווינט).

בעל תשובה

(קומט האַסטיק צו דוב בערן און רעדט:) **אז כ׳קען שוין נישט אויס־האַלטן. אז איך האָב אייך געוואָלט וואָרענען. אז איך קען אייך גאָר נישט דערציילן וועגן אייערן, אייער יידע. וואָס? ווען איר וואָלט געהערט די רייד וואָס ער האָט נעכטן גערעדט אין בית מדרש, וואָלט איר אים פארשטיינט, אז ער איז גאָר קיין ייד נישט.**

ר׳ דוב בער

אז איך ווייס, אז איך האָב קיינעם נישט געבעטן מיר צו קומען דערציילן.

בעל תשובה

אז איך האָב אייך געוואָלט דערציילן, וואָס ער פלאפלט וועגן זיין מוטערס, שוועסטערס טאָכטער. זי איז דאָך א כלה און גייט חתונה האָבן?

ווי קען דאָס זיין?

ר׳ דוב בער

אַ זאַשע, פרעמדע מענטשן זיך אריינצומישן.

בעל תשובה

גוטע פריינט מיינען דען חלילה שלעכט, ווען זיי וואָרענען?

ר׳ דוב בער

ער וועט ווערן א בעל תשובה. גוט פאר אייך, בעל תשובה?

(דער בעל תשובה א פאַרשעמטער פארשווינט צווישן די קברים).

(יידע קומט אָן, עטלעכע יידן מיט אים. זיי גייען צו צום אוהל, זיי זינגען:)

קולות געזאַנג

דאָס מיינט, אז דער צדיק ר׳ אורי האָט פאָראויס געזען,
יידע וועט זיין אַזאַ צדיק ווי ר׳ אורי איז געווען.
אין א קורצער צייט, וועט שנעל און אזוי גיך,
יידע זען אָנקומען דעם אויסלייזער משיח...

(דאָס געזאַנג שטילט איין. די יידן גייען אין אוהל אריין און יידע גייט צו צום פאָטער).

יידע

טאַטע, כ׳וויל. וואָס וויל איך? איך וואָלט געוואָלט זאָלסט מיט מיר טאָן, וואָס דו טוסט מיט אַלע יידן, יידישע קינדער. איך, דיין זון וויל חתונה האָבן. איך בין שוין רואי לחופה! מיט מיין רעכטן זיווג ייטע, יהודית, מיין מאַמעס שוועסטערס טאָכטער.

ר׳ דוב בער

א ווייטעק איז מיר! מיין בן יחיד? דו רעדסט אויסן וועג!

יידע

איך גיי אין גאָטס וועגן. גאָט ב״ה איז מיר צו חלום געקומען און די מאַמע אויך.

ר׳ דוב בער

און די מאַמע אויך?

יידע

די מאַמע האָט מיר אין חלום געוויזן צוויי ביינערדיקע הענט און סע איז געווען דאָרט צוועלף פינגער אף יעדער האַנט.

ר׳ דוב בער

הער אויף אזוי צו ריידן. ס׳איז לעסטערונג פון דעם, וואָס כ׳בין נישט ווערט אָנצורופן. בעריש איז ייטעס חתן, איר זיווג. איך וויל דיר נישט שרייבן קיין קוויטל.

יידע

וועל איך אריין צום צדיק אָן א קוויטל. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן, ווען דער צדיק איז נפטר געוואָרן. וועל איך זיין דער, וואָס וועט ווערט זיין משיחן אנטקעגן צו גיין!

ר׳ דוב בער

אודאי אזוי! דו ביסט געבוירן געוואָרן יענעם טאָג, דעמאָלט.

יידע

וויל איך ייטען, מיין זיווג. אנישט, אניט ווייס איך נישט וואָס איך וועל טאָן? ווייס איך נישט צי סע דאָ א גאָט אָף דער וועלט! (לאָזט זיך צום אוהל).

ר׳ דוב בער

אין אוהל, וועל איך דיך לאָזן אַריינגיין. דו? דאָס איז געווען מיין תורה לערנען מיט דיר? מיין קבלה לערנען.

יידע

האָסט מיט מיר געלערנט, און וואָס ווייס איך היינט ? ווי צו פירן מיין פאָלק אנטקעגן גיין משיחן ? אָבער אז זי האָט חתונה מיט אן אנדערן ? און גאָט קוקט צו און איך קען מיר נישט העלפן, זיך אויסלייזן ! קען איך זיין דען דער העלפער פון דעם אויסלייזער, אז אליין זיך קען איך זיך נישט אויסלייזן ! איז א ליגן, א ליגן די גאַנצע תורה מיט אירע געבאָטן !

ר׳ דוב בער

שווייג, שווייג, זאָג איך דיר. (דער עולם יידן קומען צו פארגאפטע.) כ׳וועל דארפן זיצן שבעה נאָך דיר מיין זון ! (טומל ארום).

פינפטע געשעעניש

א טאָג שפּעטער פון דער פּערטער.
שוין נישט אין דער פריערדיקער שטאָט,
אין א צווייטער. אינמיטן מארק. באַ־
טאָג. יידע שטייט אַף אַ הויכן שטיין
און ער שרייט:

פאַרשוינען:
יידע
יעקל קצב
ערשטער ייד
צווייטער ייד
ערשטע יידענע
צווייטע יידענע
דריטע יידענע
מיידל
עולם — עלטערע, יונגע
ווייבער און קינדער.

יידע

קומט אַהער יידן. מענטשן פון גרויס און קליין, קומט אַהער.
(עולם נעמט זיך צוזאמענלויפן און קוקן פארוואונדערט).
קוקט נישט אזוי פאַרוואונדערט. וואָס קוקט איר בהמות? איר ווייסט ווער איך בין? איר ווייסט ווער סע רעדט דאָ צו אייך?

קולות

(פון דעם עולם ארויס:) זע נאָר אים, א נייער משוגענער געקומען צו אונדז אין שטאָט אריין!!!

יידע

ווער בין איך?

ערשטער ייד

ווער זענט איר דאָס אזוינס, אדרבה, זאָגט! נו?

יידע

איך בין יידע, יהודה בן ר׳ דוב בער. איך קום אַהער פון דעם שכן שטאָט קומארנע. אַף מיר האָט דער צדיק ר׳ אורילע נביאות געזאָגט, אַז איך וועל ברייננגען משיחן.

צווייטער ייד

אזוי? זאָ? א וואָס פאר א סמנים, קענסטו יונגערמאן אונדז געבן, אַז דו ביסטאָס?

קולות

(ציטערדיק:) א וואָס פאַר א סמנים, טאַקע?

יידע

סמנים? יאָ, גוט, זייער גוט! ברענגט אהער צו מיר וועמען איר ווילט און וואָס איר ווילט, וואָס איז קראַנק און מוז געהאָלפן ווערן.

ערשטער ייד

און אז מ׳דאַרף געהאָלפן ווערן? וועסטו געבן די רפואה?

יידע

יאָ, איך קען אלעמען היילן.

יעקל קצב

(שרייט אויס:) אזוי הייליקער! מיין זון. איך יעקל קצב האָב אלץ, פרנסה ב״ה, פלייש אין מיין יאטקע, געלט אין די שיפלאָדן. נאָר איין זאַך פעלט מיר: א רפואה פאר מיין איינציקן זון.

יידע

ברענג אים גיכער, צו מיר אהער.

יעקל קצב

איך לויף. איך לויף. איך לויף. (אַנטלויפט).

יידע

ברענגט יידן, וועמען איר ווילט, איך קען באוויזן ניסים.

קולות

נסים קען ער באוויזן. נסים קען ער באוויזן.

יעקל קצב

(לויפט אָן צוריק מיט זיין זון, פירט אים גלייך צו יידען).

רבי, דאָס איז ער מיין זון. איך גיב אייך מיין גאַנצן פאַרמעגן, אבי העלפט.

יידע

ר׳ ייד. איך וויל נישט אייער פאַרמעגן. איך וויל אייער זון געזונט מאַכן. וואָס איז דאָס נישט גוט מיט אים?

יעקל קצב

מיין זון? מיט א וואָך צוריק גייט ער דורך די שול צוועלף א זייגער באַנאַכט, הערט ער קולות אינווייניק אין שול, צוועלף א זייגער באַנאַכט. דערשרעקט זיך מיין זון, משה בן יעקל, און ער וויל שרייען, — העלף! העלף! ער פילט אז ער קען נישט, אפנים אזוי? און דאָס לשון איז בא אים אָפּגענומען זינט דעמאָלט און ער קען נישט ריידן. רבי העלפט...

יידע

פון וואַנען ווייסט איר, ר׳ ייד, אז אזוי האָט געטראָפן מיט אייער זון, משה בן יעקל, ווייל ער האָט געוואָלט שרייען און ער האָט נישט געקענט?

יעקל קצב

ווייל, מיין זון, ער איז אַן איידל קינד, ער קאָן שרייבן, איצט, ער קען נישט ריידן, האָט ער אויפגעשריבן אַף פּאַפּיר וואָס מיט אים האָט געטראָפן.

יידע

אויב אזוי? אויב ס׳איז יאָ אזוי? אז דער צער איז טאקע אזוי גרויס, און אַ בחור קען נישט אַרויסברענגען אַ הייליק וואָרט פון זיין מויל, פאַר גאָט ב״ה׳ס וועגן, וועל איך גוזר זיין אַף אים און ער וועט שוין ריידן.

קולות

א געטלעכער! א געטלעכער. טשעפּעט אים נישט, חלילה.

ערשטע יידענע

רבי, העלפט מיין טאָכטער אויך!

צווייטע יידענע

העלפט מיין שנור אויך, זי איז אַן עקרה און קען נישט האָבן קיין קינדער.

ערשטער ייד

העלפט אלע יידן, הייליקער רבי.

יידע

אלע יידן וועלן געהאָלפן ווערן. וואַרט, איך אנטלויף נישט פון דאנען, דער אויבערשטער האָט מיך געשיקט צו אייך אין מקום, כדי אלע זאָלן געהאָלפן ווערן.

קולות

לאָמיר זען ווי איר העלפט דעם קצבס זון, דעם משהן?

יידע

זייט שטיל א מינוט און איר וועט זען דעם אויבערשטענס וואונדער, ווייל איך אליין? אליין קען איך גאַר נישט. איך בעט דעם וואָס אין הימל איז און ער, אז ער וויל — העלפט ער. דערפאר זאָג איך: זייט אלע שטיל און בעט דעם אייבערשטן פּונקט ווי איך.

קולות

וואָס זאָלן מיר טאָן?

יידע

זאָגט אַלע נאָך, וואָרט פאַר וואָרט, מיר.

קולות

מיר זענען גרייט נאָכצוזאָגן.

יידע

שרייט אלע שמע ישראל, הויך אַף א קול און אויך דער קראנקער, שטומער משה זאָל אויך אויסשרייען און ער וועט קענען, קענען. איך בין גוזר. נו, — איצט, שמע ישראל!

קולות

(אלע צוזאַמען הויך אַף א קול:) ש מ ע י ש ר א ל.

משה

(עפנט דאָס מויל און שרייט מיט נישט קיין קלאָרער שטים).
שששממממעעע—יישראא

קולות

ער איז געהאָלפן געוואָרן. געהאָלפן געוואָרן!!!

ערשטער ייד

ס׳איז אמת, אז ער, אַף וועמען דער צדיק האָט נבואות געזאָגט איז א גרויסער בעל מופת. ער וועט ברענגען משיחן.

יעקל קצב

(פאַלט יידען צו די פיס און קושט אים:) רבי, וואָס ווילט איר? וואָס זאָל איך טאָן? בעט אייך אויס! איר האָט מיין משהן געמאכט ריידעוודיק. געהערט ווי ער האָט נאָכגעזאָגט, שמע ישראל. שוין א וואָך צייט, אַז ער איז פאַרשטומט געוואָרן. רבי, זאָגט, וואָס ווילט איר? איך וועל לויפן פאַר אייך אין פייער אריין.

קולות

מיר לויפן פאַר אייך אין פייער אריין.

יידע

יידן. איר מעגט זיך אביסל איינהאַלטן, איינאהאלאיען. ווערט שטילער. נעמט דעם געהאָלפענעם משה אהיים צו זיין שטוב און איך וועל צו אייך ריידן.

יעקל קצב

איך גיי נישט אוועק פון דאנען. איך וויל הערן אייער זיס קול, רבי.

יידע

טאָ זעצט אים, דעם געהאָלפענעם אַפּרוען אַף א שטיין און איך וועל ריידן. (עטלעכע העלפן דעם בחור אוועקזעצן אין דער זייט).

יידע

וויסט איר יידן, פאַרוואָס איך בין דאָ בא אייך אין שטאָט ?

קולות

פאַרוואָס ? פאַרוואָס ?

יידע

ווייל די יידן פון מיין שטאָט, וואו איך בין געבוירן, וואו דער צדיק האָט נבואות געזאָגט אז איך וועל ברייגגען דעם אויסלייזער משיח, דאָרט, די יידן זענען געשטראָפט געוואָרן מיט בלינדקייט און זיי זעען מיך נישט. זיי גלויבן נישט אין מיר. זיי האָבן מיך פארטריבן פון דאָרט, פון מיין שטאָט.

יעקל קצב

איך רוף שוין אַלע קצב־יונגען, זיי גייען מיט מיר און...

קולות

לאָמיר לויפן אַהין אין שטאָט אריין און זיי פארטיליקן, וואָס זיי האָבן ארויסגעטריבן אַזאַ הייליקן צדיק.

יעקל קצב

קומט, איר גייט ? איך גיי פאַרויס מיט אייך. יידן, נעמט שטעקנס. ווייבער, נעמט וואַלגער העלצער, נעמט קאָטשערעס, נעמט לאָפּעטעס. באַלעגאָלעס, נעמט אייערע בייטשן און מיר לאָזן זיך אַהין קיין קור־מארנע, און מיר פארטיליקן די שטאָט.

קולות

אַלע זאָלן גיין. ווייבער און קינדער, א גרויס אומרעכט איז געשען דאָרט.

דריטע יידענע

(שלעפּט זיך מיט א קליין מיידל וועלכע גייט אָנגעשפּאַרט אַף א שטעקן. (קומט צו און בעט זיך:) רבי, העלפט. זי מוז זיך אָנשפּאַרן אַפן שטעקן, זינט זי איז געפאַלן און צעקלאַפּט זיך א פוס. רבי העלפט.

יידע

נעמט מענטשן דאָס קראנקע מיידל נעענטער צו מיר און איר אלע שרייט מיט מיר, העלפט מיר נאָכזאָגן מיינע רייד הויך אַף אַ קול.

קולות

מיר וועלן פאָלגן.

יידע

(זאָגט און דער עולם זאָגט נאָך וואָרט נאָך וואָרט:) מיידל, וואַרף אוועק דיין שטעקן. איך בין גוזר!!!

קולות

(דער עולם זאָגט נאָכאַמאָל:) **מיידל, וואַרף אוועק דיין שטעקן, מיר זענען גוזר!**

יידע

גיי גלייך מיט אַלע מענטשן.

קולות

גיי גלייך מיט אַלע מענטשן. (די מיידל וואַרפט אוועק דעם שטעקן און גייט. ס׳ווערט אַזאַ טומל צווישן עולם פון פרייד, א צעמישעניש).

קולות

וואָס זאָלן מיר טאָן? רבי? מיר גייען פאַרטיליקן אייערע באַליידיקער אין אייער שטאָט.

יידע

איך בעט אייך, יידן זייט שטיל, שטיל. איך האָב עפּעס צו זאָגן.

קולות

שטיל, דער צדיק וויל עפּעס זאָגן. (ס׳ווערט שטיל).

יידע

מיינע ליבע יידן! גייט נישט אהין, אזוי, אָט, גרייט צום הרגענען מיינע שטאָט־מענטשן פון קומארנע; כאָטש זיי האָבן געזינדיקט אַנטקעגן מיר און זענען ווערט איר זאָלט זיי אומברייינגען. טאָר מען אָבער נישט, ווייל די שטאָט קומארנע האָט א זכיה: דער צדיק ר׳ אורילע ליגט אין איר באַגראָבן און איך, יידע — יהודה, בין דאָרטן געבוירן, — און ווייסט איר וואָס נאָך? נאָך א זכיה?

קולות

וואָס נאָך? וואָס? זאָגט רבי.

יידע

וואָס נאָך, ווילט איר וויסן? וועל איך אייך זאָגן:
פון קומארנע שטאָט דאַרף אַרויסקומען דער אויסלייזער משיח, ווען איך דאַרף אַנטקעגן גיין, איך וועל ברייינגען משיח׳ן צו זיין פאָלק ישראל, צו די יידן פון דער שטאָט קומארנע.

קולות

ווען זשע וועט קומען משיח?

יידע

משיח וועט געבוירן ווערן דאָס יאָר און משיח וועט געבוירן ווערן פון א מיידל וואָס ווייסט נישט דאָס געלעגער פון א מאַן, א בתולה.

ערשטער ייד

וואָס וועט נישט וויסן דעם טעם פון געלעגער פון א מאַן? עפּעס איז דאָס נישט גלאַט! עפּעס איז דאָס נישט נאָכן יידישן דת!

קולות

וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? אז משיח זאָל געבוירן ווערן פון א בתולה?

יידע

גייט אלע איצט אַהין, די וואָס ווילן גיין מיט שטאַרקייט, מיט כוח — און זאָגט א בשורה דעם שטעטל, אז קיינע פון די מיידלעך וואָס קלייבן זיך חתונה האָבן, זאָלן זיך נישט דערוואַגן חתונה האָבן דאָרט דאָס יאָר, אפילו ווען די וואָס זענען שוין כלות אויך. און אזוי ווי די שטאָט וועט גוזר זיין און אָנזאָגן, אַז דאָס מיידל וואָס וועט נישט פאָלגן און וועט יאָ חתונה האָבן, זאָל מען זי פארשטיינען מיט שטיינער.

קולות

קיינער וועט נישט וועלן ווערן פאַרשטיינערט מיט שטיינער. אלע וועלן פאָלגן, אז מ׳וועט זיי דאָס זאָגן, צו העלפן ברענגען משיחן!

יידע

איך אויך, אַף ווען ר׳ אורילע האָט נבואות געזאָגט: גיי מיט מיט אייך, אָנזאָגן דער שטאָט די בשורה פון די טריט פון משיחן.

קולות

אָנזאָגן דער שטאָט, די בתולות, זיי זאָלן נישט פילן דעם טעם פון א געלעגער פון א מאַן, ווייל, משיח דאַרף געבוירן ווערן.

יידע

דער נביא ישעיה האָט אויך אַף דעם נבואות געזאָגט, אז א מיידל וועט טראָגן ווערן און געווינען א זון.

(יידע האַלט אין מיטן ריידן און דער עולם גרייט זיך צו גיין).

זעקסטע געשעעניש

א וואָך שפּעטער פון דער פינפטער. די זעלבע שטוב וואָס אין דער דריטער געשעעניש, באַ טריינען אין הויז. ר׳ דוב בער זיצט אויף א נידעריק אָרט, שבעה נאָך זיין זון. א ספר ליגט אין דער זייט לעבן אים, דוב בערן. טריינע און ייטע זיצן אין צוויי ווינקלען, די קעפּ אראָפּגעבויגן.

פארשווינען:
ר׳ דוב בער
טריינע
ייטע
בעריש
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד

ר׳ דוב בער

זיץ איך שבעה נאָך אים, זאָל זיך מיר דאַכטן אז ער איז געשטאָרבן. אז ער האָט קיינמאָל נישט געלעבט!

טריינע

אַזאַ טייער קינד! פאַר וועלכע זינד זענען מיר אזוי געשטראָפט געוואָרן? גיי, דוב בער, אפשר איז דאָס גאָר א חלום? אפשר איז דאָס פאָרט נישט אמת? אפשר האָבן נאָר מענטשן, שונאים, דאָס אויסגעטראַכט?

ר׳ דוב בער

גיי איך דאָס ערשט פון דער גאַס. ווייסיך וואָס? אַז סע איז אַזאַ אויפגעלויף דאָרט, שוין א וואָך צייט. זיי גלויבן אין אים ווי אין א געץ; און זיי האָבן שוין געלאָזט אויסרופן אין שטאָט, אַז קיין בתולה טאָר נישט חתונה האָבן און חלילה נישט קיין חופה שטעלן אויכעט. ביז, ביז, זאָגט ער זיי צו, מיין ווייטיק, מיין זון דער טייערער, ביז משיח וועט געבוירן ווערן פון א בתולה, וועט ער? מעג דאָס א ייד? גלייך ווי, — נאָך ערגער ווי געשמדט.

טריינע

און אַ גאַנץ שטאָט מענטשן לאָזן זיך פירן באַ דער נאָז און וועלן נישט ד׳חתונה מאַכן זייערע טעכטער? וואָס וועט מיין ייטע טאָן? וואַרטן?

ר׳ דוב בער

אַודאי וואַרטן! ווער וואָלט זיך דאָס איינגעשטעלט! זיי טאַנצן

ווי די יידן אין דער מדבר לעבן דעם גאָלדענעם קאַלב. זיי באַוואַרפן יעדן מיט שטיינער און שעלטן מיט די ערגסטע קללות. זיי באַשפייען, קוים, אַז מ׳שאָקלט נאָר נישט צו מיטן קאָפּ אַף אַלץ ווי זיי ווילן.

טרײַנע

האָטאָך דער הייליקער צדיק ר׳ אורעלע געזאָגט אַף אים, אַז ער וועט ברענגען משיחן.

ר׳ דוב בער

אָבער אַ וויטיק איז מיר, ער איז געכאַפּט געוואָרן פון אַ נישט-גוטן!

ייטע

אודאי איז ער געכאַפּט געוואָרן פון אַ נישט-גוטן, ווען ער הייסט די מיידלעך נישט שטעלן קיין חופּה׳ס! וואָס וויל ער? די מיידלעך זאָלן פאַרזיצן ביזן גראָען צאָפּ אַריין? בעריש מיין חתן האָט אַזש נעכטן געוויינט מיט ביטערע טרערן, האָט ער. זאָגט ער, וואָלטן מיר געפאָרן אין אַנאַנדער שטאָט און געשטעלט אַ חופּה. איז אָבער, ווי קומט מען צוריק אַהיים, אַז די ווילדע באַנדע, קענען אונדז ווייסיך-וואָס טאָן!

ר׳ דוב בער

וואָס דאָס אומגליק איז נאָך אַזוי גרויס, וואָס פרעמדע מענטשן לערנען מיך, דעם בעל מקובל, דרך ארץ! פאַר מיין אייגענעם זון. זיי וויסן בעסער! מיט מיר איז ער געוואַקסן פון דער מוטערס נופל און געלערנט; שטראָפן פרעמדע ר׳ דוב בערן, וואָס ער גלויבט נישט אין זיין זונס געטלעכקייט. האָ? געטלאָך? מ׳הייסט יידישע טעכטער נישט חתונה האָבן! איך, זיין טאַטע ווייס אפשר דעם סוד, פאַר-וואָס ער הייסט זיי אַזוי? בעסער זאָל ער זיין פאַר מיר טויט, ווי אַלע טויטע און לאָמיר אים באַוויינען. (אַלע וויינען יאָמערלעך).

(דריי יידן קומען אריין. זעצן זיך און ריידן גאָרנישט. אין אַ ווייל אַרום — יאָ).

ערשטער ייד

ר׳ דוב בער, איר זאָלט שוין אָפּגעהיט ווערן פון צער.

צווייטער ייד

פון לעבעדיקן, פון טויט-לעבעדיקן צער.

דריטער ייד

אָפּגעהיטן זאָלן מיר ווערן, פון די, וואָס מענטשן מיינען, זיי ברענגען משיחן!!!

בעריש

(עפנט די טיר, קומט אריין): **אז מען קען גאָרנישט די גאַס דורכגיין, אַז זיי, די כאַפּטע, וואָלטן מיך איינגעשלונגען, פאַר וואָס איך גיי נישט צום נייעם רבין.** (סע הערן זיך קולות אין דרויסן).

קולות

איר ווידערשפעניגער! איר ווידערשפעניגט אנטקעגן גאָט און זיין געזאַלבטן, הייליקן „משיח־אנטקעגן־גייער"! (קולות ווערן שטאַרקער).

קול

(פון טומל שיידט זיך דאָס קול אויס): **קומט אַרויס, ר' דוב בערעניו! וועלן מיר אייך ווייזן ווער עלטער איז?** (דורכן פענסטער פאַלט אריין א שטיין) **קומט אַרויס!** (דאָס געשריי ציט זיך אוועק ווייטער און ווייטער. אין שטוב ווערן אלע אין טויט־שרעק).

(אַלע שטעלן זיך אויף פון די ערטער, נאָר דוב בער בלייבט זיצן).

ר' דוב בער

וואָס קען מען זאָגן? וואָס קען דען אַ טאַטע ענטפערן זיין זון, וואָס ער רעכנט שוין פאַר לאַנג — געשטאָרבן, — טויט?

ערשטער ייד

איר זאָלט שוין אָפּגעהיטן ווערן פון צער.

צווייטער און דריטער ייד

(ביידע צוזאַמען): **איר זאָלט שוין אָפּגעהיטן ווערן פון צער.** (אַלע דרייען מיט מורא ארויס).

ר' דוב בער

איך וועל שוין אָפּגעהיטן ווערן פון צער? ווען איך זאָל געוועזן האָבן צוויי זין? ווער איך צוויי מאָל אָפּגעהיט. אָבער אַזוי? איז נאָר איין מאָל. געטרעכט! (פויזע). **טריינע? איז דאָ אַ ליכט אין הויז?**

טריינע

גיי ייטע, נעם ארויס פון קעסטל צוויי ליכט. (ייטע ברענגט צו די ליכט צו דוב בערן).

ר' דוב בער

ייטע, נעם און צינד אָן די צוויי ליכט פאַר זיין נשמהס וועגן. איין ליכט שטעל דאָ אָפּן טישל און איינס שטעל אין פענסטער אריין, זאָלן די שטאָט מענטשן זיך דערוויסן פון מיין אומגליק, וועלכעס פאַר זיי איז דאָס אַזאַ גליק. (ייטע צינד אָן ביידע ליכט און שטעלט, ווי ער האָט איר געהייסן).

בעל תשובה

(פאַרסאָפּעט ארײַנצושפּרינגען): **איר'ט זען, ער'ט נאָך ווערן א בעל תשובה.**

ר' דוב בער

דערווייל, דערווייל מוז מען זאָגן קדיש נאָך זיין זינדיקער נשמה...

(נעמט זאָגן) **יתגדל ויתקדש...** (צעווייננט זיך. אין דרויסן טומל).

זיבעטע געשעעניש

א גאַנץ יאָר שפּעטער פון דער זעקסטער. יידע שוין אַ רבי. באַ יידען אין שטוב. אין דער היים, אין שטעטל. א גרויסע שטוב מיט לאַנגע בענק און געדעקטע טישן מיט טישטיכער צוגעדעקט. גייט ארום דער גבאי און קלייבט צונויף שטיקלעך פון ציגאַרעטס.

פארשוינען:

יידע
גבאי
צווייטער גבאי
מלך גנב
ערשטע יידענע
צווייטע יידענע
דריטע יידענע
ערשט מיידל
צוויט מיידל
דריט מיידל
עולם — יידן, יידענעס, מיידלעך, יינגלעך.

גבאי

אז טאָג ווי נאַכט, ווי זיי רויכערן. טאָג ווי נאַכט, אז ס׳איז שוין נישט צום אויסהאלטן פון דער באַנדע. א משיח האָט זיך זיי פארגלוסט, און כסדר ליגן זיי איבער זיין קאַרק, דאָ.

צווייטער גבאי

(קומט אריין): **אמאָל איז געווען א שטעטל, א שטילס. מענטשן פלעגן אויך פריער פאָרן צום אַלטן צדיק ר׳ אורילען, אבער אזוינע פארשוינען! ווילדע, גראָבע, זיי קייען וואָס אנדערע שפּייען. זיי קענען נישט רעכט דאַווענען. זיי האָבן אים געקרוינט, און די שטאָט ציטערט פאַר זיי.**

גבאי

דער איינציקער וואָס האָט נישט קיין מורא און שטעלט זיך אנטקעגן, איז, זיין אייגענער פאָטער, ער און דער בעל תשובה אויך.

צווייטער גבאי

(שטילערהייט): **כ׳הער שריט. ער גייט, פאַרכטיק פאר גאָט, פאַרמאַך ס׳מויל גרשון.**

יידעֿ

(קומט אריין. זעט אויס עלטער מיט א יאָר, שפּאַנט ווי א שווערער ייד):
נו? נו? נו, אָ! אָ! אָ! שוין אָנגעפּעכעט מיין פּייקע?

גבאי

נאָך נישט אָנגעפּעכעט די פּייקע היינט. זאָל איך דיר אָנשטאָפּן די פּייקע שוין?

יידעֿ

דו, דו, דו. וועמען זאָגסטו דו? צו מיר רעדט מען ווי צו עטלעכע מענטשן.

גבאי

זייט נישט בייז רבי. זיי פּאַרדרייען מיר א קאָפּ א גאַנצן טאָג, די יידן און די יידענעס, וואָס ווילן אייך נישט אָפּטרעטן, אַז זיי מאַכן מיך משוגע; און איך גיב א קוק אַף אייער יונג פּנימל? פּאַרגעס איך זיך און א זאָג געטאָן: דיר, ווי צו איין מענטש, אַז מ׳רעדט.

יידעֿ

צו מיר רעדט מען ווי צו עטלעכע מענטשן!!!

גבאי

זאָל איך אייך ברענגען די פּייקע?

יידעֿ

גיי דו און ברייננ שוין, גרשון. (גבאי גייט ארויס).

צווייטער גבאי

(איז געשטאַנען ביז איצט און געהיט די טיר. קומט צו צו יידען. יידעֿ האָט זיך נאָר וואָס ארייננעזעצט אין זיין שטול): **רבי? מלך גנב איז דאָ אונטער דער טיר, ער וויל אריין צו אייך?**

יידעֿ

זאָל ער אריינקומען. (גבאי עפנט די טיר און לאָזט אים אריין).

מלך גנב

(פּאַלט אריין וויינענדיק): **רבי, הייליקער צדיקל ר׳ יידעֿ, העלפט מיר!**

יידעֿ

וואָס? דארפסט א רפואה?

מלך גנב

מיין קינד. א יינגל, צוויי יאָר אלט, איז אים עפּעס אין האלדז, ער קען דעם אָטעם נישט כאַפּן. ער וואַרגט זיך. ער פּאַכעט מיט דער מיתה. (וויינט ביטער).

יידע

שאַ. ווײַן נישט. נישט שיין פאר א מאַנזביל צו וויינען! רופט) **גבאי! קום אהער, נעם ארויס פון מיין טאַבאַק פושקעלע און גיב ר׳ מלכן א גרויסן שמעק טאַבאַק.** (גבאי נעמט דאָס פושקעלע און דערלאנגט מלכן א זשמעניע טאבאק).

יידע

זעסט מלך? נעם דעם טאבאק און גיי צו דיר אהיים און גיב דיין קינד אין נעזל אריין דעם טאַבאַק צו שמעקן און קום מיר זאָגן א גוטע בשורה, אז דיין קינד איז געהאָלפן געוואָרן.

מלך גנב

הלואי, פון אייער מויל — און אין גאָטס אויערן אריין! (אנטלויפט ארויס).

גבאי

(קומט אריין מיט דער פייקע אין האַנט): **אייערע חסידים גייען, כסדר אין איין גיין. און אָט איז די פייקע.** (דערלאנגט).

יידע

לאָז זיי אלעמען ווידער אריין.

גבאי

ס׳איז נישט אויסצוהאַלטן. אחוץ דאָס פאַרערכץ וואָס איר האָט פון פרעמדע שטעט ארום, קומען די היגע יעדן טאָג שיכורע, פאַלן פון די פיס, שרייען און זינגען, אז איך האָב שוין נישט קיין כוח אויסצוהאַלטן פון זיי.

יידע

דו גבאי, רייד ווינציקער און לאָז אלעמען אריינקומען.

גבאי

זיי מעגן ווארטן. אייערע חסידים גיבן אייך קיין רו נישט, זינט יעקל דער קצב האָט זיך אריבערגעצויגן אהער אין שטעטל. דער קצב לאָזט־אָך נישט אויס קיין איין מענטש. ער ברייננגט אלע בעלי מלאכות און די פערד הענדלער, די גנבים. פאר זיי ציטערט די שטאָט. און טאקע אפשר צוליב זיי, שוין א יאָר צייט, און ס׳איז נישט געווען א חתונה אין שטעטל.

יידע

איז נישט קיין חתונה אין שטעטל. יידן האָבן פרנסה?

גבאי

די סאַרווערס און די קעכנס, די שמשים האָבן זיך גענומען צום האַנדל.

וואָס קען מער זיין? שמואלקע סאַרוועד איז געוואָרן א האָטעל־האַלטער פאַר די מענטשן וואָס האַלטן אין איין קומען צו אייך פון אַלע וועלט־עקן, און דאָס שטעטל ווערט רייך!

יידע

וואָסזשע דאַרפן זיי שוין חתונות? כ'פרעג דיך, גרשון גבאי?

גבאי

די יונגע בחורים און די מיידלעך, זיי וואָלטן שוין גאָר געוואָלט שטיין אונטער דער חופה. אבער, אבער.

יידע

וואָס איז דער אָבער?

גבאי

אַלע האָבן מורא פאַר דער חברה. אייער יעקבל קצבס חבריה, וואָס סטראַשעט צו פאַרשטיינען יעדע כלה, וואָס וועט זיך נישט צוהערן צו אייערע רייד. צווייטנס, דאָס מחרים זיין, וועלכער ייד וויל מ'זאָל אים אריינלייגן אין חרם אריין?

יידע

זיי מעגן וואַרטן. אי"ה מאָרגן איז דעם רבינס יאָרצייט האָף איך, אז גאָר, גאָר גיך וועט מען זען גרויסע ניסים.

גבאי

איז דען נישט אייער אייגענער פאָטער דער איינגעשפאַרסטער ייד אין דער וועלט! ר' דוב בער גייט איבער אַלע שטיבער. ער און דער בעל תשובה און הייסן אַלעמען אייך, רבי, נישט פאָלגן. ער זאָגט, ער קען קבלה בעסער פון זיין זון!

יידע

אָבער די וואָס דאַרפן הילף? זיי פאַרלאָזן נישט מיין שוועל! זיי זעען די מופתים וואָס איך באַווייז! (די טיר עפנט זיך און מלך גנב שפרינגט אריין).

מלך גנב

רבי! לאָזט מיך קושן דעם זוים פון אייער קלייד, איר האָט געראַטעוועט מיין קינד. אזוי ווי איך האָב דעם קינד געגעבן אין נעזל אריין דעם טאַבאַק, האָט דאָס קינד אויפגעמאַכט די אייגלעך, און געזונט און שטאַרק.

רבי, איך וועל שפרינגען פאַר אייך ווי א בער. וואָס זאָל איך טאָן? איך שלאָג אַ גאַנצע שטאָט פאַר אייך, אז איר הייסט מיר!

(אונטער דער טיר ווערט דער טומל גרעסער).

יידע

איינגעשפּאַרטער גבאי מיינער, אַז איך הייס אַלעמען אַריינלאָזן. (גבאי עפנט די טיר און אַ גרויסער עולם שיט זיך אַריין. ווייבער, קינדער, עלטערע יידן.

קולות

שלום עליכם, רבי!

יידע

שלום, שלום, שלום וועט זיין גאָר גיך צו זיין פאָלק ישראל. אמתער שלום וועט ערשט זיין, ווען משיח וועט קומען, וועט געבוירן ווערן פון אַ בתולה.

קולות

(זיי זינגען):

משיח וועט קומען נאָך דאָס יאָר.
משיח וועט קומען, — דאָס איז וואָר!
דערווייל זענען די חתן־כלה —
חתן־כלה? נישט קיין פּאָר...

(ס'ווערט שטיל).

יידע

ליבע מענטשן, וואָס איז אייער באַגער, ליבע יידן?

ערשטער ייד

מיר זענען געקומען אייך אָנזאָגן, אַז אָט קומען זיי די בתולות. זינגענדיקע, טאַנצנדיקע, גייען זיי איבער אַלע גאַסן פון שטעטל, ציען זיי זיך ווי אַ קייט און קומען אַריין אַהער טאַנצנדיק, אָפּגעבן כבוד צום הייליקן, וואָס אין זיין זכות וועט קומען משיח. (אַ גרויס געשריי אין דרויסן. די טיר עפנט זיך און אין ווייסע קליידער, פריילעכע מיידלעך טאַנצן אַריין. זיי פאָרמירן זיך אין אַ רינג, און טאַנצן אַרום דעם רבין. זיי זינגען):

עס וועלן אַריבערגיין די שווערע טעג.
סע וועט אַריבערגיין דאָס שווערע יאָר.
ביז נאָך דעם הייליקן צדיקס יאָרצייט
וועט ווידער וואַקסן אַ דור נאָך אַ דור.

ביז דעמאָלט ווען משיח וועט קומען.
ביז אונדזער משיח וועט ווערן געבוירן ?
איז צוגעמאַכט, דאָך אונדזער טראַכט,
קלינגט משיח אין אונדזערע אויערן !

מיר טאַנצן, מיר זינגען, מיר שפּרינגען
צום הייליקן צדיק, צום הייליקן רבין.
הייסע, מיידלשע, זומערדיקע נעכט, —
האָבן מיר דיר, רביניו, אוועקגעגעבן.

(אָפּגעטאַנצט, זעצן זיך אַלע אויס אָפּצורוען אַף די בענק).

ערשטע יידענע

ווען רבי ? ווען וועט שוין קומען דער משיח ? ווי איר זאָגט, וועט געבוירן ווערן, ווען ? זי, מיין טאָכטער (ווייזט אַף איינע פון די מיידלעך) קען נישט חתונה האָבן מיטן רבין ? יאָ ? הייסטאָך דער צדיק אליין נישט חתונה האָבן. דער רבי איז אזא יונגינטשקער, מעג ער וואַרטן ! (אַ סוד אַפּן אויער). אָבער, ווייסט איר ? וויפיל פאַרזעסענע מיידלעך, הייליקער רבי, זענען דאָ באַ אונדז אין שטאָט ?

צווייטע יידענע

איך זאָג אייך דעם אמת, רבי. ס'איז שווער צו וואַרטן. מיידלעך ווערן עלטער, נישט אינגער. די שטאָט איז ווי צעמישט. אלטע, פרומע יידן זענען אין כעס אַף אייך. זיי הייסן אפילו זיך אויסלאַכן פון אייך !

קולות

שווייג דאָרטן, דו נאַרישע, משוגענע יידענע. געווג געפּלאַפּלט.

יידע

איך וויל עפּעס זאָגן.

גבאי

זייט שטיל, דער רבי וויל עפּעס זאָגן. שווייגט.

קולות

שטיל. שטיל זאָל זיין. (ס'ווערט שטיל).

יידע

כ'בעט אייך, מענטשן טייערע, גוטע. איך בעט אייך, לאָזט מיך אליין בלייבן, מיט מיר, געציילטע מינוטן.

גבאי

גייט איר אַלע אַרויס? ווייל איך וואַרף אייך אַלע אַרויס! עטלעכע מינוט? (אַלע לאָזן זיך אַרויסגיין און זשומען ווי די פליגן).

ערשטע מיידל

ביז מיר קענען ווידער אַריינקומען, וועלן מיר וואַשן דיינע פיס און טרינקען דאָס וואַסער, רביניו!

צווייטע מיידל

וועלן מיר ווידער קענען קוקן אין אייער הייליקן, שיינעם פּנים אַריין, וואָס האָט יוסף הצדיקס שיינקייט.

דריטע מיידל

ביז מיר קענען ווידער טרינקען די זיסע רייד, וואָס טריפן פון אייערע ליפּצן, רבינו! (אַזוי פאַרלאָזן אַלע די שטוב, אויך דער גבאי גייט אַרויס).

יידע

(קוקט זיך אַרום, שפּאַנט איבער דער שטוב): איך וויל זיין מיט זיך אַליין, אַמאָל אַליין. קען איך נישט. שטענדיק געוואַלדעווען זיי אַזוי אַרום מיר. און וואָס? צו וואָס האָט דאָס מיר גענוצט? ייטען, נאָך ווען מיין ליבּ גלוסט, קען איך במילא נישט נעמען. אמת, זי האָט ביז איצט נישט חתונה געהאַט מיט דעם בעריש, אָבער, וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? בענק איך דען נישט? מאָך איך דען נישט נאָס דאָס קישן אויף מיין געלעגער פון מיינע טרערן? זיי טאַנצן אַרום מיר ווי אַרום גאָלדענעם קאַלב. וועט מען דען מיר שווייגן שפּעטער וואָס איך פיר אַזאַ גאַנצע שטאָט באַ דער נאָז? וועט דער אייבער־שטער מיך דען נישט אויסרייסן, ווען ער זעט ווי איך נאַר יידישע טעכטער און פאַרשליס זייער טראַכט? איך האָב פאַרשטערט זייערע יום טובים און פאַרוויסט זייערע חתונות און בריתן. איך האָב זיי איינ־געריידט אַזאַ געצנדינערישן גלויבן. אוי, ווי איז מיר מיין וועלט. און מיין אייגענער טאַטע? ער פאַרשעלט מיר מיין געביין. איך האָב פאַרקירצט זיינע יאָר.

אָבער די מופתים וואָס איך באַווייז? איך זאָג אַרויס און גאָט העלפט טאַקע. איז דאָס אפשר דערפאַר, ווייל זיי אַלע גלויבן אַזוי שטאַרק אין זיין ליבן נאָמען, הערט ער זיך צו צו זיי און זיי ווערן געהאָלפן דורך דעם וואָרט וואָס איך ברענג אַרויס פון מיינע ליפּן? אָבער, געוואַלד! פאַרוואָס קען דאָס וואָרט מיר אַליין נישט דינען? פאַר־וואָס קען איך העלפן אַ גאַנצע וועלט מענטשן, און מיר אַליין קען איך

נישט העלפן, מיין באגער, ייטע זאָל ווערן מיין ווייב? איך קען שוין נישט מער. מאָרגן איז שוין די יאָרצייט און וואָס וועל איך זיי איבערמאָרגן איינריידן?

גבאי

(קלאַפּט אָן און קומט אריין): רבי, אלע דרענגען זיך ארייננצוגיין.

יידע

אַהער נישט! זאָלן אלע ארונטערגיין אין בית המדרש אריין, מע גרייט זיך אף מאָרגן צום רבינס יאָרצייט. אלע זאָלן גיין אין בית מדרש.

גבאי

וועט דער רבי אויך ארונטערקומען אין בית מדרש?

יידע

(שטעלט א פוס צום טיר): יאָ, יאָ, יאָ. איך גיי אַט שוין ארונטער.

אַכטע געשעעניש

פינף מינוט שפּעטער פון דער זיבעטער. דאָס זעלבע אַלטע בית המדרש, וואָס אין דער צווייטער סצענע. יינגלעך מאַכן ליימלעך און שטעלן זיי אויס. עטלעכע יידן שטייען אין אַ ווינקל און שמועסן. איינער ווידער גייט אַרום און זינגט זיך דאָס לידל. ס׳איז אויך דער־זעלבער וואָס האָט געזונגען דאָס ליד אין דער ערשטער סצענע.

פּאַרשוינען:

יידע
ר׳ דוב בער
טריינע
ייטע
בעריש
בעל תשובה
מלך גנב
יעקל קצב
יינגלעך
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
פערטער ייד
ערשטע יידענע
צווייטע יידענע
עולם — מיידלעך, ווייבער, מאַנזביל.

ערשטער ייד

יאָ, דער אמתער אמת — הייסט אַף מאַמע לשון, וואָר.
דאָס מיינט, אַז משיח וועט קומען נאָך דה־יינטיקס יאָר.
דאָס מיינט, אַז דער צדיק ר׳ אורי האָט פאָראויס געזען,
דאָס יידע וועט זיין אַזאַ צדיק, ווי ר׳ אורי איז געווען.
אין אַ גאָר קורצער צייט, וועט שנעל און גיך
יידע זען אָנקומען דעם אויסלייזער, משיח!
אַלע וועלן ווערן געהאָלפן, פּיינען וועלן שטילן.
אַזוי איז געווען דעם צדיק ר׳ אורילעס ווילן.
(דער ייד זעצט זיך לעבן אויוון טרעלדלט זיך שטילערהייט).

צווייטער ייד

(די יידן וואָס שמועסן אין ווינקל): **אז מ׳קען נישט דאָס מויל עפענען!**

דריטער ייד

קוים, אַז זאָגסט נאָר נישט ווי ער, אַז משיח וועט קומען און וועט דוקא געבוירן ווערן פון א בתולה, עסט מען דיך אויף אַ לעבעדיקן.

פערטער ייד

נאָר דערפאַר וואָס דו זאָגסט נישט אזוי ווי ער!

צווייטער ייד

דאָס וואָס יידן שטופן זיך אַן די מאַגנס און אויך די קעשענעס פון די געסט, וואָס קומען צו דעם פאַלשן רבין, דאָס ברענגט זיי צו שווייגן! דערפאַר וועלן זיי אייך אויפעסן אַ לעבעדיקן אויב איר רעדט אַ וואָרט!

פערטער ייד

פרנסה! ווער וויל דאָס עפּעס קאַליע מאַכן יידן די פרנסה?!

(סע הערן זיך די קולות פון דעם עולם אין דרויסן).

צווייטער ייד

הערט, זיי גייען שוין אַהער. לאָמיר אַרויסגיין, כדי נישט צו קוקן אין די טריפה פּנימער אריין. (אַלע דריי יידן גייען ארויס, און אין דער זעלבער מינוט קומט אריין דער עולם און יידע אין בית המדרש אריין. יידע שטעלט זיך אוועק אין א ווינקל לעבן ארון קודש, מלך גנב קומט צו).

מלך גנב

אַזאַ שאַנד! אַזאַ שאַנד, רבי, איך האַלט נישט אויס, רבי. ער, יעקל פירט זיי.

יידע

(דערשראָקן): **וואָס? וואָס מלך, דערציילסטו?**

קולות

נאָר פארשטיינען מיט שטיינער, פאר אַזאַ זינד.

ערשטע יידענע

סע זאָל כאָטש נישט שאַטן קיין קליינע קינדער, גאָטעניו!

יידע

וואָס איז? כ׳הער נישט. וואָס איז דאָס אַזאַ געשריי?

(די טיר ווערט אויפגעפראַלט און א מענגע מענטשן שטופן זיך אריין. יעקל קצב גייט פאַראויס).

יעקל קצב

כ׳האָב זי געפאַקט, דערטאַפּט. (ער שלעפט נאָך זיך ייטען, בעריש, ר׳ דוב בערן און טריינען. זיי זענען ארומגערינגלט פון א סך שטאַרקע יונגען).

יידע

(בייגט איין זיין קאָפּ): **אביסל שטילער, שטילער מענטשן.** (זיי דער־נענטערן זיך צו יידען).

יעקל קצב

(שרייט מיט באַנומענע קולות): **נאָך נעכטן ביינאכט, רבי, האָטן מיר דערציילט, אז אייער שוועסטערקינד האָט ביטער געזינדיקט אנטקעגן אייך, רבי. און אנטקעגן משיחן.**

קול

(פון איינעם פון דער חברה שטארקע): **איך האָב געהאלטן אין פאַר־טיקן א זאָטל פאַרן פריצעס פערד וועגן, האָב איך אָבער געהערט די גייס, בין איך גלייך געלאָפן מיט יעקב קצב אים העלפן.**

יעקל קצב

אָט האָבן מיר זי געבראכט צו אייך צו משפטן.

קולות

זאָל איר געביין אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל.

יידע

וואָס איז! איך פאַרשטיי אַלץ נישט. איך וויל נאָר וויסן, וואָס גייט דאָ אָן!

יעקל קצב

לאָזט מיך, איך וועל אייך זאָגן, לאָזט מיך.

יידע

גוט, ר׳ יעקל. וואָס?!

יעקל קצב

דאָ און אין אלע שטעטלעך ארום, וואַרט מען ווי מ׳וואַרט פאר משיחן, אף משיחן ער זאָל טאַקע געבוירן ווערן. נו! אז משיח קען נישט קומען — ביז ער וועט נישט געבוירן ווערן, ווי ר׳ יידע האָט אונדז אָנטפּלעקט, פון אַ בתולה, פון אַ ריינער, כשרער טאָכטער. וואַרטן אַלע כלות מיט זייערע חופּה׳ס. נאָר זי, אייער קרובה, אייער געשוועסטער־קינד האָט נעכטן באַנאכט אין באהעלטעניש געשטעלט א חופה מיט איר חתן, מיט דעם בערישן.

יידע

(שרייט אויס): **ווײ איז געשריגן! ווײ!**

קולות

ווײ איז געשריגן. וואָס זאָלן מיר איצטער טאָן? אָן אומגליק!

יידע

און א גרויס אומגליק אויך!!??

קולות

און א גרויס אומגליק אויכעט!!

יידע

א גרויס אומגליק איז אויסגעגאנגען אף אונדזער מקום, מיט דעם, וואָס ייטע, מיין געשוועסטערקינד האָט פאַרשוועכט איר געלעגער, איר ווייס איבערגעצויגן בעט מיט איר חתן בערישן.

ר' דוב בער

(מיט א יאמערלעך קול): מיין זון, מיין זון! לאָמיך ריידן צו דיר!

יעקל קצב

דער פאָטער, דער ווידערשפעניגער פאָטער פון הייליקן רבין וויל עפּעס זאָגן, מעג ער? אָדער איך פאַרמאַך אים דעם פּיסק?

יידע

איך האלט פון — כבוד אב, ר' יעקל.

יעקל קצב

רעדט ר' דוב בער, זיין טאַטע.

ר' דוב בער

אַז אַ ווייטיק איז צו מיינע אויגן וואָס באַדאַרפן דאָס צוזען. בעסער וואָלטן מיינע אויערן טויב געוואָרן, מיינע אויגן בלינד געוואָרן, מיין קאָפּ זיין פאַרשטאַנד פאַרלאָרן, מיינע פיס געלעמט געוואָרן איידער איך האָב געטרעטן איבער דער שוועל פון מיין געוועזענעם, געליבטן זון, מיין אייגן בלוט און פלייש, צו זען ווי מיין אויג אין קאָפּ לעסטערט דעם יידישן גאָט. בעסער וואָלט מיין מויל שטום געוואָרן פריער. ווייס אבער ווייס, אז דער, וואָס איז אויבן, האָט מיך געלאָזט לעבן און געפירט צו דיין שוועל, צו זאָגן דיר, אַז ס'איז נישט רעכט אין גאָטס אויגן, אז א שטאָט מיידלעך זאָלן „נאָנעס" ווערן און נישט קינדלען, און נישט פילן דעם טעם פון געלעגער פון אדם וחוה. ס'איז נאָך אזוינס נישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט!!! דיין מאַמע אין קבר וועט קיין רו נישט האָבן. פאַר דער וועלט האָב איך קיין מורא נישט. אָבער אייביק צו גיין פאַרהאַנגען מיט שוואַרצן דאָס פּנים אף יענער וועלט, א ווייטיק איז מיר...

(ר' דוב בער פאַלט אום. עמיץ האַלט אים אונטער א פאַרחלשטן).

יעקל קצב

איך קען דאָס נישט אויסהאַלטן. זיי אליין, אזוינע זינדיקע!

קולות

וואָס זאָלן מיר טאָן מיט זיי ?

יעקל קצב

אָפּן יאַטקע קלאָץ לייגט זיי און איך נעם דעם טאָפּאָר און האַק זיי אָפּ די קעפּ.

יידע

(ציט זיך אין דער גאַנצער גרויס) : מיינע ליבע יידן ! איך בעט אייך אלע צו זיין רואיק און געלאַסן. היצט אייך נישט !

קולות

זאָל מען די מויד פארשטיינען מיט שטיינער !

יידע

אויב פאַרשטיינען, קומט מיך פריער צו פאַרשטיינען! קוקט גלייך אין דעם פּנים פון מיין פאָטער, דער בעל מקובל ר׳ דוב בער.

קולות

א וויטיק איז אונדז. אַן אומגליק אַף אונדז.

יידע

איך בין זיך פאר אייך מודה ומתודה, ווייל איך האָב געגלוסט צו ייטען, ווען זי איז געווען א כלה צו בערישן און נישט געקענט קומען צו איר, צו לייגן זיך און זי באשלאָפן, האָב איך אויסגעטראַכט דאָס איינריידעניש, אז משיח וועט געבוירן ווערן נאָר פון א בתולה, כדי ייטע זאָל נישט טאָרן דערווייל חתונה האָבן מיט איר חתן. אבער איצט, אז ייטע האָט שוין חתונה געהאַט און האָט א מאַן ! פאַרשטיינט בעסער מיך. איך וויל נישט לעבן !

יעקל קצב

רבי ! מיר שרעקן זיך פון אייערע רייד. מיר פאַרשטייען נישט, איר האָטאָך אונדז אלעמען ארויסגעהאָלפן פון יעדער נויט !

קולות

איר האָט אונדז אלע געהאָלפן !?

יידע

דאָ, — וואו דאָס אומגליק איז אזוי גרויס ! אייך אלעמען האָב איך געקענט העלפן, אפילו ריידנדיק מאַכן אייערע שטומע זין. ברייגגען משיחן. אבער מיר אליין ? זיך אליין האָב איך נישט געקענט העלפן צו האָבן די גלוסטונג פון מיין אייגן לייב !

קולות

רבי, איר האָט אונדז אויפגעהויבן !

יידע

אַ מענטש קען אויפהויבן אַלץ, אַלעמען. אָבער אויפהויבן מיט זיינע הענט זיך אליין, נעמען אַף די הענט, קען א מענטש נישט זיך אליין.

קולות

הייליקער. הייליקער. הייליקער.

יידע

רופט מיך נישט הייליקער. איך בין ווערט פאַרשטיינט צו ווערן מיט שטיינער. איך בעט איך, הרגעט מיך. ווישט אָפּ מיין נאָמען פון דער ערד!

יעקל קצב

אַז דער הייליקער בעט מ'זאָל אים הרגענען?

קולות

אויב דער הייליקער בעט, פאַרשטיינט אים. לאָמיר! לאָמיר!

בעל תשובה

(שפרינגט ווילד אריין און שרייט אויס): **שלאָגט נישט, פאַרגיסט נישט** קיין בלוט. יידע, בן ר' דוב בער, איז געוואָרן אַ בעל תשובה.

קולות

א בעל תשובה. א בעל תשובה!

בעל תשובה

במקום שבעלי תשובה עומדים,
צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד.

קולות

אַף דעם שטאַפּל פון אַ בעל תשובה,
קען אפילו א צדיק נישט שטיין...

ס ו ף.

וואַן דער ליובע

וואַן דער ליובע

א מעשה וואָס איז פאַרלאָפן אין בערלין און לייפּציג, 1933
און זיך פאַרוויקלט אין 13 געשעענישן.

ערשטע געשעעניש

אַף אַ קאָמוניסטישער פאַרטיי־פאַרזאַמלונג. אַ זאַל מיט אַ קליינער בינע, אַף וועלכער עס זיצט דער פאָרזיצער, אַ סעקרעטאַר און נאָך עטלעכע מענטשן.

פון דער טיר קומען מענטשן אַריין און אַרויס. די פאַרזאַמלונג איז אין מיטן גאַנג. אַ פופציק אַרבעטער פאַרזאַמלט.

פאַרשוינען:

עולם — (אַרבעטער: (מאַנזבירן און פרויען).
פאָרזיצער
סעקרעטאַר
וואַן דער ליובע
דימיטראָוו
טיר־וועכטער
האַנס — (צווייטער וועכטער.)

פאָרזיצער

(שטייט אַף דער פּלאַטפאָרמע און רעדט) קאַמראַדן, מיר טאָרן זיך ניט לאָזן פאַרפירן, נישט פון רעכטס און נישט פון לינקס. די אָפּנויגלער, די אָפּאָרטוניסטן פון רעכטס קומען צוגיין מיט שרעקעדיקע רייד און וואַרפן אָן שרעק, אַז וואָס די קאָמוניסטישע פאַרטיי טוט איז צו ראַדיקאַל. די לינקע פראַזן־שיסער ווידער, שיסן רעוואָלוציאָנערע פראַזן און קומען אַלעמאָל אַרויס קעגן דער פאַרטיי. אַ סך פון זיי, שפּיאָנען, דרייען זיך אַרום באַ אונדז און גיבן זיך

נישט אויס ווער זיי זיינען; באַ יעדער געלעגענהייט וואָס זיי האָבן קומען זיי אָבער אַרויס און גראָבן אונטער די מאָראַל פון אונדזער פּאַרטיי און די גראַדע ליניע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. און נאָך דאָס ערגסטע, אַ נייע פּלאָג האָט זיך געגומען באַווייזן אין אונדזערע רייען, וועלכע מען מוז מיטן וואָרצל אויסוואָרצלען, און דאָמיט מיין איך די יעניקע, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן אַביסעלע אָפּן פּאַשיזם פון היטלערס אַזוי גערופענער „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער" פּאַרטיי. אַ טייל אַרבעטער מיט שוואַכע מוחות לאָזן זיך פּאַרפירן און האָבן אַמאָל אַ גוט וואָרט פאַר די ברוינע העמדלעך און זיי זאָגן: — „אויך ער, היטלער, איז אַ קעגנער פון דער פּאַרפירערישער דעמאָקראַטיע אונדזערער."
וואָר איז, אַז די אמתע פאַררעטער פונם אַרבעטער קלאַס, זיינען נאָסקעס און שיידעמאַנס „סאָציאַליסטן — די סאָציאַל־פּאַשיסטן". וועלכע לעבן אויף זייער אלטער גלאָרי. ווען זיי זיינען נאָך געוועזן אָן אַרבעטער פּאַרטיי. אין זיי ליגט די אמתע געפאַר — פון פאַר־נאַרן אַרבעטער פון אונדזערע רייען. זיי, וועלכע האָבן פאַרשאַכערט די סאָציאַלע רעוואָלוציע און ניט דערלאָזט, אַז מיר, די דייטשע אַרבעטער זאָלן ווערן די הערשער און אָפּשאַפן די רויבערישע קאַ־פּיטאַליסטישע אָרדנונג. אָבער, אויך קאָנען די דייטשע אַרבעטער נישט באַגרייפן, אַז היטלער, האָט דערפאַר, צו זיין „נאַציאָנאַל" זיך אויסגעבאָרגט דעם „סאָציאַ־ל־י־ז־ם", וואָס לאָזט אמאָל פאַלן אַ וואָרט קעגן די באַנקירן, מיינט בלויז, מיט דעמאַגאָגישע מיטל כאַפּן די אַרבעטער אויף דער וועגטקע. דערפאַר מוזן מיר טיילמאָל, ביי זיי אַרויסרייסן „דעם ווינט פון די זעגלען", — ווי, ווען די נאַציס האָבן גערופן אַ שטרייק פון די טראַמווי אָנגעשטעלטע, האָבן אַר־בעטער־קאָמוניסטן געהאָלפן יענע אַרבעטער אין זייער קאַמף און געוויזן; ווער ס'איז פאַר אַרבעטער סאָלידאַריטעט! דאָס מיינט אָבער, פאַר קיין פאַל נישט, אַז עמיץ פון אונדז מעג אַרונטערפאַלן היטלערס איינפלוס ? !

סעקרעטאַר

(וואָס זיצט נעבן דעם פּאָרזיצער שרייט אויס:) איך דענק, אויב מען זעט פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס הויבן אָן זוכן אַן אויסרייד פאַר זייער אָפּאָרטוניזם, דאַרף די פּאַרטיי קיין סך געדולד מיט זיי נישט פאַרלירן. די פּאַרטיי טוט גוט ווען זי שליסט אַזעלכע אויס פון אונדזערע רייען און אין צייט.

עולם

(קלאַפּט בראַוואָ).

פּאַרזיצער

איך דערקלער פינף מינוט אָפּרו. (די פּאַרזאַמלטע שפּאַצירן איבערן צימער אוןריידן צווישן זיך).

טיר־וועכטער

(רעדט צום צווייטן טיר־וועכטער): זאָג, האַנס, דו ווייסט ווער ס'איז דאָ אַריינגעקומען?

האַנס

ווער? איך קען נישט אַ סך קאַמעראַדן פון דאַנען.

טיר־וועכטער

ווער ווייסט וויפיל שפּיאָנען ס'געפינען זיך דאָ היינט?

האַנס

די פּאָליציי־שפּיאָנען זיינען אַ היפּש ביסל אין אונדזערע רייען. זיי דרייען זיך אַרום ווי די מייז און נישטערן. אָבער זאָג מיר, וועלכער איז דער וויכטיקער, וואָס איז דאָ אַריינגעקומען?

טיר־וועכטער

קוק נישט אָף אים; זאָל נישט פאַלן אָף אים קיין חשד און זאָל ער נישט מיינען, אַז מען קוקט אָף אים.

האַנס

איך קוק נישט, זאָג.

טיר־וועכטער

זעסט דעם מיט די קרייזלדיקע האָר און מיט די גרויסע אויגן, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען? זעסט, ער זיצט אַזוי אָן דער זייט, זעסט, ער איז א מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט, פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

האַנס

ער זעט אויס צו זיין אַ —

טיר־וועכטער

איך ווייס אפילו זיין אמתן נאָמען אויך.

האַנס

ווי הייסט ער טאָקע? אָדער וואָס איז זיין פּאַרטיי־נאָמען?

טיר־וועכטער

זאָל זיין אַז כ'ווייס, אָבער מען טאָר נישט אויסזאָגן. איך ווייס אפילו, אַז ער איז נישט קיין דייטש און אויך נישט קיין רוס.

האַנס

וואָס דען איז ער?

טיר־וועכטער

ער איז אַ בולגאַר.

האַנס

אַ בולגאַר?

טיר־וועכטער

ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַלע בולגאַרישע אויפשטאַנדן פון אונדזערע קאַמעראַדן דאָרטן.

פאַרזיצער

(ווי פריער, שטייט אַף דער פּלאַטפאָרמע און רעדט:) קאַמראַדן, מיר וועלן ווייטער אָנגיין מיט אונדזער פאַרזאַמלונג. ווער וויל אַ וואָרט?

וואַן דער לובע

(הויבט אויף זיין האַנט).

פאַרזיצער

איר האָט דאָס וואָרט, קאַמעראַד.

וואַן דער ליובע

ס׳מוז דאָך שוין נעמען אַ סוף! אומעטום און אין אַלע ערטער, וואו מ׳קומט צווישן קאַמעראַדן קאָמוניסטן—נאָר מען הערט איין וואָרט, רענעגאַט און פאַררעטער. קוים איך שטים נישט איין מיט אייך, מיט דער ליניע פון דער פּאַרטיי? וואַרפטן באַלד אַרויס!

עולם

וואַרפט אים אַרויס, דעם נאַר, דעם דומקאָפּ!

פאַרזיצער

לאָזט אים, קאַמעראַדן, זאָל ער אַרויסריידן. דאַמיט טוט ער זיך אויס נאַקעט פאַר אונדז. ווייסן מיר ווער ער איז. וועט איר אים נישט דאַרפן וואַרפן. וועט ער שוין אַליין אַנטלויפן. (צו וואַן דער ליו־בען:) וואָס נאָך האָט איר צו זאָגן? האר!

וואַן דער ליובע

איך קום צווישן זיי, די נאַציס. איך קאָן עטלעכע פון יענע האַרן, זאָגן זיי, זיי זאָגן, אַז זיי זיינען אויך פאַר די אַרבעטער.

עולם

וואַרפט אים אַרויס, גיכער.

וואַן דער ליובע

וואַרפט איר מיך אַרויס? פאַרוואָס? איך וויל דינען די אַרבעטער אין זייער קאַמף אַנטקעגן קאַפּיטאַל. די נאַציס זיינען אויך . . .

אַלע

גיי צו דיינע נאַציס, זיי וועלן שוין דיינע אויגן עפענען. גיי!

פאָרזיצער

ווער זייט איר, וואָס איר נעמט זיך דאָס רעכט צו ריידן דאָ בא אונדזער פאַרטיי מיטינג אַזאַ שפּראַך? האָט איר אַ פאַרטיי ביכל? זייט איר אַ קאָמוניסט?

וואַן דער ליובע

איך האַלט זיך פאַר אַזאַ איינעם. קיין פאַרטיי ביכל האָב איך ניט.

פאָרזיצער

לויט אייער דיאַלעקט, זיינט איר נישט קיין רייכס־דייטשער.

וואַן דער ליובע

איך בין אַ האָלענדער. איך בין דאָ אַ קורצע צייט אין לאַנד.

סעקרעטאַר

(וואָס זיצט לעבן פאָרזיצער, דערלאַנגט דעם פאָרזיצער אַ שטיקל פּאַפּיר. דער פאָרזיצער קוקט אַריין און רעדט שאַרף.)

פאָרזיצער

האָר וואַן דער ליובע. איז אייער נאָמען אַזוי?

וואַן דער ליובע

יאָ, דאָס איז מיין נאָמען. אַזוי הייס איך.

פאָרזיצער

און אייער פאָטאָגראַפיע דערקענט איר? (ער ווייזט זיין בילד).

וואַן דער ליובע

יאָ, איך דערקען. איך לייקן נישט.

פאָרזיצער

דאָ אַף אייער בילד איז אויך דאָ אַ באַפעל פון דער פאַרטיי אייך נישט אַריינצולאָזן צווישן קאָמוניסטן און אייך נישט אויסצוהערן.

וואַן דער ליובע

פאַרוואָס קומט מיך נישט אויסצוהערן?

פאָרזיצער

ווייל די פאַרטיי אין האָלאַנד האָט אייך אויסגעשלאָסן אַלס אַ שעד-

לעכן מענטשן און פּאַרעטער. גרינדער פון לעכערלעכע לינקע יוגנט אָפּאָזיציעס.

חאַן דער ליובע

איך וואָלט אָבער געבעטן מ׳זאָל מיך אויסהערן.

פּאַרזיצער

מיר ווילן אייך נישט אויסהערן.

עולם

וואַרפט אים אַרויס. מיר ווילן אים נישט הערן.

דימיטראָוו

(זיצט אָן דער זייט, שפּרינגט אויף, שרייט:) **וואַרפט אים אַרויס, אַרויס!**

וואַן דער ליובע

הערט מיך אויס!

עולם

(כאַפּט וואַן דער ליובען, מען שלעפּט אים צו דער טיר).

וואַן דער ליובע

(ווערט זיך, זינגט דעם אינטערנאַציאָנאַל ווען מען שלעפּט אים. טומל)

צווייטע געשעעניש

אין צווײ װאָכן אַרום. בערלין. לעבן דער רייכסטאַג געבײדע. מענטשן גײען אַריין און אַרויס. װאַן דער ליובע שטייט. מען דערקענט, ער זוכט אײמעצן. זעט אויס הונגעריק, אויסגעמאַטערט, איז אין צעריסענע קליידער. באַ דער טיר שטייט אַ פּאַרטער.

פּאַרשוינען:
װאַן דער ליובע
מענטש
פּאַרטער
טאָרגלער
עולם

װאַן דער ליובע

(רעדט צו זיך:) **אפשר װעל איך האָבן אַ געלעגנהייט צו ריידן צו קאַמעראַד טאָרגלער? דער פירער פון די קאָמוניסטישע רייכסטאַג אָפּגעאָרדנטע, טאָרגלער, װעט מיך פאַרשטיין. איך װעל בעטן טאָרגלערן איצטער. פון די מיטינגען װאָרפט מען מיך אַרויס, מען לאָזט מיך נישט קומען צום װאָרט. איך בין אַ גוטער קאָמוניסט. די מאַסע װיל מיך נישט פאַרשטיין. איך װעל ריידן צו טאָרגלערן.**
(װאַן דער ליובע דערזעט אַ מענטשן אָנקומען, לויפט אנטקעגן. שטעלט אים אָפּ) **זייט איר האַר קאַמעראַד טאָרגלער?**
(דער מענטש ענטפערט נישט, פאַרשווינדט אין דער געבײדע.)

װאַן דער ליובע

אַך, אַנטשולדיקט. (ער װאַרט װידער, גייט צו צום רייכסטאַג פּאָרטער) **װען קומט אַהער האַר טאָרגלער?**

פּאָרטער

איר מיינט, קאַמעראַד טאָרגלער?

װאַן דער ליובע

איז ער אייער קאַמעראַד אויך?

פּאָרטער

ער װאָלט געװען, אפשר װען איך אַרבעט נישט דאָ באַ דער רייכסטאַג געבײדע. אָבער אַזוי װי מען איז אַ רייכס־אַנגעשטעלטער, איז טאָרגלער „האַר טאָרגלער.“

װאַן דער ליובע

װאָלט איך געקאָנט קריגן עפּעס אַן אַרבעט אין דער רייכסטאַג געבײ־

דע? העלפט מיר באַקומען אַרבעט. איך הונגער. איך שלאָף אינדרויסן מיט דעם ווינט.

פּאַרטער

מיין קינד, דו ביסט נאָך יונג. דו פאַרשטייסט נישט! וואָס קאָן איך טאָן?

וואַן דער ליובע

הייסט, אַז מען דאַרף נישט קיין אַרבעטער?

פּאַרטער

דאַרפן, דאַרף מען יאָ, אָבער, דו ווייסט אַ שטייגער וויפיל צימערן און קאָרידאָרן מיר פאַרמאָגן דאָ? דער רייכסטאָג איז געשטעלט געוואָרן אין יאָר 1884 ביז 1894. געקאָסט האָט עס פונקט מיין פאַרמעגן (לאַכט) — פינף ביליאָן מאַרק, וואָס דייטשלאַנד האָט באַ־קומען שאָדן־ערזאַץ פון פראַנקרייך, נאָכן פראַנצויזיש־פּרייסישן קריג אין יאָר 1870. זעסט, דער רייכסטאָג איז 131 מעטער לאַנג, 88 מעטער ברייט און 27 מעטער הויך בלויז נאָר ביז צו די קאַרניזן, פאַרשטייסט? געבויט איז אַלץ פון שלעזישע זאַמדשטיינער. אינע־ווייניק איז אַלץ פאַרפּוצט מיט מאַרמאָר און פיינסטן האָלץ. ברייטע שטיגן פירן צום הויפּטאַריינגאַנג און אויך צו די זייטנוועגן, פאַר־שטייסט?

וואַן דער ליובע

צו וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ וויסן?

פּאַרטער

דו זעסט, ס'איז אויך אפילו דאָ אַן אונטערגרונט־גאַנג, וואָס פירט גלייך פון דאַנען ביז אַקעגן איבער אין דער געביידע פון דעם רייכס־טאָג פּרעזידענט.

וואַן דער ליובע

צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן?

פּאַרטער

איך בין דאָך נאָר אַ פּאַרטער, אַן אומוויסנדער קערל, פונדעסטוועגן ווייס איך דאָס אַלץ. רייכסדייטשן מוזן אַלץ פאַרשטיין און וויסן.

וואַן דער ליובע

יאָ וויסן, נישט וויסן, וואָס טוט מען וועגן אַרבעט? מיינע געדערים ווערן מיר איבערגעדרייט פון הונגער!

פּאַרטער

דו ביסט דאָך אַן אויסלענדער, ווער זשע זאָרגט זיך אין דייטשן רייך

פאַר אַן אויסלענדער ? יאָ, דו ווילסט זען האַרן טאָרגלער, נישט אמת ? אָט גייט ער. קומט אַהער.

וואַן דער ליובע

יאָוואָל, דאָס וויל איך טאַקע.

(טאָרגלער איז נאָר וואָס אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל. איילט זיך גלייך צום אַריינגאַנג פון רייכסטאָג געביידע).

וואַן דער ליובע

(גייט אים אַקעגן אַן איינגעבויגענער) זענט איר, האַר — כ׳מיין קאַמעראַד טאָרגלער ?

טאָרגלער

וואָס איז אייער פאַרלאַנג, אויב איך בין טאַקע טאָרגלער ?

וואַן דער ליובע

כ׳וויל איר זאָלט מיר העלפן — מיך אַריינקומען אין דער פּאַרטיי. זיי טרייבן מיך, זיי לאָזן מיך נישט אָ וואָרט ארויסריידן.

טאָרגלער

איך בין אַ פאַרנומענער מענטש, איך האָב אַ גאַנצע וועלט אַף מיין קאָפּ. און קומט איר ? רעדט קלאָרע רייד, גיך. איך פאַרשטיי אייך נישט, מיין האַר.

וואַן דער ליובע

אין האָלאַנד, מיין געבורט־לאַנד, האָט מען מיך פון דער פּאַרטיי אַרויסגעוואָרפן.

טאָרגלער

וואָס ווילט איר דאָ אין דייטשן רייך ?

וואַן דער ליובע

איך וואָלט געוואָלט צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי.

טאָרגלער

פאַרוואָס האָט מען אייך דאָרט אַרויסגעוואָרפן ?

וואַן דער ליובע

פאַר, פאַר — אָט אַזוי האָבן זיי געזאָגט, אָבער איך קלער, כ׳מיין, ס׳איז נישט אמת.

טאָרגלער

וואָס איז יאָ אמת ? ? ?

וואַן דער ליובע

אמת ? איך חבר זיך מיט היטלערס מענער, ווייל, איך, איך, איך — — —

טאָרגלער

פאַר פאַררעטער האָבן מיר קיין פּלאַץ נישט אין דייטשן רייך, אין דער רייכסדייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

וואַן דער ליובע

ווילט איר מיר נישט העלפן?

טאָרגלער

אַנטשולדיקט, מיין האַר, איך האָב לײדער קיין צייט נישט.

(ער לויפט אַוועק אין דער רייכסטאַג געביידע אַריין).

(וואַן דער ליובע שטייט און קוקט צום פּאָרטער און דער פּאָרטער צו אים).

וואַן דער ליובע

(שטעלט קליינע טריט) אומעטום דאָס דייטשע רייך. באַ די קאָמוניסטן, באַם פּאָרטער, באַ די נאַציס, באַ די גענעראַלן. מיר אָבער דרייט דער בויך פאַר הונגער. און אפשר גאָר גיין צו די נאַציס? אפשר, באַ זיי בעטן עפּעס צום עסן און אַ געלעגער? באַ די נאַציס בין איך דאָך נישט קיין פאַררעטער. זייער פּאַרטיי האָט דאָך נישט געשיקט וואָרנונגען קיין בערלין מיט מיין פאָטאָגראַפיע? אפשר היטלער? אפשר וועט גערינג געבן אַ הונטסקערל אַ נאַכטלעגער?

פּאָרטער

(דערהערט, שרייט אים נאָך) יאָ, מיין האַר, גערינג וועט דיר שוין געבן איינמאָל אַ נאַכטלעגער!

וואַן דער ליובע

אָ, צום טייפל.

(לאָזט זיך מיט גיכע טריט אַוועק).

דריטע געשעעניש

אין פיר וואָכן אַרום. אין רייכסקאַנצלער היטלערס הויפּטקוואַרטיר. היטלער און גערינג זיצן געמיטלעך אוןריידן.

פּאַרשוינען:
היטלער
גערינג
דינער
וואַן דער ליובע

גערינג

וועסט באַלד זען.

היטלער

דאַרף ער באַלד אָנקומען?

גערינג

לויט דעם זייגער — (קוקט אויפן זייגער) **האָט ער שוין באַדאַרפט זיין דאָ. געוויס האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט.**

היטלער

קאָן ער אונדז געבן אינפאָרמאַציע פון זיין פּאַרטיי, פון די קאָמוניסטן?

גערינג

איך האָב דיר געזאָגט, נישט נאָר אינפאָרמאַציע — נאָר נאָך עפּעס.

היטלער

אַזוי? נאָך עפּעס?

גערינג

גאָט האָט אים באַשאַפן ווי איינעם פון אונדז.

היטלער

איז ער ווייניקסטנס אַ שיינער בורש?

גערינג

מיט קיין מיאוסע פּאַרנעמסטו דיך נישט?

היטלער

(אַ קלאַפּ אין טיש) **דער רייכסקאַנצלער, דער קאָפּ פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי? נאָר מיט שיינע געשטאַלטיקע אָפּאָלאָס.**

גערינג

ער זעט אויס פריש און יונג, ווי אַ פריש ברויטל נאָר איינצובייסן.

היטלער

גערינג, ביסט משוגע? דו ווייסט נישט אַז דער רייכסקאַנצלער, האַר היטלער בייסט נישט. האַר היטלער איז זייער אַ גוטהאַרציקער מלאך אין מענטשן געשטאַלט.

גערינג

איך פאַרשטיי, איך בין נישט משוגע. איך ווייס!

היטלער

וואו זשע איז ער, דער בורש, דער פאַרדאַמטער אויסלענדישער קאָ־מוניסט?

גערינג

איך פאַרזיכער דיך — ער קומט באַלד.

היטלער

איך האָב מורא, אַז וועסט מיך היינט אָפּנאַרן ווי אַמאָל. האָסט מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן און דערנאָך ביסטו דאָס געווען דאָס גליק.

גערינג

הויפּטמאַן הערמאַן גערינג, קאָמיסאַר פון פרייסן און פאַרגעזעצטער פון דער פרייסישער פאָליציי צו באַזיצן, זאָגסטו, איז שוין גאָר קיין גליק נישט?

היטלער

ס׳ווערט מאַנאַטאַן.

גערינג

איך פאַרשטיי — מאַנאַטאַן. באַלד, דאַכט זיך ער גייט שוין. (קוקט צו דער טיר).

דינער

(קלינגט, מאַכט אויף די טיר) זיינע עקסעלענץ, האַר רייכסקאַנצ־לער, זאָל מען אייך אריינברענגען קאַפע — זאָל דאָס פריילין?

היטלער

וואָס פאַר אַ פריילין? איך אַנערקען נישט קיין פריילינס, קיין דאַ־מען! מיך, דעם נאַציאָנאַלן הערשער קענען נאָר באַדינען און צו־פרידן שטעלן, נאָר שיינע געשטאַלטיקע אַפּאָלאָס. מיך באַדינען אזוינע וואָס זיינען ווערט געווען צו באַדינען דעם גרויסן רוימישן קייסער נירא.

דינער

עקסעלענץ, זאָל איך אַריינברענגען די קאַפּע און נישט דאָס מיידל?

היטלער

הימל — הער — גאָט, שווייג. פאַרדריי מיר נישט קיין קאָפּ מיט קאַפּע. איך וויל איצט נישט קיין קאַפּע. אַרויס! (דינער אָפּ). (צו גערינגן) דו האָסט מיך געמאַכט משוגע. דו האָסט מיך אויפגערייצט און דער העכט איז נישטאָ?

גערינג

קאָמיסאַר גערינג זאָגט, זאָגט ער — ער קומט באַלד (טיר קלינגט).

דינער

(קומט אַריין) אַ געוויסער האַר פרעגט אַריינצוקומען — ער באַזיצט הויפּטמאַן הערמאַן גערינגס וויזיטקאַרטע.

היטלער

זאָל ער אַריינקומען. (דינער אָפּ).

וואַן דער ליובע

(קומט פּאַוואָליע אַריין) גוטן טאָג?

היטלער

דו קאָנסט צוקומען נעענטער. (וואַן דער ליובע גייט נעענטער צו). דו קאָנסט זיך זעצן. (וואַן דער ליובע זעצט זיך).

גערינג

דער איז אַ געוועזענער האָלענדישער קאָמוניסט און געשטאַטן — דאָס איז עקסעלענץ רייכסקאַנצלער היטלער.

היטלער

יונגערמאַן, ביסט אַ שיינער. מיר געפעלסטו. דו ביסט אָבער זייער שמוציק. פאַרוואָס זיינען דיינע קליידער אַזוי צעריסן?

וואַן דער ליובע

עטלעכע מאָנאַטן, אַז איך בין געקומען אַהער פון האָלאַנד. דאָרט בין איך געווען אַקטיוו אין דער יוגנטלעכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. באַלד אָבער האָב איך איינגעזען דעם פאַרראַט פון די אָפיציעלע פירער, פון אויבן פון דער פּאַרטיי און איך האָב אָרגאַניזירט אַ לינקע מיליטאַנטישע גרופּע כדי צו צווינגען די פירער צו קערווען לינקס.

היטלער

וואָס זשע איז געוואָרן? אינטערעסאַנט צו הערן. (ווינקט צו גערינגן).

וואַן דער ליובע

ווי איך האָב אָרגאַניזירט די גרופּע, מיר האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן: „יונגע מיליטאַנטישע קעמפער”, האָט די אָפיציעלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיך אַרויסגעוואָרפן פון זייערע רייען און אַזוי אַרום דעמאָ־ראַליזירט אונדזער קאָמפּסלוסטיקייט.

היטלער

אַזוי אַרום צעבראָכן אייער קאָמפּסלוסטיקייט? כאַ־כאַ־כאַ. אַזאַ שיי־נער יונג ווי דו ביסט, דאַרף נישט זיין קיין קעמפער. ווי מיין פריינט האַר גערינג גיט מיר איבער ביסטו . . . ? נאַר יעדנפאַלס אַינטע־רעסאַנט. דערציילֿ, דערצייל.

וואַן דער ליובע

האָב איך געמיינט איך וועל קומען אין ציוויליזירטן דייטשלאַנד צום באַוואוסטזיניקן וועלטפּראָלעטאַריאַט, איך וועל פאַר זיי פּאַרלייגן מיי־נע טענות — זיי זיינען באַוואוסטזיניק. זיי וועלן מיך אויסהערן.

היטלער

ביסטו געגאַנגען צו זיי? האָבן זיי דיך אויסגעהערט?

וואַן דער ליובע

איך בין געגאַנגען צו זיי מיט האָפנונגען אין האַרצן, מיט מיינע גע־רעכטע טענות.

גערינג

זיי הערן קיינעם נישט אויס. מיט זיי קאָן מען נישט דעבאַטירן.

וואַן דער ליובע

זיי האָבן מיך באַשפּיגן און באַליידיקט. זיי האָבן מיך אַרויסגע־וואָרפן, געשלאָגן אויף זייערע פאַרזאַמלונגען; גערופן מיך פאַר־רעטער.

היטלער

און אָפּצועסן האָט דיר עמיצער געגעבן?

וואַן דער ליובע

דאָס וואָס איך בין אַהער געקומען. איך האָב געקלאַפּט שוין אין אַלע טירן. איך קראַפּיר פאַר הונגער. כ׳קען קיין אַרבעט נישט קריגן. איך נעכטיק אין דרויסן אויף דער גאַס.

היטלער

דו ביסט אַ שיינער יונג. אָבער קוק נאָר אָן דיינע קליידער? איך מיאוס זיך אָן דיר אָנצורירן. דו.

גערינג

כ'האָב פאַרגעסן, וואָס איז דיין פאַך?

וואַן דער ליובע

אין האָלאַנד בין איך געווען אַ מויערער.

היטלער

וועסטו אפשר זיין דער מויערער, העלפן לייגן די ציגל פאַר דער כינעזישע וואַנט פון דעם דריטן רייך.

וואַן דער ליובע

איך וויל אַרבעטן, גיט מיר אַרבעט, ווייל איך שטרעק זיך אויס פאַר הונגער.

היטלער

איך מיין נישט, דער רייכסקאַנצלער וויל נישט אַז דו זאָלסט אַרבעטן שווער. איך מיין, דו זאָלסט זיך ניצלעך מאַכן באַ אונדז; העלפן אין אינפאָרמאַציע, נוצן ברענגען. וועסט שוין האָבן וואָס צו עסן, זאָרג נישט.

גערינג

באַ אונדז וועט דיך קיינער נישט פאַרשטויסן פאַר זיין צו ראַדיקאַל, ווי דיינע קאָמוניסטן. באַ אונדז קענסטו זיין וואָס מער ראַדיקאַל, אַלץ בעסער. אַזוי זאָגן מיר, די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע הערשער!

היטלער

מיין יונג, מיניסטער גערינג וועט דיך שוין פירן אין ריכטיקן וועג. מיר זיינען איצט זייער פאַרנומען צוליב די וואַלן וועלכע דאַרפן פאָר־קומען. דו קאָנסט אונדז אַ סך נוצן ברענגען. קאָמיסאַר גערינג וועט דיר שאַפן אַ געלעגער און עסן און דיך גוט אַרומוואַשן, הערסט? שיינער יונגע! (וואַן דער ליובע ענטפערט נישט.)

היטלער

(טעלעפאָן קלינגט.)

(נעמט דאָס טרייבל) רייכסקאַנצלער היטלער. שוין שפעט? איך קום באַלד צופאָרן אין מיין גרויסן אויטאָמאָביל. זייער וויכטיק? דאָ האָב איך אויך געהאַט אַ וויכטיקע באַגעגעניש. איך האָף צו גאָט. גאָט וועט העלפן. אַ שפאָגל נייער פלאַן. אונדזער איז די צוקונפט. (הענגט אויף דאָס טרייבל — צו גערינגן) דו, גערינג, הויפטמאַן הערמאַן גערינג, קאָמיסאַר פון פרייסן, וועסט מיט אים אַלץ פאַרזאָרגן. פאַרשטייסט?

געריננ

האַר רייכסקאַנצלער, הייסט עס דו גיסט מיר דעם קערל אין מיינע הענט?

היטלער

איך פאַרלאָז זיך.

געריננ

מיר גייען מיט גאָט און גאָט וועט העלפן, ניין יונגע?

וואַן דער ליובע

(שטעלט זיך) מיר האָט גאָט נאָך קיינמאָל נישט געהאָלפן.

היטלער

(גרייט צו גיין) ווייל דו ביסט אַ קאָמוניסט.

וואַן דער ליובע

און די נאַציס העלפט יאָ גאָט?

געריננ

ווערסט זען. די נאַציס וועט גאָט יאָ העלפן.

(אַלע גייען צו דער טיר).

פערטע געשעעניש

דריי וואָכן שפּעטער. פון פּאָרנט פון דער רייכסטאָג געביי־דע. אינעווייניק זעט זיך רויך און פלאַמען. וואַן דער ליובע שטייט אין טויער נאָר אַרויסצולויפן. גערינג שטייט הינטער וואַן דער ליובען און האַלט אים צו פעסט מיט דער האַנט.

פּאַרשוינען:
וואַן דער ליובע
גערינג
דריי פּאָליציסטן
עולם

וואַן דער ליובע

וואָס האָבן זיי מיך דאָ אַנידערגעשטעלט וואַרטן? אַף וואָס וואַרט איך? מיין האַר!

גערינג

דו, וואַרט, דו. מען האָט דיר געגעבן אַפּצועסן, אַ מאַנטל אָנצוטאָן! און איצטער ווילסטו גאָר אַנטלויפן? עפּעס האָבן מיר דאָך מיט דיר גערעדט נאָך פריער?

וואַן דער ליובע

מיין האַר, איך אַנטלויף נישט. איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר האָט מיר אָנגעזאָגט, אָבער סע נודיעט מיך צו שטיין און וואַרטן!

גערינג

הויפּטמאַן הערמאַן גערינג, קאָמיסאַר פון פּרייסן הייסט, מוזטו וואַרטן.

וואַן דער ליובע

ווי לאַנג נעמט דאָס אונטערצינדן? זאָלן זיי דאָס מאַכן גיכער. זיי האָבן מיר אויסגעטאָן מיין מאַנטל, איז מיר קאַלט.

פּאָליציי

(גייט פאַרביי, סאַלוטירט, גייט ווייטער. אַזוי אַ צווייטער און אַזוי אַ דריטער).

גערינג

דו, וואַן דער ליובע, ביסט אַ האָלענדער, אַ פרעמדער דאָ אין לאַנד. דיין נאָמען אָבער וועט באַרימט ווערן, דו וועסט העלפן דער נאַצי פּאַרטיי קומען צו דער גאַנצער מאַכט. באַגרייפסט וואָס דאָס מיינט: מאַכט! מאַכט!

וואַן דער ליובע

האַר, ווער איר האַלטן וואָרט? וועל איך האַלטן וואָרט. וועל איך טאָן אַלץ וואָס דער האַר האָט געהייסן.

געורינג

געדענק, וואָס דו דאַרפסט געדענקען — געדענק! געדענק, אַז ווען די פּאָליציסטן, וואָס זיינען דאָ פאַרבייגעגאַנגען וועלן דיך פּאַקן, זאָלסטו זאָגן —

וואַן דער ליובע

איך אַנטלויף נישט.

געורינג

וואָס וועסטו זאָגן?

וואַן דער ליובע

איך האָב אונטערגעצונדן דעם רייכסטאָג.

געורינג

געהערסטו צו אַ פּאַרטיי?

וואַן דער ליובע

איך באַלאַנג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך בין אַ קאָמוניסט.

געורינג

האָסטו אַ מיטגליד־בוך, אַז דו ביסט אַ קאָמוניסט, פּאַרטיי־מענטש?

וואַן דער ליובע

ליידער, דאָס נישט. זיי האָבן מיך שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן פון דער פּאַרטיי. כ׳האָב נישט.

געורינג

דאָס ווייס איך דאָך. אָבער זאָג, רייד, אַז דו האָסט יאָ אַ בוך. דו טייוול, האָסט גאָרנישט קיין געשריבנס? עפּעס אַ פּאַפּיר?

וואַן דער ליובע

ניין.

געורינג

שלעכט. איצט איז גאָר שלעכט. וואָס האָסטו נישט געזאָגט פריער? — באַזאָרג איך דיר שוין אַזאַ זאַך. איצט איז שפּעט.

פּאָליציסטן

(גייען ווידער דורך, סאַלוטירן). מיר וואַרטן פאַר דעם סיגנאַל.

געורינג

וואָרט, באַלד וועט אַלץ געשען.

וואַן דער ליובע

אַזוי לאַנג נעמט דאָס? (די פלאַמען ווערן העלער) די פלאַמען קומען שוין ביז אַהער. איך האָב מורא פאַר די פלאַמען.

גערינג

געדענק, בורש, וואָס דו האָסט צו זאָגן.

וואַן דער ליובע

(ציטערט) וואָס האָב איך צו זאָגן?

גערינג

הימל — הער — גאָט, דאָנערוועטער! ווען איך ווייס, גיי איך נישט איין מיט דיר; דו טויגעניכטס, דו טויגסט נישט פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר. הערסט, מען דאַרף מאַכן דאָס ריכטיקע שטיקל אַרבעט.

וואַן דער ליובע

אַז איך שרעק זיך און ווייס פאַרט נישט וואָס צו זאָגן? אַז מ'עט מיך פאַקן?

גערינג

מאַך דיך שטום. רייד גאָרנישט. זאָלן זיי דיך שלאָגן, הרגענען — דו רייד גאָרנישט.

וואַן דער ליובע

וועל איך זיך מאַכן שטום? גוט.

גערינג

הימל — הער — גאָט, פאַרוואָס גוט? שלעכט! דו טאָרסט נישט זיין שטום. דו מוזט ריידן אַזוי, אַז גאַנץ דייטשלאַנד און די גאַנצע וועלט זאָל הערן. הערסט, דו טאָרסט נישט זיין שטום.

וואַן דער ליובע

איך בין אָבער שטום. איך פיל, אַז ווען איך עפן איצט מיין מויל צו ריידן, צו פאַר־ראַטן, (היסטעריש) פאַ־ר־ראַט! פאַרראַט! (וויינט).

גערינג

גאונער דו, שווייגסט? שוויג, זאָג איך דיר. מיר האָבן דיר געגעבן עסן, מיר האָבן דיך פאַרזאָרגט מיט נאַכטלעגער — שוויג!!

וואַן דער ליובע

איך שווייג. איך שווייג. (ציטערט).

גערינג

ניין. דו דאַרפסט ריידן. דו מוזט, זאָג איך דיר. (אַ סיגנאַל קומט, קלינגט) הערסט? שוין שפּעט. אַלץ איז פאַרזאָרגט. איך און די אַנדערע. מיר וועלן דורך דעם אונטערגרונד וועג אַרויס אין יענער

זייט געביידע, און געדענק — וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט! געדענק!

וואַן דער ליובע

(ציטערט) **כ׳געדענק.** (ס׳ווערט אַ ליאַרם. גערינג דערלאַנגט וואַן דער ליובען אַ ברענענדיקן מאַנטל אין האַנט אַריין).

גערינג

דו, גאַונער — לויף!

(אַ געפּיפּעריי, די פּאָליציסטן לויפן צו, כאַפּן וואַן דער ליובען)

פּאָליציסטן

(אַלע צוזאַמען) **אין נאָמען פון געזעץ זייט איר אַרעסטירט, אויסלענדער.**

(פּייערלייט אויף זייערע מאַשינען קומען אָן. גערויש, ליאַרעם און מענטשן שטראָמען אַהער מער און מער. די רייכסטאַג געביידע איז אינגאַנצן אין פלאַמען).

גערינג

(באַווייזט זיך צווישן עולם, שטעלט זיך אין דער הויך, רעדט:)

רייכסדייטשע בירגער און קאַמעראַדן! מיר האָבן געפּאַקט די פאַרברעכער באַ דער האַנט. דעם אויסלענדער וואָס די פּאָליציי האָט דאָ, נאָר וואָס פאַרהאַפּטעט, ער איז נישט אַליין! זיי זיינען אַ גאַנצע באַנדע פייער־מאַכער, וואָס ווילן פאַרברענען אייך אַלעמען מיט אייערע פרויען און קינדער. (טומל) **די מערדער, די רויבער! דאָס זיינען די קאָמוניסטן מיט זייער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די סאָציאַליסטן, די פּאַציפיסטן, די ליבעראַלן. מיר זאָלן זיי אַלע פּאַרטייליקן און פאַרניכטן.**

איך, הויפּטמאַן הערמאַן גערינג, רייכסטאַג־פּרעזידענט, קאָמיסאַר פון פּרייסן, איז געשטערט געוואָרן פון זיין רו; דאָ אָקעגן איבער אין מיין פּאַלאַץ, דעם רייכסטאַג פּרעזידענטס פּאַלאַץ, איז שיר נישט אַריינגעכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען.

עולם

אונערהערט! סקאַנדאַל!

גערינג

ווי איך האָב נאָר געהערט פון דעם שרעקלעכן פאַרברעכן, האָב איך נישט געקענט רוען אין מיין פּאַלאַץ און בין געקומען גלייך אַהער, זען די שולדיקע זאָלן איינגעשפּאַרט ווערן און די קעפּ, וואָס האָבן

געפּלאַנט אָט דעם פאַרברעכן, די קעפּ זאָלן אָפּגעהאַקט ווערן מיט דעם שאַרף פון האַק.

עולם

אונערהערט! סקאַנדאַל!

גערינג

אויב די רייכסטדייטשע אַרישע בירגער שטימען איין? ווייסט איר, אַז די נייע הערשער — היטלער און גערינג שלאָפן נישט. זיי וואַכן און היטן די אָרדנונג און רו פון אונדזער רייך. זאָל זיין דריי מאָל, האַיל היטלער!

עולם

האַיל היטלער! שלאָגט קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, פּאַציפיסטן, יידן, יידן!

פינפטע געשעעניש

אַ שעה שפּעטער. נעבן דער רויכערדיקער רייכסטאַג געביידע. ייִנגלעך מיט צייטונגען אין די הענט לויפן און שרייען:

פאַרשוינען:
ערשטער ייִנגל
צווייטער ייִנגל
דריטער ייִנגל
פערטער ייִנגל
פינפטער ייִנגל
זעקסטער ייִנגל.

ערשטער ייִנגל
עקסטראַ אויסגאַבע! עקסטראַ אויסגאַבע!

צווייטער ייִנגל
עקסטראַ! רייכסטאַג אין פלאַמען! אונטערצינדער געפּאַקט בײַ דער האַנט. אַ קאָמוניסט, אַ האָלענדער — וואָן דער ליובע!

דריטער ייִנגל
עקסטראַ! פעלקישער באַאָבאַכטער, עקסטראַ! הויפּטמאַן גערינג אַליין געקומען צו דער סצענע! העלפט פּיערלייט לעשן דאָס פייער!

פערטער ייִנגל
רייכסקאַנצלער היטלער געגעבן באַפעל צו אַרעסטירן און פאַרשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער די קאָמוניסטן. טאָרגלער, קאָמוניסט־פּאַרלאַמענטאַריער און די אויסלענדער: דימיטראָוו, טאַנעוו, פּאָ־פּאָוו אין קערקער.

עולם
דאַנק גאָט, די קאָמוניסטן אין קערקער איינגעשפּאַרט.

פינפטער ייִנגל
אַלע אַרעסטירטע גיבן צו דעם פאַרברעכן. זיי פאַרהאַלטן זיך פרעך צו די באַהערדן. דעקרעט פאַרבאָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און דאָס דערשיינען פון זייערע צייטונגען.

זעקסטער ייִנגל
רייכסטאַג פּרעזידענט גערינג הייסט אַלעמען די קעפּ אָפּהאַקן.

עולם
האַיל היטלער און גערינג — קעפּ האַקן! קעפּ האַקן!

זעקסטע געשעעניש

אין זיבן חדשים אַרום.
לייפּציג.
אַ געפענגעניש־קאָרידאָר.
אַ וועכטער שליסט אויף די טיר פון
אַ צעל. וואַן דער ליובע קומט אַרויס
אין קייטן אַף די הענט און פיס, זעט
אויס שרעקלעך.

פּאַרשוינען:
וואַן דער ליובע
וועכטער
געהרינג
בענגער
פּראָטאָקאָל־פירער
פּאַרטער
טאָרגלער
דימיטראָוו
טאָנעוו
פּאָפּאָוו

וועכטער
געפאַנגענער, האר וואַן דער ליובע, נאָר איין סעקונדע: דער שטאַטסאַנוואַלט האַר בענגער און מיניסטער פּרעזידענט פון פּריי־סן האַר געהרינג קומען דיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט; הערסט?

וואַן דער ליובע
זיי מעגן קומען, איך קאָן במילא גאָר נישט העלפן; איך?

וועכטער
זאָג וואָס מען הייסט דיר, וואָס מען וויל פון דיר. דו וועסט קריגן נאָכאַמאָל דיין פּאַרציע קלעפּ, וועסטו שוין, דו הונדסקערל!

וואַן דער ליובע
וואָס קאָן איך העלפן?

וועכטער
זאָג וואָס מען הייסט דיר, וואָס מען וויל פון דיר. (געהרינג און בענ־גער שפּאַנען אַריין. וועכטער סאַלוטירט, שטייף). יאָוואָל, האַיל היטלער. דאָס איז דער געפאַנגענער וואַן דער ליובע.

געהרינג
איך קען שוין די קאַנאַליע אין מענטשן־געשטאַלט, דעם לומפּיקן אונטערצינדער, דעם אויסלענדער. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל

װאָס איך, גענעראַל גערינג, קום דאָ צו אים אַהער! (צו װאַן דער ליובען:) װעסטו אויסזאָגן און דערציילן װעלכע קאָמוניסטן האָבן דיר געהאָלפן מאַכן דאָס פייער?

װאַן דער ליובע

(דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן) װאָס הייסט, װער? איך גלויב אַז איר װייסט װער, אויב איך דערקען אייך. א י ר װייסט װער.

גערינג

דו דאַרפסט מיט דעם פינגער אָנװייזן װער ס'האָט געמאַכט דאָס פייער, װי אַזוי די קאָמוניסטן האָבן דיר געהאָלפן, אויב דו װילסט בלייבן לעבן; אויב מיר זאָלן פון דיר נישט מאַכן קיין גולאַש פאַר די הינט!

װאַן דער ליובע

כ'קאָן דאָך פאָרט נישט זאָגן. איך האָב דאָך קיינעם נישט געזען דעמאָלט. איר װייסט דאָך דעם ריינעם אמת.

גערינג

דו ביסט אין אונדזערע הענט. דו װילסט בלייבן לעבן, אָדער נישט?

װאַן דער ליובע

געװיס װיל איך בלייבן. איך בין דאָך געקומען צו אייך, צו די נאַציס איר זאָלט מיך דערהאַלטען באַם לעבן. האָט איר מיר גע־געבן אָפּצועסן און אַ נאַכטלעגער און אַ מאַנטל, װעלכער איז פאַר־ברענט געװאָרן, און איצט בין איך דאָ? (צעװיינט זיך) װען מיין מאַמע װייסט דאָס! מאַמע!

גערינג

(צו בענגערן) האַר שטאַטסאַנװאַלט: אפשר װעט איר קענען מיט דעם שװיינקערל עפּעס מאַכן? אַניט מוזן מיר אַ גולאַש פון אים מאַכן.

בענגער

מיין זון! דו ביסט נאָך זאָ איין שיינער יונגער בורש, בלוט און מילך!

װאַן דער ליובע

יאָ. יאָ.

בענגער

(צאַרנט) דו שװיין. שװייג, הער װאָס איך האָב דיר צו זאָגן!

װעכטער

דער האָכװאָלגעבאָרענער האַר שטאַטסאַנװאַלט װיל דיר עפּעס זאָגן.

בענגער

דאָ אין געפענגעניש געפינען זיך צו דיר נאָך פייערמאַכער, פיר קאָמוניסטישע פאַרברעכער. אָבער דו שוייג, ווייל איך, האַר בענגער, אויספאָרשונגס־ריכטער, רעדט: — האַר טאָרגלער, דער געוועזענער פירער, די קאָמוניסטישע בייטש אין רייכסטאַג און פיר אויסלענדישע קאָמוניסטן. הערסט? — ווי זיי הייסן? — דער ערשטער אָ הויכער, אָ דאַרער. דער צווייטער — אַ הויכער מיט געקרויזטע גרויע האָר און אַ לאַנגער נאָז, ער איז דימיטראָוו. דער דריטער, דער פערטער — טאַנעוו און פאָפּאָוו. ביסטו גרייט זיי צו דערקענען?

געריגג

(שרייט אויס) פּראָטאָקאָל פירער, אַריין!

(פּראָטאָקאָל־פירער שפּרינגט אַריין, סאַלוטירט).

בענגער

(צו וואַן דער ליובען) וועסטו דערקענען די באַטייליקטע פייער־מאַמאַכער פון דער רייכסטאַג געביידע?

וואַן דער ליובע

איך וועל זען, אפשר וועל איך.

געריגג

(צום פּראָטאָקאָל־פירער): פאַרשרייבט: דער פאַרברעכער דערציילט וועגן זיינע מיטבאַטייליקטע זיינען געוועזן: טאָרגלער, דימיטראָוו, טאַנעוו, פּאָפּאָוו.

פּראָטאָקאָל־פירער

(שרייבט) יאָוואָל, האָכוואָלגעבאָרן, האַיל היטלער, קאָרעקט.

(געריגג גיט אַ צייכן, פּראָטאָקאָליסט סאַלוטירט, אָפּ).

בענגער

האַר וואַן דער ליובע, דו אונטערצינדער, דו ביסט גרייט, הייסט עס, צו דערקענען דיינע מיטבאַטייליקטע?

(וואַן דער ליובע שטייט און ענטפערט נישט. קאָפּ אַראָפּגעבויגן.)

געריגג

פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? דאַרף מען דיך בעטן? ווייסטו שוין, אַז מיינע וועכטער וועלן דיר ניט לאָזן קיין גאַנצן ביין אין דיין קערפּער? די געדערים וועלן זיי דיר אַרויסטרענען.

וואַן דער ליובע

(בויגט זיך אין דרייען) אַז כ'הויב נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס איר

ווילט פון מיר! האר, איך ווייס נישט פארוואס מען שלאגט מיך דא אזוי.

בענגער

שוויג, דו הונט!

וואן דער ליובע

וויל איך שווייגן, ווילט איר אבסאלוט איך זאל ריידן. דערצייל איך ווי מ׳הרגעט מיך, שלאגט מען מיך.

בענגער

מען וועט דיר טרייבערן דיינע קישקעס ביז דו וועסט טאן ווי ס׳דארף צו זיין.

וואן דער ליובע

און וואס איר אלע האט מיר פארשפראכן, אז גארנישט וועט מיר געשען, נאר איך זאל זיך לאזן ארעסטירן און באלד וועט איר מיך באפרייען?

גערינג

(צארנדיק) אויב דו שורקע, וואגסט נאך אמאל צו דערמאנען וואס דו האסט נאר וואס געזאגט, ווערסטו דערוואָרגן ווי א הונט. די צונג וועט מען בא דיר ארויסרייסן פון דיין מויל און באזאלצן און ווארפן פאר די מייז. הערסטו? שוויג! שווייגן מוזטו! דא רעדט צו דיר נישט קיין משוגענער!

בענגער

דא רעדט צו דיר גענעראל גערינג, מיניסטער־פרעזידענט פון פרייסן.

גערינג

(שרייט אויס) זאל ארייננקומען דער פארטער פון דער רייכסטאג געביידע.

פארטער

(קומט אריין, סאלוטירט).

בענגער

(צום פארטער) האט איר געזען האר טארגלער, דעם געוועזענעם רייכסטאג־אפגעארדנעטן, אין דער גרזעלשאפט פון את דעם פאר־ברעכער?

פארטער

גאנץ גענוי, אן יעדן צווייפל, יאוואל.

בענגער

זענט איר גרייט אין הויכן געריכט דאסזעלבע צו זאגן? צו שווערן?

פּאַרטער

יאַוואָל, מיינע האָכוואָלגעבאָרענע האַרן.

איר קענט גיין. (פּאַרטער סאַלוטירט. אָפּ.)

בענגער

(צו וואַן דער ליובען) זעסטו, בורש, צו וואָס זאָלסטו לייקענען?

וואַן דער ליובע

איך לייקן גאָר נישט.

גערינג

פאַרוואָסזשע זאָגסטו נישט?

וואַן דער ליובע

איך וועל זאָגן.

גערינג

ווערסטו זיין גרייט אין הויכן געריכט צו ווידערהאָלן דיינע ווערטער?

וואַן דער ליובע

וועלכע ווערטער?

גערינג

אַז די פיר, טאָרגלער, דימיטראָוו, פּאָפּאָוו און טאַנעוו האָבן צוזאַמען מיט דיר אונטערגעצונדן דעם רייכסטאָג.

וואַן דער ליובע

דאָס קען איך נישט זאָגן און דאָס וועל איך נישט זאָגן.

גערינג

האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַז דו וועסט יאָ זאָגן!

וואַן דער ליובע

איך מיין צו זאָגן, אַז איך, איך האָב אַלץ געטאָן, איך אַליין. לאָזט מיך לעבן. לאָזט מיך לעבן.

גערינג

מיר וועלן דיך לאָזן לעבן. מיר וועלן דיך באַפרייען, נאָר מיט איין באַדינג.

וואַן דער ליובע

וואָס איז דער באַדינג?

גערינג

דו זאָלסט אין רייכסדייטשן געריכט באַם פּראָצעס דערקענען די פיר קאָמוניסטן און דערציילן וועגן זייער מיטהילף אין דיין אונטערצינדן — ווערסטו פריי. ווער מען דיך לאָזן לעבן. לעבן! ? (וואַן דער ליובע שווייגט.)

בענגער

דו בורש, דו ביסט נאָך אַזוי יונג, דו ווילסט נאָך לעבן?

וואַן דער ליובע

געוויס וויל איך.

בענגער

דערקען די פיר פאַרברעכער.

וואַן דער ליובע

איך קען נישט, ס'איז מיר שווער. אפשר.

גערינג

איך רוף אַריין אַלע וועכטער, וועלן זיי דיך דאָ אפן אָרט צום טויט דערשלאָגן. דאָ צום טויט!

וואַן דער ליובע

(צעווײנט זיך) שלאָגט מיך נישט. שלאָגט מיך נישט.

גערינג

זאָג זשע, זאָג.

וואַן דער ליובע

איך וועל. איך וועל.

גערינג

(שרייט אויס) זאָל מען אַריינפירן, דורכפירן די פאַרברעכער.

(ס'ווערן אַריינגעפירט געקאָוועטע אין קייטן, טאָרגלער מיט אַ וועכטער, דימיטראָוו מיט אַ וועכטער, פּאָפּאָוו און טאַנעוו מיט אַ וועכטער).

בענגער

(צו וואַן דער ליובען) דו באַטייליקטער פייערמאַכער, דערקענסטו יעדן איינעם פון זיי?

(ערשטער וועכטער פירט צו טאָרגלערן צו וואַן דער ליובען).

וועכטער

(צו טאָרגלערן) האַלט! (טאָרגלער בלייבט שטיין).

בענגער

זאָג, פייערמאַכער, דערקענסטו דעם האַר, וואָס שטייט דאָ פאַר דיינע אויגן? (וואַן דער ליובע ענטפערט נישט. קאָפּ געבויגן).

וועכטער

ווייטער גיין. (טאָרגלער און וועכטער גייען אָפּ).

צווייטער וועכטער

(פירט דימיטראָוון. פּאָפּאָוו, טאַנעוו גייען אויך).

צווייטער וועכטער

האַלט! שטיינבלייבן! דימיטראַוו שפּאַנט נאָך איין שריט).

בענגער

(צו דימיטראַוון) דער וועכטער האָט דאָך דיר געהייסן שטיינבלייבן? פאַרשטייסט דייטש?

דימיטראַוו

איך פאַרשטיי דייטש אויסגעצייכנט.

בענגער

האָסטו נישט געהערט, אַז מ'האָט דיר באַפוילן שטיינבלייבן?

דימיטראַוו

איך האָב געהערט.

גערינג

מ'ווייסט, דו ביסט אַ קלוגער!

דימיטראַוו

איך בין טאַקע.

גערינג

דו פאַרדאַמטער קאָמוניסטישער אַגיטאַטאָר! דאָ רעדט צו דיר נישט קיין משוגענער; ס'רעדט צו דיר דער גענעראַל הערמאַן ווילהעלם גערינג, מיניסטער פּרעזידענט פון פּרייסן!

דימיטראַוו

זאָל ער ריידן. וועמען אַרט דאָס?

גערינג

(צו וואַן דער ליובען) דערקענסטו זיי — די דריי פאַרדאַמטע אויס־לענדישע אַגיטאַטאָרס און אונטערצינדער?

(וואַן דער ליובע ענטפערט נישט; קאָפּ געבויגן).

גערינג

דו הונט, דו שווייגסט? (פייערט אָפּ וואַן דער ליובען אַ פּאַטש. צום וועכטער) פיר זיי אַרויס.

צווייטער וועכטער

מאַרש! (דימיטראַוו, טאַנעוו, פּאָפּאָוו און זייערע וועכטער אָפּ).

גערינג

(צו וואַן דער ליובעס וועכטער) מיר ווילן בלייבן מיט וואַן דער ליובען אַליין. (וועכטער אָפּ).

האַר שטאַטסאַנוואַלט, מיט דער קאַנאַליע איז ניקס צו מאַכן.

(וואַן דער ליובע בלייבט שטיין, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן).

בענגער

איך דענק, אַז דאָס בעסטע, ער זאָל בלייבן אַזוי שטום ווי ער איז — ביז איבער דעם גאַנצן פּראָצעס.

גערינג

אויב אַזוי, זיינען מיר פאַרלוירן. וואָס וועט די וועלט זאָגן?

בענגער

מיר וועלן זיי הענגען צי אַזוי, צי אַזוי . . .

גערינג

דאָס איז אפשר אַביסל צו געפערלעך. דער גאַנצער ערדקוגל איז אויפגערודערט. די צייטונגען פאַרשרייען די וועלט: אומשולדיקע מענטשן נעבעך. איר פאַרשטייט דאָס, האַר ריכטער?

בענגער

מיר וועלן שוין געפינען באַווייזן אַף אַן אַנדער וועג.

גערינג

באַווייזן? וואָס קאָן מען אָבער טאָן מיט אַזאַ העכט אַ ראַפינירטן ווי דימיטראָוו? די אויסלענדישע אַדוואָקאַטן וואָס ווילן קומען אַהער? גאָט פאַרדאַמטער, זיי מאַכן מיך משוגע, די אויסלענדער, די זשורנאַליסטן.

בענגער

האַר מיניסטער־פּרעזידענט, געטרויט אין גאָט און אַלץ וועט זיין גוט.

גערינג

די אויסלענדישע זשורנאַליסטן קריכן מיט די שטיוול מיר אין האַרץ אַריין. זיי מאַכן גענואַלדן, זיי דערציילן, זיי פירן מיך פון זינען אַרונטער.

בענגער

גענעראַל גערינג, פאַרזיכערט זיך אין גאָט. איך הייס.
(שרייט) וועכטער, וועכטער!

וועכטער

(אַריין) גרייט צו דינען מיין האַר.

גערינג

פירט אַריין די מענטשלעכע בעסטיע צוריק אין זיין צעל און זעט ער זאָל פאַרשטומען, ער זאָל נישט האָבן קיין כוח צו ריידן.

וואַן דער ליובע

(היסטעריש) איך בעט, שלאָגט מיך נישט. שלאָגט — — —
(וועכטער נעמט וואַן דער ליובען).

זיבעטע געשעעניש

אין אַ טאָג אַרום אין לייפּציג. (ציַיטונגס־פאַרקויפער שרייען אין אַ ראַשיקער גאַס).

פאַרשוינען:
ערשטער יינגל
צווייטער יינגל
דריטער יינגל
פערטער יינגל
פינפטער יינגל
עולם

ערשטער יינגל

עקסטראַ. פּראָצעס פון רייכסטאַג צעשטערער אין לייפּציג.

צווייטער יינגל

שפּאָס־פּראָצעס קומט פאָר אין לאָנדאָן, וואו פרעמדע, אויסלענדער־פאַרטיידיקער פּאָבריצירן באַוויַיזן די אומשולד פון די פיר אַרעס־טירטע: טאָרגלער, דימיטער— (לויפט ווייטער).

דריטער יינגל

אַלס באַווייַזן האָבן די אויסלענדער באַנוצט דאָס ברוינע בוך, דאָס פּאַסקוויל בוך.

פערטער יינגל

וואָן דער ליובע איז גרייט צו דערקלערן זיך שולדיק. איז גרייט געהאַנגען צו ווערן.

פינפטער יינגל

מאָרגן וועט דער פּראָצעס שטאַטפינדן אין לייפּציג אונטער דעם פאָרזיץ פון שטאַטסנוואַלט האַר בענגער.

עולם

(קויפט די ציַיטונגען, ריידן נישט, גייען.)

אַכטע געשעעניש

דריי טעג שפּעטער.
אין לייפּציגער געריכטס־זאַל.
היטלערס בילד מיט דעם האַקנקרייץ אַף דער פאַדערשטער וואַנט. פינף ריכטער און איין שטעלפאַרטרעטער, אין רויטע כאַלאַטן, זיינען אויסגעזעצט אין פאַרנט צו די בענק פון זאַל. אין איין זייט זיצן פינף אָנגעקלאָגטע. יע־דער צווישן צוויי וועכטער. אַף דער זעלבער זייט זיצן אויך די דריי פאַר־טיידיקער. אַף דער אַנדערער זייט, אַקעגן, זיצן די פּראָקוראָרן און זייערע געהילפן, סטענאָגראַפיסטן און אַנדערע. אין מיטן זאַל זיצן די אַדוואָקאַטן — געסט וואָס זיינען געקומען זען דעם ספּעקטאַקל.
דער פּראָצעס איז אין מיטן גאַנג.

פאַרשוינען:
בענגער — פאָרזיצער פון די ריכטער.
זעקס ריכטער
צוויי פּראָקוראָרן
צוויי סטענאָגראַפיסטן
זעקס וועכטער
טאָרגלער
דימיטראָוו
פּאָפּאָוו
טאָנעוו
עקספּערט
פּאָליציימאַן
וואַן דער ליובע
זשורנאַליסטן
דריי פאַרטיידיקער
געסט
עולם

בענגער
(שטייט אין דער מיט פון די ריכטער און רעדט)
דער מאַטעריאַל פון דער אָנקלאַגע פאַרנעמט פינף און צוואַנציק ביכער צו 250 זייטן.
דאָס הויכע געריכט האָט אויך פאַרזאָרגט די אָנגעקלאָגטע מיט פאַר־טיידיקער, ווי דאָס געזעץ פאַדערט. זיי זענען דאָ: דאָקטאָר זאַק פאַר אָנגעקלאָגטן טאָרגלער. דאָקטאָר סויפערט פאַר וואַן דער ליובען. דאָקטאָר טאַיכערט פאַר די אָנגעקלאָגטע: דימיטראָוו, פּאָפּאָוו, טאָנעוו. איידער מיר גייען צו אויספרעגן די אָנגעקלאָגטע, וויל איך באַקאַנט מאַכן דאָס הויכע געריכט מיט דעם אומגעלומפּערטן שקאַנדאַל פון אַ גרופּע שונאָים פון דריטן רייך וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעקומען

אין לאָנדאָן. דאָרטן האָבן זיי אָפּגעהאַלטן און פאַרגעשטעלט א פּראָ־צעס ווי דער וואָס קומט דאָ היינט פאָר, מיט עדות און באַווייזן, און הערט מיינע האָרן, מיט וואָס דאָס הויכע געריכט מעג איבעראַשט ווערן: זיי אין לאָנדאָן האָבן שוין אַפילו ארויסגעגעבן אַן אורטייל, אַז די אָנגעקלאָגטע זענען—אומשולדיק.

פיר ריכטער

(אַלע אין כאָר) אונערהערט און שווינעריי!

בענגער

איז אויך מיט זייער הילף ארויסגעגעבן געוואָרן א בוך אין אלערליי שפּראַכן.

דאָס מיינע הערן, וועט אייך איבעראַשן נאָך מער פון דער לומפּע־רישקייט פון די דאָזיקע שונאים פון דריטן רייך. (ער נעמט דאָס ברוין בוך אין האַנט) דאָס בוך וואָס איך האַלט איצט אין מיין האַנט רופט זיך „דאָס ברוינע בוך“. ברוין מיינט מען אונדז, די ברוין־העמ־דלדיקע ליגנס וואָס פּאַסט נישט דעם געריכט זיי צו דערמאָנען. דאָ ווערט דערציילט אַ לעגענדע אַז נישט, מיינע הערן, די קאָמו־ניסטן און פּאַציפיסטן האָבן אָנגעצונדן דאָס פייער, נאָר, מיינע הערן, מיר, די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטן, מיר, די פירער האָבן געהאַט אַן אינטערעס צו פאַרברענען דעם דעמאָקראַטישן רייכסטאָג.

פיר ריכטער

שווינעריי!

בענגער

זיי האָבן זיך אַפילו נישט געשעמט אין לאָנדאָן, דעם מיניסטער־פּרעזידענט האַר גערינג ארייננצושלעפּן אין דער זעלבער בלאָטע, מיינע הערן. האָט היינט דאָס הויכע געריכט פאר זיך צווייי אויפגאַבן, צו באַווייזן:

איינס, ווי אומשולדיק און ערנהאַפט מיר זענען.

צוויי, ווי פאַרברעכעריש די פאַרברעכער זענען.

דימיטראָוו

(שרייט) דער האַר ריכטער האָט נישט קלאָר געזאָגט ווער, לויט זיין מיינונג, די פאַרברעכער זענען.

בענגער

אָנגעקלאָגטער, זיי רואיק. (בענגער זעצט זיך) איך פאָדער אויף דעם אָנגעקלאָגטן וואָן דער ליובע זיך אויפצושטעלן.

וואַן דער ליובע

(שטעלט זיך אויף, זיין קאָפּ איז געבויגן טיף צו דער ערד).

בענגער

לויט דיין ווידוי, אָנגעקלאָגטער, גיסטו צו אז דעם 28סטן פעברואַר 1933, אַרום 9 אַזייגער אין אָוונט, ביסטו, וואַן דער ליובע, אַ האָלענ־דער, אַריין אין רייכסטאַג געביידע, דורך אויסברעכן אַ פענסטער אויף אַ באַלקאָן. דו האָסט געהאַט מיט זיך האָלץ, קוילן און אַנדערע פייער־מאַטעריאַלן. עטלאָכע טעג פריער האָסטו דאָס אַלץ פאַרזאָרגט אין דעם מאַרקסיסטיש פאַרפעסטעטן בעצירק פון בערלין, דאָרט, צווישן די אַרבעטלאָזע, ביסטו אַרויסגעקומען מיט רייד, אז די אַר־בעטער בערלינס זענען שרעקעדיקע נאַריש, וואָס זיי טוען נישט עפּעס אויסערגעוועהנליכס, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אויפרייסן די אויגן פון יעדן. ביסטו דערנאָך אריין אין רייכסטאַג געביידע, אָנגעצונדן די פאַרהאַנגען פון אַלע פענסטער און טירן אין רעסטאָראַנט־צימער. דו ביסט געלאָפן אין דעם פאַרהויז אריין, אויסגעטאָן דיין מאַנטל פון דיין לייב אין דער ווינטערדיקער קעלט. געקומען צוריק און האָסט אָנגעצונדן די טישטיכער און דעקן. ביסטו געלאָפן גלייך אַרונטער אין די אונטערשטע שטאָק, אין וואַשצימער אריין, און גע־לאָזן פייער און בראַנד אומעטום. צום לעצט ווידער אַרויפגעלאָפן אין דער הויך אויף די אייבערשטע שטאָקן און האָסט אָנגעצונדן די פאַרהאַנגען אין דעם גרויסן זאַל. אַזוי אַרום, געמאַכט דאָס גרויסע פייער און געוואַלט אומברענגען דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק.

אָנגעקלאָגטער וואַן דער ליובע, ביסטו זיך מודה פאַר דעם הויכן געריכט?

וואַן דער ליובע

(שטייט איינגעבויגן, ענטפערט נישט).

בענגער

געשוויגן, מיינט געערדט. דער אָנגעקלאָגטער לייקנט נישט. האָסטו געהאַט מיטהעלפער, וואָס האָבן דיר געהאָלפן?

(וואַן זעצט זיך צוריק, ענטפערט נישט).

בענגער

זאָלן די וועכטער אויפהויבן דעם אָנגעקלאָגטנס קאָפּ.

(די וועכטער פּרוּוון אים אויפהויבן, אָבער אָן דערפאָלג. וואַן זיצט)

בענגער

איך בעט אויפצושטיין דעם עדות, פאָליציימאַן האַר פּעשל, וועלכער

איז געווען דער ערשטער צו פאַרהאַפטן דעם פאַרברעכער נאָך דעם פאַרברעכן.

פּאָליצײ

(שטעלט זיך) יאָוואָל, גרייט אין געהאָרכזאַמקייט.

בענגער

האָט איר געפונען, ווען איר האָט פאַרהאַפטעט דעם אָנגעקלאָגטן וואָן דער ליובע, בײַ אים אין קעשענע אַ האָלענדישן פּאַספּאָרט, אַ מעסערל און אַ מיטגליד־בוך פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ?

פּאָליצײ

איך האָב געפונען בלויז אַ פּאַספּאָרט, אַ מעסערל, אָבער קיין מאָל נישט קיין מיטגליד־בוך פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

טאָרגלער

(שטעלט זיך) איך בעט דאָס הויכע געריכט זאָל געגוי הערן אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט קיין מיטגליד־בוך נישט געהאַט; נישט ווי די אָנקלאַגע וויל באַהויפּטן. (זעצט זיך).

בענגער

(צום פּאָליצײ) איז דאָס אפשר געווען אַ פּראָקלאַמאַציע, אויב נישט קיין בוך?

פּאָליצײ

ניין. אחוץ יענע צוויי—האָט דער אָנגעקלאָגטער קיין זאַך נישט פאַרמאָגט.

בענגער

(צום פּאָליצײ) איר קענט גיין. (פּאָליצײ אָפּ).

איצט רופן מיר דעם עדות, דעם פייער־עקספּערט דאָקטאָר שאַטץ.

עקספּערט

(שטעלט זיך) איך בין גרייט צו ענפערן דעם הויכן געריכט.

בענגער

וועט איר שווערן אַז אויף אַלץ וואָס מען פרעגט אייך וועט איר ענטפערן נאָר ווי אייער פאַך־קענטניש פאַרשטייט?

עקספּערט

יאָוואָל, איך וועל שווערן.

(בענגער און עקספּערט הויבן אויף די הענט און שווערן).

בענגער

קענט איר זאָגן דעם הויכן געריכט צי איז דאָס מעגלאַך געווען אַז

איין מענטש, ווי וואָן דער ליובע אין דעם פאַל, זאָל האָבן געקענט אונטערצינדן דעם רייכסטאַג ?

עקספּערט

ווי אזוי מ׳זאָל נישט וועלן אויסרעכענען האָט ער געמוזט האָבן אַ־רויסהעלפער.

בענגער

הייסט עס, אַז איר, דאָקטאָר שאַץ, דער געריכט־עקספּערט, גיט צו אַז דער אָנגעקלאָגטער וואָן דער ליובע האָט געמוזט האָבן ארויס־העלפער ?

עקספּערט

אַליין, איין מענטש — קען קיינמאָל נישט מאַכן אַ פייער וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אַזויפיל ערטער, ווי ס׳איז פאַרגעשטעלט גע־וואָרן ; נאָר מיט אַרויסהעלפער.

בענגער

האָר עקספּערט, איר קענט גיין. (עקספּערט אָפּ) הייסט עס, אַז ס׳איז ווידער ווי מיר באַהויפּטן, אַז דו, וואָן דער ליובע, האָסט גע־האָט אַרויסהעלפער.

דימיטראָוו

(שרייט אויס) דאָס זאָג איך, אויב דאָ זיצט פאַר אונדז פאַאוסט, וואו זשע איז מעפיסטאָפעל ?

בענגער

מען פרעגט איך נישט, טאָרט איר נישט נעמען זיך די פרייהייט צו ריידן ווען מען בעט איך נישט.

דימיטראָוו

איר מעגט מיך טאָקע נישט בעטן, נאָר דאָ בין איך אַן אָנגעקלאָגטער אומזיסט, וויל איך זיך פאַרטיידיקן ; צי איך געפעלט, צי נישט.

בענגער

שטיל, ווייל איך וועל אייך הייסן אַרויספירן פון געריכט און מיר וועלן דורכפירן דעם פּראָצעס אָן אייער אנוועזנהייט.

דימיטראָוו

איך ווייס ; אַ נאַצי־ריכטער קאָן טאָן אַ סך זאַכן !

בענגער

(בייז) רוף איך איצט דעם אָנגעקלאָגטן האָר טאָרגלער. האָר טאָרג־לער, וואָס האָט איר צו ענטפערן אָף דער באַשולדיקונג צו זיין מיטבאַטייליקט מיט דעם פאַרברעכער וואָן דער ליובע אין מאַכן דאָס

פייער אין רייכסטאַג געביידע, וואו איר זענט געוועזן רייכס־פּאַרלאַ־
מענטאַריער פון דער געוועזענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? ווי דאָס
געריכט וועט שפּעטער ברענגען באַווייזן, זענט איר געזען געוואָרן
אין דער באַגלייטונג פון וואָן דער ליובען אין דער רייכסטאַג געביי־
דע; זענט איר געוועזן דער לעצטער צו פאַרלאָזן די געביידע דעם
27טן פעברואַר 1933?

טאָרגלער

(שטעלט זיך) הויכער רייכסדייטשער געריכט! נאָך אַזויפיל חדשים
אָפּפינצטערן אין געפענגעניש, האָב איך געהאָפּט און געוואַרט אַף דעם
גליקלעכן מאָמענט צו קענען שטיין דאָ פאַר אייך, הויכע ריכטער, און
פאַר דעם גאַנצן דייטשן פאָלק און באַווייזן מיין אומשולד.

בענגער

באַווייזט.

טאָרגלער

איך בין אומשולדיק. איך בין אומשולדיק. דערלויבט מיר אייך גע־
נוי צו מאָלן אַ בילד פון מיין פּערזאָן אין מיין פאַרטיידיקונג.

בענגער

(באַראָט זיך מיט אַנדערע ריכטער) אייער פאַרלאַנג איז באַוויליקט.

טאָרגלער

איך, געוועזן אַ קינד בײַ אָרעמע טאַטע־מאַמע. נאָך גאָר אַ קינד,
געמוזט גיין זיך פאַרדינען אַף ברויט. געלערנט זיך דאָס שניידער־
פאַך, געאַרבעט שווער און ביטער און נישט פאַרדינט דאָס מינדעסטע
וואָס איך האָב באַדאַרפט צום לעבן.
געקומען די מלחמה, בין איך געגאַנגען פאַרטיידיקן דאָס פאָטער־
לאַנד אַף די שלאַכטפעלדער. אַהיימגעקומען אַנטוישט, צעבראָכן און
אָפּגענאַרט. האָט מיר מיין האַרץ געבלוטיקט פאַר די ליידנדע דייטשע
אַרבעטער און זייער נויט. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָ־
מוניסטישער פאַרטיי, וועלכע האָט געוואָלט העלפן די דייטשע ברידער
אין זייער נויט. האָב איך דערגרייכט אין דער פאַרטיי אַ הויכע
שטופע, צוליב מיין ערנסטקייט און ערלעכקייט; פון געוויינלעכן
שניידער געזעל — בין איך געוואָרן רייכסטאַג אָפּגעאָרדנעטער און
דאָן דער פירער פון דער פראַקציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי
אין רייכסטאַג. איך וויל נאָכאַמאָל דערקלערן אַזוי ערלעך און ערנסט
ווי מעגלעך, אַז איך בין אומשולדיק אין דעם פאַרברעכן פון אונ־

טערצינדן די רייכסטאַג געביידע דעם 27סטן פעברואַר 1933. איך האָף אַז דאָס הויכע געריכט וועט נאָך האָבן די געלעגנהייט דאָסזעל־בע אויסצוגעפינען און פעסטשטעלן.

דימיטראָוו

(שרייט אויס) אַזוי קריכעריש רעדט דאָס אַן אמתער רעוואָלוציאָנער?

בעגגער

האַר טאָרגלער, דאָס געריכט זאָל אפילו וועלן גלויבן אייערע רייד פון אומשולד, האָט אָבער די אָנקלאָגע אַנדערע באַווייזן, וועלכע מיר וועלן פּרוואוון ברענגען קעגן אייך אין צייט פון פּראָצעס. האַר טאָרג־לער, איר קענט זיצן. (טאָרגלער זעצט זיך).

בעגגער

איצט וועל איך הייסן דעם אויסלענדער, דעם בולגאַרישן טעראָריסט־קאָמוניסט, וועלכער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט אין 1925 אין סאָפיע, בולגאַריע, פאַר אונטערצינדן די קאַטעדראַלע. איך הייס דעם אָנגעקלאָגטן דימיטראָוו זיך אויפשטעלן.

דימיטראָוו

אפשר מעג איך זיצן?

בעגגער

ניין, איר טאָרט נישט זיצן!

דימיטראָוו

וואָס איז דאָ דער אונטערשייד? באַ אייך בין איך שוין במילא פאַראורטיילט. וואָס איז דאָ דער אונטערשייד ווי די קאָמעדיע ווערט געפירט!

בעגגער

וויל איך טאַקע פרעגן דעם אָנגעקלאָגטן דימיטראָוו, צי איז אמת, אַז אין 1925 איז ער פאַראורטיילט געוואָרן אין בולגאַריע, אין זיין היימ־לאַנד, צום טויט פאַר אַן ענלעכן פאַרברעכן ווי באַ אונדז.

דימיטראָוו

וועגן דעם אורטייל האָב איך געהערט אין אויסלאַנד און ס'איז מיר גאָר נישט אָנגעגאַנגען, ווייל לאַנג, לאַנג אַז איך האָב געהאַט פאַר־לאָזן מיין היים, בולגאַריע.

בעגגער

וועל איך דעם אָנגעקלאָגטן אויספרעגן אַן אַנדערש מאָל. איצט זענט איר מיר צו קלוג. איך וועל הייסן אייך אַרויספירן פון געריכט,

ווייל אייער באַנעמען קאָן נאָר אָנגערופן ווערן פרעך און נאָכאַמאָל פרעך.

דימיטראָוו

(שפּרינגט אויף) איך וואַרט שוין פּאָר מאָנאַטן צו דערקלערן מיין אומשולד!

בענגער

זיי רואיק, דו.

דימיטראָוו

זיי רואיק דו! איך בין אַן אומשולדיקער מענטש. איך בין דורך אַ צופאַל אַרעסטירט געוואָרן — און מיינע מיטבאַשולדיקטע, טאַנעוו, פּאָפּאָוו, וואָס קענען ניט אַ וואָרט דייטש אַרויסריידן, זיך צו קענען מיט עמיצן פאַרשטענדיקן, און טאָרגלער, זענען אומשולדיק אַריינגעשלעפּט געוואָרן. פינף חדשים אין קייטן געשלאָסן! איך קאָן נישט זיין רואיק, ווי איר ריכטער . . . איידער איר פרעגט און איך ענטפער אַף פּראַגעס — וויל איך אויסשרייען אַזוי הויך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן: מיר דאָ זענען אומשולדיק!

בענגער

(צו די וועכטער) פירט אים אַרויס. (פּאָליציי נעמען דימיטראָוון אַרויספירן. דימיטראָוו לאָזט זיך נישט).

דימיטראָוו

איך בין אומשלודיק!

ניינטע געשעעניש

אין עטלעכע וואָכן אַרום.	**פּאַרשוינען:**
אין ריכטער בענגערס רוצימער אין בערלינער געריכט.	בענגער גערינג
גערינג און בענגער.	
בענגער זיצט און גערינג דרייט זיך אַרום נערוועז.	

בענגער

האַר מיניסטער פּרעזידענט, איר וועט דאַרפן אויפטרעטן אין אייער פּאַרטיידיקונג; איר זעט דאָך, אַז אין לאָנדאָן האָבן זיי אונדז אַריינגעדרייט. זיי האָבן אַרויסגעגעבן דאָס „ברוינע בוך" און דערציילט דער וועלט זאַכן, וועלכע מיר וויסן — (קוקט זיך אַרום). איר ווייסט דאָך שוין וואָס איך מיין? האַר מיניסטער פּרעזידענט, איר דאַרפט זיך אויך היטן מיט ווערטער, ווייל די קאָרעספּאָנדענטן פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זיצן באַם פּראָצעס — —

גערינג

(שרייט) די קאָרעספּאָנדענטן! די קאָרעספּאָנדענטן! אַז איך ווייס גאָר נישט וואָס מ'טוט מיט זיי! אַז איך ווייס נישט. ס'קומט מיר אויס משוגע צו ווערן. פאַררוקט קען מען ווערן פון זיי.

בענגער

ווי ס'זעט אויס, און זאָל דאָס פאַר אייך, גענעראַל גערינג, נישט זיין קיין איבעררראַשונג: וועלן מיר דימיטראָוון און די אַנדערע דריי מוזן באַפרייען.

גערינג

באַפרייען? באַפרייען?

בענגער

איר מוזט דאָך פאַרשטיין, מיר מוזן!

גערינג

מ'וועט מוזן?

בענגער

און וואָס טוט מען מיט דעם „פּאָוסט״, ווי דימיטראָוו האָט אים אַזוי געלונגען אָנגערופן ?

גערינג

שלעכט. שלעכט. אים וועט מען דעם קאָפּ אָפּהאַקן, דעם אָרעמען טייפל.

בענגער

לויטן געזעץ, קומט פאַר אונטערצינדן בלויז לעבנסלעגלעכע געפענ־גניש.

גערינג

וואָן דער ליובען מוז מען דעם קאָפּ אָפּהאַקן.

בענגער

וועל איך זיך שוין אָן עצה געבן מיטן געזעץ ; וועל איך אים שיקן אַוועק אַף יענער וועלט.

גערינג

(אויפגעמונטערט) דער שורקע, דער האָלענדער האָט זיינס אָפּגעטאָן. די קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און פּאַציפיסטן, האָבן מיר אָפּגעווישט, זיי געשיקט אונטער דער ערד ; און ער ? ער מעג גיין אין דער ערד אַריין.

בענגער

ווען ער, דער האָלענדער, זאָל בלייבן לעבן, גייט ער דאָרנאָך און דערציילט דער וועלט — און ס'וואָלט געוועזן טויזנט מאָל ערגער ווי טויזנט „ברוינע ביכער״.

גערינג

די בעסטע זאַך, די קלוגסטע — וואָן דער ליובע — מיט איין קאָפּ ווינציקער, ווינציקער.

צענטע געשעעניש

אין אַ וואָך אַרום.
בערלינער געריכט זאַל.
אינעווייניק זעט אויס כמעט ווי אין
לייפּציגער געריכטזאַל. דער פּראָצעס
איז אין מיטן גאַנג.
צוויי פרויען זיצן אויף די עדות שטולן.

פּאַרשוינען:
צוויי פרויען
בענגער
זעקס ריכטער
צוויי סטענאָגראַפיסטן
זעקס וועכטער
טאָרגלער
דימיטראָוו
פּאָפּאָוו
טאַנעוו
גערינג (מיט זיינע אַדיו־
טאַנטן.)
וואַן דער ליובע
דריי פּאַרטיידיקער
זשורנאַליסטן
געסט
עולם

בענגער
די צוויי פרויען וואָס האָבן דאָ געענדיקט זייער עדות זאָגן, האָבן געשוואוירן אַז אין דער צייט פון דעם פּאַרברעכן, זענען די אָנגעקלאָגטע פּאָפּאָוו און טאַנעוו געווען מיט זיי אין זייערע היימען אין סאָוויעט־רוסלאַנד — אויך גיבן זיי זיך אָן פאַר ווייבער פון די אָנגעקלאָגטע.

ערשטע פרוי
פּאָפּאָוו איז מיין מאַן.

צווייטע פרוי
טאַנעוו איז מיין מאַן.

בענגער
ווי איך פאַרשטיי, האָט איר, פרויען, נישט קיין לעגאַלן רעכט זיך

אָנצורופן ווייבער פון די אָנגעקלאָגטע טאַנעוו און פּאָפּאָוו. איר האָט געוויס קיין רעליגיעזע און שטאָטלעכע צערעמאָניעס, ווי מיר פאַר־שטייען דאָס אין דריטן רייך, ניט דורגעפירט? הייסט עס, זענט איר נישט די ווייבער פון די אָנגעקלאָגטע, ווי איך פאַרשטיי?

דימיטראָוו

איך בין דערשטוינט ווי ווייט דער ריכטער איז אומוויסנד וועגן די געזעצן פון סאָוויעטן־לאַנד!

בענגער

וויפיל מאָל אַז איך האָב איך פאַרבאָטן באַליידיקן דאָס געריכט? איר שופטקערל דימיטראָוו.

דימיטראָוו

(צום ריכטער) אָבער איר מוזט נאָך אַ סך לערנען, האַר ריכטער!

בענגער

איך פאַרלאַנג צו פאַרבאָטן דעם אָנגעקלאָגטן אַזוי צו ריידן.

פּראָקוראָר

דער אָנגעקלאָגטער דימיטראָוו ווערט אויסגעשלאָסן אָף דריי טעג פון געריכטזאַל, פאַר זיין פרעכן פאַרהאַלטן זיך.

דימיטראָוו

(שפּרינגט אויף) אַהאַ, ווייל איר האָט דאָ פריער אַנאָנסירט אַז האַר גערינג דאַרף קומען היינט אַלס עדות, ווילט איר מיך דאָ נישט האָבן? ס'וועט זיין באַקוועמער, מיינע האַרן!

(די ריכטער באַראָטן זיך צווישן זיך).

בענגער

כדי די אויסלענדישע פּרעסע זאָל נישט ליאַרעמען מאָרגן אַז מיר האָבן דעם אָנגעקלאָגטן אויסגעשלאָסן, כדי צו מאַכן לייכטער דאָס עדות־זאָגן פאַר אונדזער מיניסטער פּרעזידענט האַר גערינג, האָט דאָס דייטשע געריכט באַשלאָסן דאָסמאָל דעם דימיטראָוון שענקען זיין שטראָף און ער בלייבט ווידער אין געריכט.

(גערינג קומט אַריין מיט זיינע אַדיוטאַנטן. אַלע אין געריכט־זאַל שטעלן זיך אויף און זעצן זיך צוריק).

בענגער

איך וועל בעטן דעם האַר־מיניסטער פּרעזידענט צו דערשיינען אַלס עדות.

גערינג

(גייט צו נעענטער, זעצט זיך און שטעלט זיך צוריק אויף, נערוועז).

בענגער

דאָס געריכט האָט איך, האַר גערינג, גערופן אַהער אָפּצולייקענען דעם פּאַסקוויל, וואָס די אויסלענדער האָבן אַף אייך אויסגעטראַכט אין זייער „ברוינעם בוך" (הויבט אויף דעם בוך) אַז איר אַליין האָט גאָר געהאָלפן, אָדער געוועזן פּאַראינטערעסירט אין פאַרברענען דעם דעמאָקראַטישן רייכסטאַג. האַר מיניסטער פּרעזידענט, וואָס האָט איר צו זאָגן וועגן דעם?

דימיטראָוו

איך בעט מיר צו געבן דאָס ברוינע בוך צו לייענען, מיר צו העלפן אין מיין פאַרטיידיקונג.

בענגער

דאָס קענט איר ניט קריגן. זייט דאָך רואיק, דימיטראָוו.

גערינג

(אָנגעצונדן, נערוועז, זיינע ליפּן ציטערן) האַ? האַ? איך קאָמיסאַר גערינג, דעמאָלט פאַרגעזעצטער פון דער פּרייסישער פּאָליציי, האָב אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג? האַ? האַ? איך, דער פּרייסישער מיניסטער־פּרעזידענט האָב דעם קאָמוניסמוס צעשמעטערט, דאָס איז וואָר! צעשמעטערט דאָס געזינדל פאַרברעכער.
נאָך אין דער נאַכט פון פייער־אויסברוך, האָב איך געוואָלט, טאַקע דעמאָלט באַנאַכט, דעם געכאַפּטן וואַן דער ליובען אויפהענגען, מיט מיינע אייגענע הענט.

דימיטראָוו

זייער פיינע, ריינע הענט, האַר מיניסטער־פּרעזידענט!

בענגער

שווייגט, דימיטראָוו, שווייגט. (בייסט די נעגל) איז ער געוועזן נאָר איינער? געוויס האָבן אים געהאָלפן אַ גאַנצע באַנדע!

גערינג

האָב איך אים נישט אויפגעהאַנגען, ווייל מען דאַרף אים דאָך — דעם שורקע וואַן דער ליובע, פאַר אַן עדות.

דימיטראָוו

גיט איר צו האַר מיניסטער פּרעזידענט, אַז אייער גאַנץ טראַכטן איז נאָר באַשעפטיקט מיט מאָרד און מאָרד?

גערינג

(צו דימיטראָוון) דו גאַונער, דו. איך וועל דיך אויפהענגען.

דימיטראָוו

זעט מענטשן, אַ מאַכטהאָבער אין דריטן רייך, אַ גרויסוואַנזיניקער פאַרברעכער.

בענגער

זאָל דאָ אין הויכן דייטשן געריכט פון דריטן רייך, פאַרדאַמט ווערן די פאַלשקייט פון דעם „ברוינעם בוך", אַז האַר גערינג, אָבערלייטענאַנט שולץ, האַינעס, גראַף העלדאָרף — זיינען געווען די צינדער.

דימיטראָוו

איך בעט ווידער מיר צו געבן דאָס ברוינע בוך מיר צו העלפן אין מיין פאַרטיידיקונג.

בענגער

אייער פאַרטיידיקער קען דאָס בוך זען, אָבער נישט איר.

דימיטראָוו

איך בין מיין אייגענער פאַרטיידיקער. דער פאַרטיידיקער וואָס איר האָט מיר געגעבן איז דאָך אייערס אַ מענטש, אַ נאַצי! ער טוט דאָך פונקט דאָס פאַרקערטע וואָס אַ פאַרטיידיקער דאַרף טאָן!

גערינג

איך בעט דאָס הויכע געריכט, מ'זאָל דעם אָנגעקלאָגטן דימיטראָוו פאַרשטאָפּן דאָס מויל. איך אַליין בין נישט געקומען אַהער, צו זיין אַן אָנגעקלאָגטער! איך בין געקומען דאָ אָנקלאָגן.

בענגער

ריכטיק. זייער ריכטיק.

גערינג

די וועלט מיינט אַז מיר, די נאַציס, האָבן זיך דערלויבט מיט טעראָר מיטלען צו קומען צו דער מאַכט? אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן טוען די קאָמוניסטן דאָ אין לאַנד. דאָס טוט סאָוויעט רוסלאַנד — דאָס לאַנד פון די באַנדיטן.

דימיטראָוו

מיניסטער־קאָפּ, ווייסט איר נישט אַז די באָלשעוויסטישע פאַרטיי פאַר־באַט אינדיווידועלן טעראָר?

גערינג

אָבער דו אַליין, דימיטראָוו?

דימיטראָוו

איך בין אַ קאָמוניסט. איך בין אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער.

איך בין נישט קיין טעראָריסטישער האַכשטאַפּלער, ווי איר, אָדער אַנדערע דייטשע פּרינצן!

געריננ

אַף די באָלשעוויקעס קען מען אַלץ גלויבן. אַף די באַנדיטן.

דימיטראָוו

ווייסט איר, אַז די, וועמען איר רופט אָן באַנדיטן, רעגירן איבער אַ זעקסטל פון דער ערד? און ס'איז דאָס גרעסטע און מאָדערנסטע לאַנד אַף דער ערד, אַז דאָרט איז קאַפּיטאַליסטישע רויבערײַ אָפּגעשאַפט?

געריננ

אָבער די נאַציס? מיר פריידיקן זיכער נישט קיין טעראָר!

דימיטראָוו

יאָ. נישט נאָר קען מען זאָגן, נאָר אויך לייכט באַווייזן אַז יאָ. אַלע געדענקען ווען אייערער אַ נאַצי איז אַרײַן אינדערפרי צו אַ קאָמוניסטישן אַרבעטער ווען יענער איז נאָך געשלאָפן און האָט אים קאַלט בלוטיק דערמאָרדעט. האָט נישט היטלער אַליין פּראָטעסטירט דעם מערדערס אַרעסט? האָט נישט אייער מאַכט דעמזעלבן מערדער באַפרייט און אים געמאַכט פאַר אַ העלד פון טאָג?
און דער פאַל איז נישט איינער, נאָר טויזנטער:
האָט איר נישט געשטעלט אַ דענקמאָל די מערדער פון ראַטענאַו?
איר נאַצי מערדער!

געריננ

פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל. וואַרט, דו דימיטראָוו, איך וועל דיך נאָך פּאַקן ווען דו וועסט פון דעם פּראָצעס באַפרייט ווערן. ווען דו וועסט פון דאַנען אַרויס!

בענגער

(מישט זיך אַרײַן) האר מיניסטער פּרעזידענט, אַ שאָד זיך אויפרעגן, איר קענט שוין גיין.
(געריננ און זיינע באַגלייטער אָפּ).

וואַן דער ליובע

(שטעלט זיך פּלוצים אויף) ביז איך נייגעריק צו וויסן ווען מ'וועט מיר שוין זאָגן מיין אורטייל?

פּראָקוראָר

ווען דו קומסט אַרויס מיט לשון — קאָנסטו העלפן מאַכן גיך אַ סוף.

וואַן דער ליובע

איך קאָן נאָר זאָגן אַז איך האָב דעם רייכסטאָג אונטערגעצונדן. וואָס איז דאָ וויכטיק אייער פּראָצעסירן קעגן די אַנדערע? פון די באַ־וויזן איז דאָך קלאָר אַז די אַלע מענטשן דאָ — זענען אומשולדיק. זענען נישט געווען דערביי. די מענטשן זענען אַריינגעצויגן אין פּראָצעס; טאָקע זיי, די פיר, זענען געצוואונגען געווען צוצוגעבן, דאָס וואָס איך האָב אַלע מאָל געזאָגט.

דימיטראָוו

אַלעמאָל געזאָגט? אַז ער רעדט דאָך גאָרנישט? אפשר רעדט ער צו זיי אין געפענגעניש ווען די האַרן ווילן אים פּראָוואָצירן קעגן אונדז?

וואַן דער ליובע

אַלע מאָל געזאָגט, זיי זענען נישט שולדיק. איך וויל דעם אורטייל הערן.

בענגער

דאָס קאָן איך דיר איצט נאָך נישט זאָגן. זאָג דו בעסער, ווער דיינע מיטהעלפער זענען געווען. ביסטו אַ קאָמוניסט? זאָג.

וואַן דער ליובע

איך בין נישט קיין קאָמוניסט. זיי האָבן מיך פון דער פּאַרטיי שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן. איך קאָן קיינעם נישט פון די מענטשן וואָס איר האָט אַריינגעשלעפּט אין דעם פּראָצעס. איך אַליין בין דער אונטערצינדער! ס'האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט, איר האָט דעם סימ־באָליזם אַריינגעבראַכט. איך בין מיט דעם נישט איינפאַרשטאַנען.

(אַלע אין געריכט הערן זיך איבערראַשט צו וואַן דער ליובען).

וואַן דער ליובע

גיט מיר צוואַנציק יאָר, אָדער טויט. אָבי מאַכט שוין אַ סוף. סע נודיעט מיך שוין. מיר האָבן שוין דעם פּראָצעס אין צוויי ערטער, לייפּציג, איצט בערלין, מאָרגן אוודאי ווידער לייפּציג?

איך בין דער אַנגעקלאָגטער און איך וויל דעם אורטייל הערן.

דימיטראָוו

פאַרלאַנג איך, נישט נאָר אַז איר זאָלט אונדז אומשולדיקע באַפרייען; אונדז קומט פאַר אונדזער פאַרלוירענער צייט צו באַצאָלן — הויכער דייטשער געריכט!

בענגער

וועט איר זיין שטיל, אָנגעקלאָגטער דימיטראָוו ?

דימיטראָוו

וועט דער האַר ריכטער בעסער פרעגן וואָן דער ליובען, וואו איז ער געוועזן אַ נאַכט פאַרן פייער צוגרייט, דעם 26טן פעברואַר ? איר האָט אינגאַנצן פאַרגעסן דאָס געוואָר צו ווערן.

בענגער

שטיל !

וואַן דער ליובע

באַ די נאַציס.

דימיטראָוו

אַהאַ ? באַ די נאַציס !

בענגער

שטיל זאָל זיין, שטיל. קיינער האָט נישט קיין רעכט צו ריידן אַז דאָס הויכע געריכט פרעגט נישט ! (צו די וועכטער) פירט זיי אַרויס.

(וועכטער שלעפן דימיטראָוון).

עלפטע געשעעניש

אין אַ וואָך אַרום.
ריכטער בענגערס רוצימער אין לייפּ־
ציג.
בענגער און גערינג שפּאַצירן איבערן
צימער אַהין און צוריק.

פאַרשוינען:
בענגער
גערינג

בענגער

מיר זענען געצוואונגען.

גערינג

וואָס געצוואונגען?

בענגער

מיר מוזן זיי באַפרייען, די פיר: טאָרגלערן, טאַנעוון, פּאָפּאָוון און דימיטראָוון אויך.

גערינג

דימיטראָוון אויך?

בענגער

יאָ, דימיטראָוון אויך.

גערינג

שלעכט; דאָס טרייבט מיך פון זינען אַרונטער. איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן.

בענגער

דער מאָראַלישער דרוק פון אויסלאַנד, די אַדוואָקאַטן־געסט, די זשור־נאַליסטן און דאָס „ברוינע בוך".

גערינג

גיי פאַרשטיי! מיר טוען זאַכן און מיינען אַז קיינער ווייסט נישט, און צום סוף — איך וועל זיך נאָך דאָס לעבן נעמען פאַר שאַנדע.

בענגער

באַרואיק זיך, מיניסטער פּרעזידענט, ס'איז גאָר נישט שיין פאַרן גע־נעראַל הערמאַן ווילהעלם גערינג זיך אַזוי צו האַלטן.

גערינג

דו — בענגער, מעגסט מיך אַביסל ווינציקער לערנען — דעם מי־ניסטער פּרעזידענט פון פּרייסן.

בענגער

איך מיין צו זאָגן: די סיטואַציע אין וועלכער די וועלט האָט דאָס געריכט אַריינגעשטעלט.

גערינג

וואָס אַריינגעשטעלט?

בענגער

מיר טאָרן זיך נישט פאַרלירן. מיר מוזן ראַטעווען אונדזער ערע און ווירדע פון דעם הויכן געריכט, אַנטקעגן די אויגן פון דער גאַנ־צער וועלט.

גערינג

שוין, זאָל מען מער נישטריידן דערפון. באַפרייען!
וואָס מיט וואַן דער ליובען?

בענגער

וואַן דער ליובען — אויך באַפרייען.

גערינג

וואָס, ביסט משוגע געוואָרן? ביסט פון זינען אַרונטער?

בענגער

איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט אַ חוש פאַר הומאָר; פאַרשטייסט נישט קיין שפּאַס?

גערינג

אַ שיינער שפּאַס וואָלט געווען ווען מ׳לאָזט דעם שורקע לעבן! ער, דער האָלענדער גאַונער! אויב ער האָט געזאָגט איינס — האָט ער דאָך שוין געקענט זאָגן: צוויי! אויב ער איז שוין געווען אין דער שפּיל, האָט זיין איין וואָרט אונדז געקענט ראַטעווען, און איין זאַג, אַז די פאַרדאַמטע פיר קאָמוניסטן האָבן אים געהאָלפן — וואָלט זיי אָוועקגעשיקט גלייך אַף יענער וועלט.

בענגער

האַק און בראַק אים. אַז ער וויל נישט זאָגן. קענסט דאָס פאַרשטיין?

גערינג

אַ וואַנזיניקער, אַ משוגענער. ער האָט געקענט ראַטעווען זיין אייגענע פעל, ווען ער זאָגט.

בענגער

ראַטעווען זיין אייגענע פעל? אין אַלע פאַלן האָט מען אים נישט געטאָרט לאָזן לעבן. אַזאַ ווי וואַן דער ליובע קען מאָרגן גיין און דערציילן און אויספּלאַפּלען אַלץ; אפילו ער זאָל געווען ווערן דער בעסטער פּראָוואָקאַטאָר, ווי מיר האָבן דאָס געמיינט!

גערינג

מען מוז אים מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער.

בענגער

אפשר וואָלט מען אים גאָר געהאַנגען און נישט אָפּהאַקן דעם קאָפּ?

גערינג

ניין, הענגען איז צופיל ערע פאַר אַזאַ איינעם.

בענגער

דער האָלענדער, וואַן דער ליובע, מיט איין קאָפּ קירצער, האַר עק־סעלענץ.

צוועלפטע געשעעניש

אין אַ ראַשיקער לייפּציגער גאַס.
ציַיטונגס־פאַרקויפער.

פּאַרשוינען:
ערשטער יינגל
צווייטער יינגל
דריטער יינגל
עולם

ערשטער יינגל
(לויפט און שרייט) עקסטרא. **פּראָקוראָר הייסט באַפרייען טאָרגלערן, דימיטראָוון, טאַנעוון און פּאָפּאָוון צוליב מאַנגל אין באַווייזן.**
צווייטער יינגל
פאַר וואַן דער ליובען פאַרלאַנגט טויט. טויט דורך קעפּן.
דריטער יינגל
דעם קאָפּ אָפּהאַקן — וואַן דער ליובען, דעם אויסלענדער.

דרייצענטע געשעעניש

אין עטלעכע טעג אַרום. אין לייפּציגער געפענגעניש־קאָרידאָר. די צעלן זענען מיט אייזערנע טירן פאַרמאַכט. אין יעדער טיר איז דאָ אַ קליין קוקערל דורך וועלכן מען קען אַרויסזען דאָס פּנים פון דעם אַרעסטאַנט. וואַן דער ליובע קוקט אַרויס דורך דעם פענצטערל אין קאָרידאָר און רעדט צו זיין שכן באַם צווייטן קוקערל.

פאַרשוינען:
וואַן דער ליובע
שכן
וועכטער
צווייטער וועכטער
(דריטער און פערטער וועכטער.)

וואַן דער ליובע

שכן, ווען ביסטו אַריין אַהער? קענסט אויך נישט שלאָפן?

שכן

(קוקט אויך אַרויס דורכן פענצטערל) איך, אינמיטן נאַכט.

וואַן דער ליובע

וואָס איז דיין נאָמען?

שכן

מיין נאָמען איז האַנס.

וואַן דער ליובע

ביסטו אויך פאַראורטיילט געקעפּט צו ווערן?

שכן

צו שטאַרבן אונטער דער שאַרף פון דער האַק.

וואַן דער ליובע

פאַרוואָס קומט דיר צו שטאַרבן?

שכן

איך זאָרג זיך ניט פאַר מיין קאָפּ, אַבי איך האָב מיינס אָפּגעטאָן.

וואַן דער ליובע

וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?

שכן

איך האָב געהרגעט אַ פּראָוואָקאַטאָר.

װאַן דער ליובע

ביסטו אפשר אַ קאָמוניסט?

שכן

יאָ, איך בין. ס׳לוינט זיך צו שטאַרבן פֿאַר אַפֿראַמען אַ פֿאַררעטער פֿון דעם אַרבעטער קלאַס.

װאַן דער ליובע

דו זאָרגסט דיך גאָר נישט װעגן דיין לעבן?

שכן

אַ שאָד װאָס איך האָב נאָר איין לעבן. װאָלט איך געהאַט צװיי, בין איך גרייט אָװעקצוגעבן צװיי לעבנס פֿאַר אָװעקשיקן איין פּראָ־װאָקאַטאָר אַהין װאו ער געהערט.

װאַן דער ליובע

גייט דיך גאָר נישט אָן דיין לעבן?

שכן

און דיין קאָפּ גייט מען אויך אָפּהאַקן?

װאַן דער ליובע

אַזוי זאָגן די װעכטער — אַז יאָ.

שכן

מעגסט גלויבן די רעגירער פֿון דעם דריטן רייך.

װאַן דער ליובע

מיר װילט זיך נישט גלויבן, װילט זיך נישט.

שכן

שכן מיינער, װאָס איז, מעג איך װיסן דיין נאָמען?

װאַן דער ליובע

מיין נאָמען? איך װעל זיך נישט שעמען דיר אויסצוזאָגן, אַ קאָמו־ניסטישן קאָמעראַד.

שכן

שעם זיך נישט, ביסטו אפשר װאַן דער ליובע, װאָס דו שעמסט זיך? װאַן דער ליובע דער פּראָװאָקאַטאָר?

װאַן דער ליובע

איך בין װאַן דער ליובע.

שכן

אויב װאַן דער ליובע דער, דער פּראָװאָקאַטאָר, אַנטשולדיקט מיר װאָס איך האָב מיט דיר גערעדט. איך רייד נישט צו קיין פּראָװאָקאַטאָרס. (שכן פֿאַרפֿראַלט דאָס טירל)

וואַן דער ליובע

האַנס, רייד צו מיר. קאַמעראַד! וואַן דער ליובע איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר. וואַן דער ליובע האָט בלויז געמאַכט איין טעות; ער האָט געהאַט געגלויבט אין די מערדערישע נאַציס. אָבער שוין ניט מער, מער!

(שכן ענטפערט נישט. וועכטער קומט אָן — עפנט די טיר פון וואַן דער ליובעס קאַמער.)

וועכטער

קענסט אַהער צוגיין, געפאַנגענער וואַן דער ליובע, ס'איז שוין פיר אַזייגער אין דער פרי. דו מוזט זיך האַלטן בראַוו די לעצטע מינוטן.

וואַן דער ליובע

(גייט אַריבער די טיר פון זיין צעל אין קאָרידאָר אריין, ברעכט אויס אין א געוויין.)

גייען זיי מיך איצט מאָרדן? מ'האָט מיר נעכטן אפילו נישט אָנגע־זאָגט וועגן דעם.

וועכטער

אָבוואָל דו ביסט קיין דייטשער נישט, זיצסטו דאָך אין אַ רייכסדייטשן געפענגעניש. האַלט דיך בראַוו.

וואַן דער ליובע

גייען זיי מיר טאַקע מיין קאָפּ (היסטעריש כאַפּט זיך באַם קאָפּ) אָפּ־האַקן מיין קאָפּ?

וועכטער

דום־קאָפּ איינער, האָסט דאָך אַזוי גערעדט באַם פּראָצעס!

וואַן דער ליובע

באַם פּראָצעס, ווען איך בין געזעסן מיט מיין קאָפּ אין דרייען גע־בויגן — האָט דער פּיפּיקער, שטאָלצער דימיטראָוו צו מיר אויסגע־רופן: „דו באַהאַלטסט דיין פּנים פאַר שאַנדע, ווייל דו האָסט פאַר־ראַטן דעם אַרבעטער קלאַס!" האָב איך מיין קאָפּ אויפגעהויבן פאַר צייכן — אַז איך האָב נישט פאַראַטן. וואַן דער ליובע האָט קיינעם נישט פאַרראַטן. וואַן דער ליובע האָט נאָר פאַרראַטן זיך אַליין. וואַן דער ליובעס קאָפּ גייט מען אָפּשניידן. וואַן דער ליובע האָט געהייסן זיינע יונגע יאָרן אָפּהאַקן. וואַן דער ליובע האָט געגלויבט די נאַציס, די מערדער. (ווילד).

וועכטער

מיין זון, שריי ביז מאָרגן! ס'וועט דיר העלפן?

וואַן דער ליובע

אַ צייט־לאַנג אַז איך בעט זיך — איך וויל זען האַר געךינג.
פּאַר און אינמיטן פּראַצעס איז ער געקומען מיך באַזוכן פּופּצן מאָל
אַ וואָך און מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן.
זאָגן זאַכן וואָס איך ווייס נישט האָב איך נישט געקענט.
ס׳האָבן מיר געגומען שטיקן די ווערטער אין האַלדז. איך האָב אַלע־
מאָל געפילט אַז איך וועל פּלאַצן, צעריסן ווערן ווי פון אַ באָמבע,
אויב איך עפן מיין מויל.

וועכטער

ווער האָט דיך געבעטן קומען אַהער? ווער האָט געשיקט נאָך דיר,
דו אויסלענדער?

וואַן דער ליובע

איך האָב געמיינט, אַז מע מעג גלויבן די מענטשן־מערדער, די נאַ־
ציס. האָבן מיינע חברים מיך פאַרשטויסן. וואָס דען האָבן זיי געזאָלט
טאָן צו מיר, צו דעם נאַר? יאָ, אין נויט, איך בין הונגעריק געווען,
האָב איך זיך געלאָזט פאַרפירן צו ווערן אַ שפּיאָן, אַ פּראָוואָקאַטאָר,
אַ שפּיאָן אַנטקעגן מיינע נעכטיקע קאַמעראַדן. ווען איך האָב דאָ אַ
שטיקל שרייב־פּאַפּיר, שרייב איך אויף די פּאָר ווערטער, וואָס איך רייד
איצט; וועט זיך עמיצער דערוויסן וועגן זיי. איך גיי שטומערהייט
שטאַרבן. באַם פּראָצעס, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. געמיינט
אפשר וועלן די נאַציס האָבן מיטלייד מיט אַ יינגל און אים לאָזן לעבן
— האָב איך געשוויגן־שטום.

וועכטער

דו דאַרפסט זיך שעמען: זאָ אַ היפשער בורש ווי דו? דו דאַרפסט
זיך האַלטן בראַוו און אויסרופן: „האַיל היטלער״ דריי מאָל, ווען
זיי וועלן דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן.

וואַן דער ליובע

וועלן זיי מיר טאַקע דעם קאָפּ אָפּהאַקן? גוטער וועכטער, דו מאַכסט
שפּאַס מיט מיר?

וועכטער

אַ שיינעם שפּאַס! אין דריטן רייך אַז מ׳האַקט אַ קאָפּ — איז דאָס
גאָר קיין שפּאַס נישט.

צווייטער וועכטער

(קומט אריין) האַר וואַן דער ליובע, מיט רעספּעקט צו מעלדן, באַלד
וועט מען דיך הינריכטן. בין איך געשיקט געוואָרן צו פרעגן —

וואָס איז דיין לעצטער באַגער? דער האַר פּאַרוואַלטער האָט גע־הייסן פרעגן מיט רעספּעקט: עסן קענסטו דיר איינשאַפן וואָס נאָר דיין יונג האַרץ גלוסט; גיי איך און ברענג דיר דיין לעצטן מאָל־צייט. (וואַן ענטפערט נישט).

ערשטער וועכטער

איך ראָט דיך, הייס דיר ברענגען ווינער שניצל געבראָטן אין שווייגען פּעטס.

צווייטער וועכטער

האָסט איצט אַ געלעגנהייט צו טרינקען אַ גוט דייטש גלאָז ביר. זאָג איך דיר, זיי נישט קיין איינגעשפּאַרטער נאַר און פּרעס דיך אָן.

וואַן דער ליובע

אַוועק פון מיר, שוין איינמאָל האָט האַר גערינג מיר געגעבן אָפּצו־עסן. איך בין אייך מוחל, גיט מיר נישט קיין עסן!

צווייטער וועכטער

אויב דו ווילסט נישט, מוזטו נישט עסן. הייס דיר אָבער אריינ־ברענגען דאָס עסן, וועל איך אַהער ברענגען דעם ווינער שניצל; וועל איך מיט דעם אַנדערן וועכטער דאָס שוין ווי ס'איז אויפעסן. פאַרשטיי, מיר זענען הונגעריק, אין דריטן רייך איז נישטאָ צופיל צו עסן פאַר אַ פּראָסטן וועכטער.

ערשטער וועכטער

הייס אים, זאָל ער ברענגען. דו קערל וועסט נישט אויסזאָגן אַז מיר האָבן אויפגעגעסן דיין עסן?

וואַן דער ליובע

וואַן דער ליובע איז אַ שטומער. וואַן דער ליובע זאָגט נישט אויס!

וועכטער

נאָך היינט וועלן די צייטונגען שרייבן: דער אָרעמער טייוול וואַן דער ליובע האָט נישט געוואָלט גיין בראַוו צום טויט, סיידן מען זאָל אים ברענגען אַ שניצל געפּרעגלט אין חזיר פּעטס. כאַ. כאַ. כאַ.

וואַן דער ליובע

איך ציטער, איך האָב מורא צו שטאַרבן. כ'זע דעם טויט — ער זעט אויס שרעקלעך, מיט לאַנגע דאַרע הענט — דער טויט. (היס־טעריש) ע. — דעם קאָפּ אָפּהאַקן און דאָס בלוט וועט אַ שפּריץ טאָן. ס'וועט פאַרשמירן די אַלע האַרן מיט בלוט! דער האַר גע־

רינג? איך וואָלט געוואָלט בלייבן לעבן. (וויינט) מאַמע! מאַמע!
(צוויי אַנדערע וועכטער קומען אַריין).

ביידע וועכטער

באַפעל איז באַפעל. שפעט. נישט קיין צייט פאַרלירן.
פאַרדאַן, איך דאַרף דאָך ברענגען זיין לעצטן מאָלצייט? וואַרט אי־
בער ביז איך, כ'מיין ער, וועט זיך אַנעסן! וואָס האָט איר קיין צייט
נישט?

ביידע וועכטער

מיר האָבן נישט קיין צייט. מיר האָבן אַ באַפעל. באַפעל איז באַפעל.
פאַרשטאַנען?

צווייטער וועכטער

נישט שיין פאַר דעם דריטן רייך. סע פאַסט נישט, ניט צו לאָזן
איינעם אָפעסן!

ערשטער וועכטער

אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ אַ הונגעריקן?

ביידע וועכטער

באַפעל איז באַפעל. נישטאָ קיין צייט. (ביידע וועכטער שלעפן וואָן
דער ליובען. וואָן דער ליובע וויינט מיט דער מעלאָדיע פון דעם
„אינטערנאַציאָנאַל“)

ס ו ף.

די פֿאַרשאָלטענע ברונע

הערשל קליינפֿעלד

א מתנה

די פֿאַרשאָלטענע ברונע

א מעשה פֿאַרוויקלט אין 9 געשעענישן.

אָנהויב פון דער מעשה: אינמיט פון ניינצנטן יאָרהונדערט.

ערשטע געשעעניש

אינמיטן שטאָטישן מאַרק־רינג. נאָכט־צע־צו. דער הימל פֿאַרכמאַרעט, פֿאַר אַ שטורם־רעגן. אין אַ קוואַדראַט וויזן זיך קליינע איינגעבויגענע הייזער. אין סאַמע מיטן מאַרק איז פון פריטיעס אַ פֿאַרקנדל ארומגעגרויזעט, רונד ווי אַרום אַ ברונע. עטלעכע מענטשן שטייען נישט ווייט פון דעם פּאַרקענדל און טייטלען אַפֿן הימל. נישט ווייט אַף אַ נידעריק שטיבל הענגט אַ שילדל מיט דער אויפשריפט: שטאָטיש הקדש.

פֿאַרשוינען:

ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
יינגל
ערשטע יידענע
צווייטע יידענע
דריטע יידענע
שייקע — מושעביטש
עולם — (א סך מענטשן, יונג און אַלט, פרויען און מאַנסבילן
גרייזגראָער
געווינערן
הויכער ייד — (איר מאָן)

ערשטער ייד

געלויבט־צו־גאָט, א שטיקל דערלייכטערונג.

צווייטער ייד

ס׳קומט א שטורם־רעגן וועט אונדזער טייך אָנגעפילט ווערן. (ס׳דער־

הערט זיך אַ שטאַרקער קראַך און שטיקער ערד און שטויב שפּרינגען אויף אין לופטן.)

ייִנגל

(לויפט אַן) געַ־וואַ־לד, גוואַלד! (פון עטלעכע זייטן קומען מענטשן צולויפן, מענער, פרויען, יונג און אַלט.)

ערשטע ייִדענע

וואָס, וואָס איז געשען?

ייִנגל

די ערד, די ברונע איז שוין ווידער איינגעזונקען געוואָרן.

צווייטע ייִדענע

געוואַלד וואו זיינען מיינע קינדער? (ס׳ווערט א טומלעניש.)

ערשטער ייִד

סאַראַ אויפגעלויף, שאַ! שאַ!

צווייטער ייִד

געלויבט־צו־גאָט, אבי אָפּגעקומען מיט שרעק, ס׳האָט חלילה קיינעם נישט געשאַט? (אַ סך בייגן זיך אַריבער באַטראַכטן דאָס אָרט.)

ערשטע ייִדענע

איך האָב געזאָגט, דער רבי האָט אויך געהייסן מ׳זאָל ארומגרויזן אַ פּאַרקענדל אַרום.

צווייטע ייִדענע

אַזאַ שרעק אז דאָס האַרץ איז יעדן אַנטפאַלן געוואָרן.

ערשטער ייִד

אַזאַ קאַלבויניק! דאָס ייִנגל מאַכט אַזאַ געוואלד, שרעקט איבער א שטאָט (זאָמאַכעט זיך צום ייִנגל): גיי אהיים, דו, צו דיין מאַמען, אהיים צו דיין מאַמען! (ייִנגל פאַרשעמט, אָפּ אין אַ זייט.)

צווייטער ייִד

אַז דאָס לעבן איז איינגעשטעלט יעדע מינוט, עמעצער קען חלילה דאַ גיין, עמעצער קען אַריינפאַלן אָדער ברעכן אַ פוס חלילה!

דריטער ייִד

מער פעלט אונדז טאַקע נישט. אָט אַזוי, מענטשן, שוין וואָכן אַזוי; די היצן, דאָס טריקעניש און צו דער מגפה נעמט דאָך גאָר קיין סוף נישט.

ערשטער ייִד

(ווייזט אָן): אָט, דער אַלטער שייקע מושעביטש גייט אַהער.

צווייטער ייד

ער ווייסט דאָך טאַקע. ער דערציילט דאָך טאַקע.

שייקע

(זעט אויס א זיבעציקער, גאָר קרעפּטיק, הייבט אויף זיין שטעקן און שפּאַנט צו צו דער ברונע.)

דריטער ייד

נו, וואָס זאָגט איר ניט צו אונדזערע צרות?

שייקע

קינדערלעך, איך האָב שוין אָף מיינע אויגן, אין מיין לעבן, גענוג זאַכן געזען, אָבער אַנשטאָט א קאַרגע שטאָט מיט יידן זאָלן שטיין ווי א סטאַדע שאָף און זיך נישט אַן עצה געבן, דאַרפן בעטן דעם רבונו של עולם. יידן איך האָב געקענט רבי ר׳ אייזיקלען, און זיין זון, אים צו לאַנגע יאָר, איז רבי באַ אונדז אין שטאָט. אין זכות פון זיין הייליקן טאַטן וועט דער אויבערשטער אַראָפּנעמען די גזירה.

ערשטער ייד

ר׳ שייקע, איר זייט גערעכט. ביז ווען?

ערשטע יידענע

אַזאַ גרויס גאָלד אָף מיר ווי ר׳ שייקע איז גערעכט. שוין וואָכן לאַנג ווי די היצן מאַטערן. אָף די פעלדער איז אַלץ אוועקגעגאַנגען מיטן בראַנד. אָף די פויערן אין די דערפער וואַרפט דאָס אָן א מורא. דאָ, אונדזער טייך, פונוואַנען מען שעפּט, מישטיינסגעזאָגט, וואַסער פאַר א לעפל געקעכץ — האַלט אין איין אויסגעטריקנט ווערן. מענטשן שטרעקן זיך אויס אינמיטן גאַס. מיר זיינען דאָך ווי ישמעאל אין דער מדבר.

דריטער ייד

אַ נאַרישע יידענע. דאָס וואָס גרויסע פּלאָגן זיך? יאַקאָש וועט מען מיטן אייבערשטנס הילף, ווי ס׳איז איבערקומען. אָבער די קליינע קינדער, די שעפעלעך? די מגפה, ווי אזוי שטעלט מען אָפּ?

פערטע יידענע

מע דאַרף נעבעך אויפהייבן א גרויס געשריי, מע דאַרף גיין איינרייסן אָף די קברים, דאַרפן גיין. טאָג פאַר טאָג גייען קליינע קינדער פון דער וועלט, פון אומריין וואַסער.

עולם

פון אומריין וואַסער, דורך אומריין וואַסער. (ס׳דערהערט זיך יאָמערן פון ווייט און קומט אַלץ נענטער דאָס געוויין. אין א זייט וועג וואָס

פירט אַוועק פון שטעטל, ציט זיך א לויה מיט מענטשן נאָכגייענדיק. אַלע קוקן זיך אום דערשראָקן. ווייבער פאַרברעכן די הענט און א טייל לאָזן זיך אַהין צו דער לויה.)

דריטער ייד

און ווידער ר׳ שייקע וואָס האָט איר צו זאָגן?

שייקע

(אין א גרימצאָרן): יידן, גוואַלד, א סך פון איך זיינען יינגער פון מיר. איך געדענק, איך געדענק, רבי ר׳ אייזיקלען. יאָ, מיר פאַסט, איך שעם זיך נישט אויסצוזאָגן. אַלע האָט איר מיר געגעבן אַ צונאָמען; איר רופט מיך מושעביטש, ווייל איך האָב געזאָגט צום טערק מיט דער טראָלט, „מושעביטש, ס׳מוז זיין וואָסער אין קומאַרנע״. אהאָ — יידן? איר ווילט זיך לאָזן אויסשעכטן? אויסגיין אייערע קינדער פאַר אַ טרונק? זאָל מען רופן דזשאַדעס, באַבעס, זאָל מען רופן אָפּשפּרע־כער, זאָל מען רופן. יידן ראַטעוועט אייער נפש.

ערשטער ייד

גערעכט, ר׳ שייקע איז גערעכט.

קולות

גערעכט, גערעכט.

שייקע

גערעכט היינט, גערעכט מאָרגן. עפּעס מוז געטאָן ווערן. (ווייזט אַף דעם אָרט פון דער ברונע) אָט זעט, כאָטש דאָס אָרט ווערט אלעמאָל אָנגעשיט און אָנגעטאָפּטשעט מיט ערד, זעט, ווי יעדער עטלעכע חדשים עפנט זיך ווידער דאָ די ערד, ווי זי וואָלט וועלן אימעצן איינשלינגען. דאָס אָרט, וואָס מע דערציילט אַז ר׳ אייזיקל האָט פאַרשאָלטן, אָ, די ברונע, דאָס וואָסער, וויל דאָך האָבן א תיקון דאָס וואָסער וויל געטרונ־קען ווערן.

דריטער ייד

ווייל אז נישט, כ׳בעט איך, צו וואָס באַשאַפט דער אייבערשטער ברו־נעם מיט וואָסער? אַ ניט פאַר דעם האָר פון דער וועלט — דער מענטש, ווען ער האָט באַשאַפן אין זיין אייגענער געשטאַלט? אַ נישט וועט דאָך דאָס וואָסער פאַרשעמט ווערן!

ערשטער ייד

איז, ווען די ברונע וויל טאַקע נישט געבן קיין וואָסער? וואָלט זי נישט יעדעס מאָל אראָפּגעריסן די ערד אונטער זיך אַריין?

צווייטער ייד

צו וואָס דאַרפן א סך ברייען? ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב די ערד פאַלט אלעמאָל איין אַף דעם אָרט וואו דער טערק מיט דער טראָלט האָט אַמאָל געגראָבן די ברונע, איז פשוט א ריינער סימן אַז אונטן, טיף, איז דאָ וואַסער און דערפאַר פאַלט די ערד אריין, ווייל זי האָט זיך נישט אַף וואָס צו האַלטן.

דריטער ייד

איך איז גרינג זיך אָפּצוזאָגן. איר פאַרגעסט אָבער, אַז די ברונע איז פאַרשאָלטן, אין א חרם!

דריטער ייד

דערפאַר זאָל מען ברענגען אַהער אָפּשפּרעכערס, אפשר קענען זיי עפּעס טאָן? אפשר, יידן? (דער הימל ווערט רויט אין מערב זייט. נעפּל שטראַלן שלאָגן זיך דורך די וואָלקן אין טונקלעניש. פּלוצים דערזעט מען ס'האָט זיך אריינגערוקט א גרייזגראָער ייד, אביסל הינ־קענדיק, מיט א שטעקן אין האַנט.)

גרייזגראָער

יידן, איר דאַרפט א ישועה, איר דאַרפט א רפואה. איר דאַרפט אויפ־געריכט ווערן. די ברונע דאַרף האָבן א רפואה שלימה. (רעדט העכער, מיט א ניגון פון א מגיד) יאָ, איר קענט אויפגעריכט ווערן, איר קענט אויפגעשטעלט ווערן, און דאָס הויפּט—אייער ברונע. דער אייבער־שטער וועט אראָפּנעמען זיין גזר. די ברונע וועט מער נישט פאַרשעמט בלייבן — ווי אַן עקרה וואָס קען נישט קינדלען און נישט האָבן קיין קינדער.

עולם

אדרבא, אדרבא, וואָס הייסט איר? וואָס איר וועט הייסן?

עולם

ווער איז ער? פונוואַנען קומט ער? פארוואָס זאָלן מיר אים פאָלגן? פארוואָס זאָלן מיר אים פאָלגן? מע טאָר נישט פאָלגן סתם איינעם א מענטשן, וועלכער קומט און הייסט ווידערשפּעניקן קעגן גאָט.

גרייזגראָער

איך אליין האָב שוין ארומגעוואַנדערט אין מיין לעבן, אין אלע מדינות שבעולם. ויהי היום, און סע קומט א טאָג, איך קום אין א שטאָט אריין, ווי באַ אייך, סע זאָל זיך ניט קערן, אוי וויי צו מיר איז א גרויס אומ־גליק. ווי באַ אייך, איז אויך דאָרט די ברונע געווען אַן עקרה. ווי באַ אייך, איז אויך דאָרט אַף דעם דאָזיקן אָרט די ערד אלעמאָל איינגעפאַלן.

(פון אלע זייטן קומען מענטשן אָן און קוקן שטילערהייט פארוואונדערט צו) האָבן די זקני פון דער שטאָט אָן עצה געהאַלטן און ס'איז דעמאָלט ווי באַ אייך איצט דאָ אין שטאָט, דאָ אין הקדש שטיבל, איינגע־שטאַנען אַן אָרים פאַר פאָלק, אָרכע־פּאָרכעניקעס, וואָס גייען בעטלען איבער די הייזער א שטיקל ברויט. האָט מען באַשלאָסן צו געבן א גרויסע מתנה צום אָרימען פאַר פאָלק, וואָס דאָס ווייב האָט זיך געריכט אין קינפּעט אריין. מ'האָט געהייסן אז די יולדת, די געווינערן, זאָל צו־קינד גיין דאָ באַ דער פאַרשלאָסענער ברונע וועט די ברונע דערהערן ווי גרויס ס'איז דער צער פון געבערן — וועט זי, די ברונע, געפינען א טרייסט אין איר אייגענעם צער וואָס איז, נעבעך, פאַר איר אזוי גרויס.

ערשטע יידענע

אַודאַי ליגט די ברונע אין גרויס צער ווען זי זעט אַז יידן גייען אויס פאַר אַ טרונק און זי נעבעך קען זיי נישט געבן קיין שלונג.

צווייטע יידענע

וואָס דען? אַ ברונע האָט דען נישט קיין האַרץ?

קולות

שאַט, לאָזט הערן אַ וואָרט.

גרייזגראָער

און ווען די געווינערן ברייינגט דאָס קינד אַף דער וועלט, טאַקע דאָ־אָ לעבן דער ברונע, וועט די ברונע לויפן פאַרן טאַטע־פאָטער אין הימל און שרייען און וויינען און בעטן גאָט: פאַרוואָסזשע האָסטו מיך געטאָן פאַרשעמען? און דעם אייבערשטנס האַרץ וועט ווייך ווערן און ס'וועט זיין באַ אייך, ווי באַ די יידן דאָרט אין יענעם מקום; איר וועט באַ־גליקט ווערן מיט פרישן קוואַל־וואַסער וואָס וועט זיין יידן צו א רפואה שלימה לחולי עמך.

ערשטער ייד

זאָל מען גיין אפשר פרעגן דעם רבין?

צווייטער ייד

מיט אַזאַ זאַך, מוז מען זיך באַראָטן, אָן עצה האַלטן, מיטן רבין, מיט נאָך יידן. מיט יידן וואָס קענען מער לערנען פון אונדז. וואָס פאַר־שטייען מער פון אונדז.

קולות

ווער איז ער, וואָס איז ער, מיר זאָלן פאָלגן זיינע רייד?

גרייזגראָער

כאָטש איך בין א צוגעקומענער דאָ באַ אייך, בין איך אָבער דער עלטסטער דאָ צווישן אייך, און אז איך הייס (שטריינג) טאָרט איר שוין מיט קיינעם ניט קיין עצה האַלטן. דאָס אומגליק איז גרויס, דער אונ־טערגאַנג וואַקסט, קליינע קינדער גייען פון דער וועלט און די גרויסע זיינען אויך נישט אויסגעהיט. דאָס טריקעניש, דער דורשט וואָס טרינקט אויס אייערע געדערים.

עולם

ווער איז ער? ווער איז ער פאָרט?

גרייזגראָער

איך קען און טאָר אייך נישט זאָגן ווער איך בין. איר דאַרפט פאַר־אייך אַליין פאַרשטיין. (ס׳ווערט א געמורמל צווישן עולם.)

דריטער ייד

שאַ, יידן! ווידערשפעניקט נישט. איך קלער אליהו הנביא איז איצטער צווישן אונדז. איי, יידן, פאַרזינדיקט אייך נישט.

עולם

ווידערשפעניקט נישט, ווידערשפעניקט נישט (גיבן איבער איינער דעם אַנדערן אויפן אויער ווי אַ סוד.)

ערשטער ייד

און וואָס זאָגט איר, שייקע, אַן עלטערער ייד פון אונדז, איר געדענקט דאָך ווען ר׳ אייזיקל האָט פאַרשאָלטן?

שייקע

יאָ, איך געדענק, אָבער צו־וואָס דאַס איצט פרעגן מען מעג דען וואָרטן? ס׳איז נישט געזונט צו פרעגן באַ יענעם ווען די אייגענע הויט שטייט אין קאָן.

קולות

מיר ווען פאָלגן, מיר וועלן פאָלגן, מיר וועלן טאָן.

גרייזגראָער

הערט וואָס איך זאָג. הערט מיט קאָפּ (ער ווייזט מיט דער האַנט אנט־קעגן איבער) גלייך דאָ אַנטקעגן איז אייער שטאָטיש הקדש וואו סע שטייען־איין דאָס אָרעמע פאָר פאָלק. דאָס דאָזיקע ווייב הייבט איצט אָן צו־קינד צו גיין. לויפט גלייך אריין די עטלעכע טריט, זאָגט זיי די אָרימע מענטשן, דעם מאַן מיט דעם ווייב, אַז איר וועט זיי שענקען מתנות און איידלשטיינער, וועלן זיי באַשטיין. דעמאָלט טראָגט אַרויס

די קינפעטארן און ברענגט זי מיט איר בעט אהער און איר ווערט גע־האלפן ווערן.

עולם

אין הקדש אריין לאמיר גיין.

שייקע

יונגוואַרג, קומט העלפט. (ס׳ווערט פינצטערער, שייקע און נאך מענטשן גייען אוועק אין אנטקעגנאיבערדיק הייזל. דער גרייזגראָער שפּאַרט זיך אָן אויפן שטעקן. סע זעט אויס ווי ער שלאָפט איין. ס׳ווערט נאָך פינצטערער, שטאָק פינצטער. מען הערט קולות אומפאַרשטענדלעכע פון הקדש שטיבל.)

קולות

(פון הקדש ארויס): **ראַטעוועט! איר מוזט! א שטאָט וואַרט! געלט, מתנות, אײדלשטיינער!** (די קולות מישן זיך אויס אין א קוויטשעריי. ס׳באווייזט זיך דאָס בעט וואָס מענטשן טראָגן גלייך צו דער ברונע. טומל און יאָמערלעכער געשריי האַלט אַלץ אָן.)

שייקע

(קאָמאַנדעוועט) **דאָ גלייך לעבן דער ברונע, שטעלט אַנידער.**

קינפעטאָרן

(קוויטשעט): **אוי, ווי, ווי!** (א הויכער מאַנסביל קען מען באמערקן. זיינע קליידער לויטער צוריסענע שמאַטעס. רעדט שטאַרק זאַהיקענ־דיק.)

הויכער מאַנסביל

ווי־ווי־וואָס ווילט איר? מ־מ־מ־מוחל ג־ג־געלט. (דער עולם האַלט צו דעם היקעדיקן.)

גרייזגראָער

(גענענט צום בעט, הייבט אויף דעם שטעקן אין דער הויך, אלע שטעלן זיך ארום אים און ער אָף אַ קול): **ברונע! איך ווייס דיין צער, איך ווייס ווי דו ביסט מקנא דיינע שוועסטער ברונעס, וואָס יידן טרינקען וואַסער פון זיי, און מאַכן ברכות פאַר גאָטס־וועגן דורך די ברונעס. איך ווייס אַז דו ביסט מקנא, ווי יעדע עקרה, דערפאַר בין איך גוזר א גזר אויף דיר: דו זאָלסט זיך איינקוקן אין דער יולדת. זע אירע יסורים און מאַך אַ פאַרגלייך, נעבעך, מיט דיינע יסורים, און זאָלסט דיך איינ־קוקן ווי די יולדת געבערט אַ נפש פאַר דער וועלט. אַזוי דו, ערד, זאָלסט געבערן וואַסער פאַר דער שטאָט קומאַרנע! איך וועל אראָפּ־נעמען פון דיר דעם גזר וואָס דער רבי ר׳ יצחק אייזיק יהודה יחיאל**

האָט מיט זעכציק יאָר צוריק אַף דיר גוזר געווען. איך בין אויך גוזר און באַשווער דיך אין נאָמען פון לעבעדיקן גאָט!

קינפּעטאָרן

(גיט אַ שטאַרקן קוויטש און ענדיקט מיט אַ האַלז כאָרכלען.)

עולם

מזל־טוב! מזל־טוב! אַ יינגל, אַ יינגל, אַ יינגל!

קינפּעטאָרן

(קוויטשעט ווילד מיט אַן אומגעהייער משונהדיק קול): **דער בן־זכר איז מיינער, איך האָב אים געבוירן! איך, די ברונע, ליג אין קינפּעט! איך, די ברונע, בין אַ געווינערן! ווען ער דאָס יינגל, אויפוואַקסן, גרויס ווערן, וועל איך, ברונע, דעם זכר־מאַנסביל נעמען צו מיר, ווייל איר האָט פאַרשעמט מיך. כ׳וועל נעמען ביטערע נקמה!** (גרויסער ייד רייסט זיך צום בעט.)

עולם

(שרעק): **משוגע געוואָרן, אַ דיבוק אַריין!**

ערשטער ייד

(מיט געבעט): **גרייזגראָער, העלפט אונדז!**

צווייטער ייד

וואו איז ער? ער איז נישטאָ, נעלם געוואָרן.

קולות

נישטאָ, נישטאָ.

שייקע

ער איז נישטאָ, וואו איז ער, אלי־נביא?

דריטער ייד

מען טאָר נישט זיין נאָמען אָנרופן, ער גיט זיך נישט צו דערקענען! (פּלוצים, דער גרייזגראָער באַווייזט זיך ווידער, ער זעט אויס העכער און שמעלער).

עולם

ר׳איז דאָ, אָט, דאָ!

גרייזגראָער

(שטרענג): **כ׳בין דאָ, ס׳איז אַ גרויס אומגליק אויסגעגאַנגען אויף אייער מקום! ס׳איז אַ דיבוק! די ברונע איז אריין אין דער קינפּעטאָרן! די ברונע זאָגט זי וועט נעמען נקמה אין דעם קינד!**

עולם

דאָס קינד, דער דיבוק, ראַטעוועט! (גרויס יאָמערן).

צווייטע געשעעניש

25) יאָר שפּעטער, אינמיטן טאָג, ארום דער ברונע שטייען מענטשן ארומגע־אָנגעשיט. די זון וואַרעמט. ס׳דער־שטעטל. בערגלעך ברוין זאַמד ליגט הערט זיך א קול פון אינווייניק פון דער ברונע ארויס. סטעזשקעס ציען זיך פון אַלע זייטן. אַ הויכע צוריט־שטעטע וואַנט, נאָנט צו דער ברונע. א פּריזבע באַ דער וואַנט. אַרום צו־קרימטע שטיבלעך. העכער פון אַלץ אַ קלויסטער, אָפּגעטראָטן, א שול א נידעריקע. אַ שילד אַף אַ הויז: מרחץ.

פּארשוינען:

עולם — (מאַנסביל און ווייבער אין די מיטעלע יאָרן און עלטערע.)

ערשטער ייד.

צווייטער ייד.

דריטער ייד.

פערטער ייד — (קליין גע־וואַקסן, פעט. בעסער געקליידט ווי אַנדערע.) יידענע.

ערשטע ברונע־בויערער.

צווייטער ברונע־בויערער.

משוגענער שיע — זעט אויס יונג.

שייקע מושי ביטש—א זקן. דער גאַנג קרעפּטיק.

רב — (אַ יונגערמאַן.)

מארטשע שניידער — זעט אויס נאָענט צו פופציק.)

הויכער פרעמדער ייד — זיין אַנבליק אויסטער־ליש, זיינע קליידער צע־ריסענע, צעשליסענע.

ערשטער ייד

נו, אפשר וועלן מיר אַמאָל שוין אויך האָבן די זכיה, זוכה צו זיין —

צווייטער ייד

מיטן רב׳ס כוח. אַז דער רבי נעמט זיך אונטער, מסתמא ווייסט ער

דאָך וואָס ער טוט. דער רב איז דאָך ר׳ אייזיקלס אָן אור־אייניקל. אפשר וועט ער קענען עפּעס פּועלן.

דריטער ייד

דער רב האָט געלאָזט אראָפּברענגען די בעסטע ברונע בויערער פון דער קייזער שטאָט — ווין. אודאי קענען יידן איצט סך האָפן!

פערטער ייד

פע, איך שעם מיך — באַלעבאַטישע מענטשן, פרומע יידן, זאָלן אַזוי ריידן. פע, איך שעם זיך.

דריטער ייד

טאָסטו דיר, וואָס עפּעס אַזוינס, אַזאַ נ׳עבירה?

פערטער ייד

ר׳ אייזיקלען קענען מיר אַלע. די גאַנצע שטאָט ווייס, די גאַנצע שטאָט האָט געוואוסט, האָט געהערט פון רבי ר׳ אייזיקלען, ז״ל. אונדזערע טאַטעס, אונדזערע זיידעס האָבן אונדז דערציילט. זיי האָבן מיט זייערע אויגן אַלץ אליין געזען.

ערשטער ייד

לייקנט דען אימעצער, חלילה, אז ר׳ אייזיקל איז געווען א חוזה, א זעער?

פערטער ייד

אודאי, לייקנט איר! אַז איר קומט אהער צו דער ברונע און זעט ווי זיין אייגן אור־אייניקל דער רב ר׳ משהלע לעסטערט ר׳ אייזיקלס נאָמען. וואָס אַזוינס איז ער, איז ער? ר׳ אייזיקל האָט געזאָגט איין מאָל, האָט ער געזאָגט, און מער טאָר מען אפילו נישט איבערפרעגן.

ערשטע יידענע

ר׳ ייד, אודאי איז אייך גוט, אייערע טעכטער האָט איר חתונה גע־מאַכט אין אנדערע שטעט אריין, אייערע קינדער זיינען דאָ נישטאָ.

דריטער ייד

טאַקע! וואָס, כ׳בעט אייך, זאָל אַ שטאָט טאָן, וואָס שטרעקט זיך אויס ווען סע קומט דער זומער, נאָך אביסל וואַסער? דאָס וואָס מע קען זיך נישט פארגינען א טרונק? דאָס וואָס דאָס וואַסער איז קאַלעמוטנע בלאָטיק? דאָס וואָס מיר האָבן אָן אונטערגאַנג אין שטאָט און קינדער שטאַרבן? דאָס וואָס די היצן מאַטערן און מע קען אָן אויג נישט צומאַכן דורך די נעכט? יע, דער רבי טוט גוט וואָס מע גראָבט איצט דאָרט אָט די ברונע.

צווייטע יידענע

ווען איך, יידענע, בין דער רב זאָל געזונט זיין, און ווען איך בין ר׳ אייזיקלס אור־אייניקל, טו איך אויך דאָס אייגענע און לאָז גראָבן א ברונע; אַ שטאָט זאָל געהאָלפן ווערן.

פערטער ייד

וואָס איר אַלע פאַרשטייט שוין! (אָפּ אין אַ זייט).

שייקע

(קומט אָן, א סך געעלטערט): העי, העי, יידן, אַזוי פרי שטייט איר שוין דאָ און היט די ברונע?

פערטער ייד

מע היט נישט. יידן שטייען און מע באַרעדט איינער דעם אַנדערן.

שייקע

רעדט נישט אזוי. וואָס דען זאָלן יידן טאָן? מע קומט, מע זעט איינער דעם אַנדערן, מע רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן; קנאַפּ צרות האָבן מיר?

פערטער ייד

אָבער איר, ר׳ שייקע, איר ווייסט דאָך, איר געדענקט דאָך!

שייקע

מעקעמיר זאָגן. ממאָממער בעדאַרפט זאָגן. סעדאָ וואָס צו זאָגן; נאָר מע טאָר מער נישט זאָגן, נאָר מע טאָר מער נישט זאָגן. (פון דער ברונע הערט זיך קלאַנגען פון א גלעקל).

פערטער ייד

אַלע טראָגט איר זיך אַרום, איר אלטע לייט, פון דער דעמלדיקער צייט, אַלע טראָגט איר זיך אַרום מיט א סוד עפּעס וועגן דער ברונע. אָבער ווייסט, אז מע ווייסט — ס׳איז א סוד פאַר גאַנץ בראָד. (אַ גרויסער טומל דערהערט זיך פון דער ברונע. די מענטשן וואָס שטייען אַרום ציען שנעל אַרויף מיט שטריק פון דער ברונע צוויי ארבעטער. טומל אַרום).

ברונע־בויערער

(מיט ציטער): מיר האָבן מורא. ס׳איז אָנגעפאַלן א פחד. פון זינט מיר גראָבן ברונעס, האָבן מיר נאָך אזוינס נישט געזען. די ברונע איז פאַרשאָלטן. עפּעס האָט אונדז געוואָלט דאָרטן איינשלינגען!

ברונע־בויערער

(צווייטער)

מיר וועלן נישט גראָבן מער. מיר האָבן מורא! מיר האָבן געהערט

וועגן דער קינפעטאָרן און וועגן דעם אז די ברונע איז פאַרשאָלטן און מיר האָבן זיך גערעכנט: ע, וואָס מענטשן זאָגן? ארבעטן מיר שוין דאָ אַ צייט און נאָך קיינמאָל נישט אַזאַ שרעק. גראָבן מיר און קיין וואַסער זעט מען נישט און אַט סע דאַרף אָנקומען וואַסער הערן מיר בײדע (בײדע ריידן) **אזא יאָמערלעך געוויין און געבערום, אַז ס'האָט זיך געדאכט אז סע וויל אונז איינשלינגען. נייך, מיר וועלן נישט גראָבן מער.** (גרויסער טומל).

ערשטער ייד

זאָל מען גיין רופן דעם רב.

צווייטער ייד

מיטן רבינס כוח. דער רב נעמט זיך אונטער!

דריטער ייד

דער רב גייט אהער! דער רבי קומט אהער! (אַלע קוקן אום צי ער גייט).

משוגענער שיע

(קומט אָן צלויפן שאַרף און ווילד): **וואָס איז דאָ אזוינס? נאָר מען שרעקט איבער מענטשן, נאָר מען קען זיך אליין נישט קיין געגוגענט טאָן! נאָר מען טראַכט אויס מעשיות, בייקעס, אָנשיקענישן, אבי א שטאָט זאָל נישט האָבן א טרונק וואַסער אין מויל אריין צו נעמען! אַט גייט דער רב, ער קומט אהער וועט איר הערן. איך גיי, איך האָב נישט קיין צייט. איך האָב שוין נישט קיין כוח צו איך, אייך אויס־צוהערן.** (פאַרשווינדט).

פערטער ייד

ט'האָסטו אַזאַ מין משוגענער. צוליב אים אַלע צרות. (רב קומט אָן מיט עטלעכע יידן. דער עולם חזרט איבער):

עולם

דער רב, דער רבי גייט!

רב

יידן, וואָס איז דאָ אזוינס?

עולם

מיר האָבן מורא, מיר שרעקן זיך.

רב

איך, דאָס אור־איניקל פון רבי ר' אייזיקל, אין הייליקן גן־עדן איז ער, זאָג: אַז מען דאַרף נישט קיין מורא האָבן.

שייקע

(מיט געבעטס) : רבי, ווי קען דאָס זיין ? איך האָב געקענט ר׳ אייזיקלען, איך געדיינק אויך די מעשה מיט 52 יאָר צוריק, די מעשה מיט דער קינפּעטאָרן ווען זי האָט אויסגעשריען : „איך וועל נעמען נקמה, איך וועל נעמען דאָס קינד צו מיר.״ 25 יאָר אַז אין שטאָט האָט מען מורא געהאַט צו גראָבן די פאַרשאָלטענע ברונע. איצט, די צוויי מענטשן, פרעמדע אַראָפּגעבראַכטע, זיינען ארויס פון דער ברונע אין טויט שוויס, אין טויט שרעק. זיי זאָגן זיי האָבן געהערט שוידערלעכע געשרייען. (דער עולם זאָגט איבער אלע אינאיינעם) :

עולם

יאָ, יאָ, רבי !

שייקע

זיי זאָגן, די פרעמדע, די וואָס ווייסן נישט דעם גזר פון ר׳ אייזיקלען, די וואָס ווייסן נישט דאָס טרעפונג מיט דער קינפּעטאָרן דאָ בא דער ברונע מיט 25 יאָר צוריק, די וואָס ווייסן נישט אַז די ברונע, ווי א דיבוק איז אריין אין דער קינפּעטאָרן און זי האָט געשוואוירן דאָס קינד צו נעמען צו זיך.

אַלע

די פרעמדע ווייסן נישט און זיי האָבן מורא, און זיי ווילן נישט גראָבן. וואָס, רבי, זאָלן מיר טאָן ?

רב

דער רב זאָגט : נישט קיין מורא האָבן, אזוי זאָגט דער רבי !

פּערטער ייד

אויב שוין יאָ אַזוי ? אויב דער רבי רעדט שוין יאָ אזוי ? ווייסט איר דאָך אלע יידן אז די ברונע איז פאַרשאָלטן נאָך פון 90 יאָר צוריק, פון רבי ר׳ אייזיקלען. איר ווייסט אויך אז מיט 25 יאָר צוריק איז געשען א גרויס אומגליק. טאָמער ווייסט איר נישט, רעכן איך אָבער אז איך ווייס יאָ.

אַלע

אדרבא, וואָס ווייסט איר ?

פּערטער ייד

איך וועל נישט זאָגן אז איך ווייס. א מענטש קען נישט זאָגן און נישט זיין זיכער ביז, ביז. אָבער איין זאַך, טאָמער איז דאָ א פרעמדער אין שטאָט, כ׳מיין א פרעמדער יונגערמאַן און סע קען דאָך געמאָלט זיין אז דער פרעמדער יונגער מענטש זאָל דאָס זיין דער, דאָס קינד

פון דער קינפּעטאָרן און וועט אָט דאָ זיין דער קרבן, ווען איר וועט אויסגראָבן א ברונע.

שייקע

ס'איז אזוי געווען : די קינפּעטאָרן דעמאָלט האָט מען אָפּגעפירט צו גוטע יידן א געבונדענע איבער שטעט און שטעטלעך. וואו איר גע־בייז איז אהינגעקומען און וואו דאָס קינד איז אהינגעקומען און וואו איר הינקענדיקער מאַן איז אַהינגעקומען, ווייס קיינער נישט, און דער ייד איז גערעכט. ווער ווייסט ?

עולם

ווער ווייסט ? ווער ווייסט ? אפשר איז ער טאַקע דאָ באַ אונדז אין שטאָט און קיינער ווייס נישט ?

פערטער ייד

כ'זאָג אויך מ'ווייסט נישט. נאָר אָט־וואָס, איז דאָ געווען דער משו־גענער שיע, ר' מארטשעס שניידער־יונג. איך ווייס נישט. איז ער דען געבוירן באַ אונדז אין שטאָט ? איז ער נישט קיין פרעמדער ? ווייס דען אימעצער פונוואַנען ער קומט ? אודאי איז ער דאָ אַ גאַנצער מחותן באַ דער ברונע. ער קומט אויך שרייען. ער וויל אויך א שטאָט זאָל געהאָלפן ווערן און האָבן ברונע וואַסער !

אַלע

אפשר איז שיע טאַקע א פרעמדער ? ער איז דאָך א פרעמדער.

רב

יידן, ס'איז דעם איבערשטנס ווילן. שרעקט אייך נישט. איך וועל אויספאָרשן, איך וועל דורש זיין ווער דער מענטש איז, וועגן וועמען איר רעדט דאָ.

ערשטער ייד

נאַרישע מענטשן ! ווען אפילו ס'זאָל טאַקע זיין ער, וועט מען דאָך די ברונע באַלד פאַרמאַכן פון אויבן מיט אַ צודעק אַזוי, אז קיינער וועט נישט קענען אריינפאַלן. און דאָס וואַסער וועט פון א פלומפּ געפּאָמפּעט ווערן.

שייקע

איך האָב אויך מורא. איך געדענק.

מאַרטשע

(קומט אָן, צו שייקען) : האָט איר נישט געזען דאָ מיין משוגענעם ? מיין שניידער־יונג ? ער שטייט און היט די ברונע דאָ פאַר אַ גוט אויג.

שייקע

טאַקע וועגן אים רעדט מען דאָ.

רב

ייִדן, האָט נישט קיין מורא, הייסט די אַרבעטער זיך שטעלן גראָבן די ברונע און אין זכות פון מיין הייליקן זיידן וועט דער אויבערשטער העלפן און מיר וועלן געהאָלפן ווערן.

עולם

זאָל מען גראָבן די ברונע, זאָל מען גראָבן.

הויכער פרעמדער ייִד

(אָפּגעריסענע, צעשליסענע קליידער, קומט אָן, דרייט זיך אַרום און פאַרהיקעט זיך): פליישׂ, פיש, פאַרשטיי איך; אַ שייטל האַלץ פאַר דעם ווינטער — אָבער וואַסער? טייך וואַסער איז נישט כשר? נישט כשר?

(הויכער פרעמדער ייִד דרייט זיך אַרום און פאַרשווינדט.)

דריטע געשעעניש

(די קליידער כאראקטעריסטיש פאר דער דעמאָלדיקער צייט. די שניי־דער באַ דער ארבעט אין יארמעלקעס, נישט אין הוילן קאָפּ.)

פארשוינען:
מארטשע שניידער—שניי־דער מייסטער, בעל־הבית פון דער שטוב.
יאָסעלע קלעזמער — (גזעל)
צביה — (שניידער־מיידל)
טשארנע — (שניידער־מיידל)
משהלע — (לערן־יינגל)
שמש — (עלטערער מענטש)
משוגענער שיע
שייקע מושעביטש
פרויען־קול
הויכער פרעמדער ייד
פערטער ייד

דעמזעלבן טאָג, א שעה שפּעטער (באַ מארטשע שניידער אין שטוב) א גרויסע שטוב מיט צווי פענצטער און אַן אַלקער; א בליצלאָמפּ הענגט איבער א גרויסן טיש. מארטשע שטייט ביים טיש און שנייד, צייכנט מיט קרייד. אַף די פענצטער שטייען צוויי קליינע לאָמפּן. אין דער זייט, נאָענט צום פענצטער אַ שמאָל ווערק־טישל. צוויי טירן. איין טיר פירט ארויס, און איינע אַן אָפענע אין אַן אַלקער אריין. טשאַר־נע, צביה, יאָסעלע און משהלע זיצן אַרום טישל. אין איין זייט שטייט א באַנק־בעטל; אַף דער צווייטער שטייען בענקלעך; זיצן א טייל אַפן באַנק־בעטל און א טייל אף די בענקלעך. באַ ביידע פענצטער שטייען מאַשינען איינגעפּע־דימטע. דריי פיגורן איבערגעדעקט מיט ווייסע ליילעכער, און אף איין פי־גור הענגט א האלב־פארטיק יאקל, נישט צוגעדעקט. (געזאנג):

דאָרט אפן בוידימל אין שטיבל, אין שטיבל,
דאָרט זיצט זיך א מיידעלע און נייט און דרייט.
זי נייט און דרייט און פירט א מאַשינדל,
אַבי צו פאַרדינען אַ שטיקעלע ברויט.
אַבי צו פאַרדינען אַ שטיקעלע ברויט.
(אונטערן פענצטער הערט זיך א קאַטערינקע שפּילן).

יאָסעלע

(וואַרפט אוועק די ארבעט): **צביה, סע שפּילט אזוי שיין די קאטערינקע,**

לאַמירביידע חתונה האָבן. אַ גערעאַטן פּאָר פאָלק, כ׳לעבן, מיר ביידע. (דערטשעפּעט מיט איר).

צביה

וואָס האָט זיך מיר געחולמט יענע נאַכט, די נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, זאָל אויסגיין צו דיין קאָפּ, צו דיינע הענט און פיס. זע נאַר, אַנדערש פּאַסט אים נישט?

יאָסעלע

הייסט דאָס אַ גרויס האַלטן? אַ האַלטן פון זיך. זע נאַר, נישט? דאַרפן נישט. דו שפּילסט זיך במילא נישט גוט (לאַכט). זאָג נאַר, אפשר פּאַסט דיר אויך נישט קיין שניידער־יונג, קיין שניידער־יונג? אַז נישט דער משוגענער, אָדער איך, וועט דיך נעמען דער רוח.

צביה

אודאי פּאַסט מיר נישט קיין שניידער־יונג. כ׳קום אַרויס נישט פון קיין שניידערס, אַז דו ווילסט וויסן, קום איך אַרויס. און דו ביסט דאָך קיין שניידער־יונג אויך נישט, אַ קלעזמער, אַ קלעזמער־יונג ביסטו דאָך.

יאָסעלע

געוואַלד! דערציילן מיר נישט אַזוינע צרות, ווייל די יאַרמעלקע וועט מיר ווי טאָן (מאַכט זיך צורעכט די יאַרמעלקע).

יאָסעלע

(גייך): איך האַלט נישט אויס! די קאַטערינקע שפּילט און איך ליג גאָר דאָ אינוועניק. (לויפט אַרויס).

מאַרטשע

(הויפּט אויף דעם קאָפּ): יעדער מיט זיינע משוגעתן. ס׳איז נאָך גוט וואָס אינמיטן דרינען האָט ער פאַרגעסן אַן דער ברונע. די טריי־פּאַטשקע קריגט ער דאָך פאַר דער קאַטערינקע. נאַר קיין שניידער־יונג נישט, אַ קלעזמער, באַמיינע־נאמנות.

משהלע

סע פּאַסט אים אַזוי שיין דער צונאָמען, ער ליגט אַף יאָסעלען ווי אויסגעפּרעסט.

מאַרטשע

(מאַכט צורעכט די בריקן, גייט־צו צו דער פיגור, הילט אוועק דאָס ליילעך): קום נאָר אַהער, מיין לערן־ייִנגל, מיין (צו משהלען): דיינע תכריכים־שטעך, איין סטריגע שרייט צו דער צווייטער. האַלט, אַ־נישט לאָז איך נאָך! ביסט שוין מקנא יאָסעלען? ווילסט אויך פליען צום

קאטערינשטשיק אינדרויסן ארויס? פריער לערן זיך אויס האָבן אזעלכע גאָלדענע הענט ווי יאַסעלע, וועל איך דיינע משוגעתן אויך ליידן, בנאמנות. כ'על דיר נישט ווערן דעמאָלט, לערן־יינגל מיינער.

יאַסעלע

(קומט אריינצושפרינגען, א צעטל אין האַנט, לייענט): **א ווייט, ווייטע רייזע** (דאָס קאטערינקע שפילן ווערט שטילער, איינגעשטילט). **זעט, פאַר צוויי גראַצער ווייס איך אלץ: די פאַפוגע ווייסט; כ'וועל חתונה האָבן, רייך ווערן, אָפּגעברענט ווערן, מאכן א ווייטע רייזע. סע הייסט ווייט? ווייט איבערן געזאַלצענעם ים און חתונה האָבן? ווי אזוי? צביהן האָב איך דאָך אין דרערד.** (זעצט זיך צוריק געשמאַק אַרבעטן. פלוצלונג א שטופּ די האַנט אין קעשענע, צו משהלען): **קום נאָר אַהער תכשיט, לערן־יינגעלע. גיי ברייגג עפּעלעך, קויף באם בלינדן איציק, אָף דעם קאַנט, אַז איך גיי רייך ווערן. פאַרוואָס נישט? זאָלן הנאה האָבן די חברה.** (פאַרטראַכט זיך).

משהלע

גיב שוין אַהער ס'געלט, האָב נישט קיין חרטה. ס'איז נישט מעשה סוחר; איך וועל לויפן ווי א פויגל פליט.

יאַסעלע

(דערלאנגט, קלינגט מיטן געלט).

שמש

.. .. ..

(קומט אריין)

כ'דאַרף נישט וויסן. דער רב האָט געהייסן קומען, אויך אייער שניי־דער־יונג, שיע, דאַרפן אויך...

יאַסעלע

וואָס קען דאָס זיין? און שיע? שיען וועט איר קיינמאָל נישט טרעפן.

שמש

.. ..

(לאָזט זיך צוריק צו דער טיר): **בית־דין האָט געהייסן קום —— ארויס.**

מארטשע

אן אומגליק אָף מיר, דורך דעם שיען! ווער ווייסט וואָס, וואָס מ'שלעפּט אונדז צום רב? ווען קומט ער בעסער צו דער ארבעט? וואָס מיר ליגט בעסער אין זין...

יאַסעלע

(צו משהלען)

הערסט וואָס איך זאָג דיר אָן. ס'איז נישט קיין סטריגעס, מיין נישט.

גוישער קאָפּ, הער: פּאָר צוויי גראַצער זיסע, הערסט, עפּעלעך, און פּאָר צוויי גראצער קוואַס־עפּעלעך.

צביה

משה טייערער, טו פונקט קאַפּויר ווי ער האָט געהייסן דער צודריי־טער.

משהלע

צביה, איך פּאָלג איך דאָך אלעמאָל. (צו צו דער טיר).

יאָסעלע

אויב דוסט מיך ניט פאָלגן, רייס איך דיר אויס א פוס פון דעם אַקסל. (משהלע אָפּ).

יאָסעלע

(צו צביהן): און איר צביה, ווילט נאָר דערלעבן א נקמה אין מיר? כ'זאָל אזוי וויסן פון א געכטיקן טאָג ווי כ'ווייס פאַרוואָס ביסט מיר אזוי אָנגעבלאָזן? גראַפינע, פרינצעסין, אָבער דעם קייזער פראַנץ־יאָזעפס טאָכטער ביסטו נישט?

צביה

און דעם דייק'ס טאָכטער איז דיר ווייניק? אודאי, ביסט אזוי געוואוינט פון דיין היים אויס, יאָסעלע!

יאָסעלע

געוואלד, אָבער דו מיט דיינע אָנגעבלאָזענע פּאָר פּיסקעס מאכסט א חורבן אין ווערק־שטוב. זע, ווי זיי זענען פארשטומט געווארן, אלע דאָ. דו דריידלסט זיי אָן און זיי מיינען ס'איז דער אמת; שאָטאַמ־טוצעך! פון רעב שוישעלעס געבירט?

הויכער פרעמדער ייד

(פּאַוואָליע אריין, אנידערגעשטעלט באַ דער טיר, אויפגעשטעלט די האַנט פאר א נדבה).

מאַרטשע

(גייט צו): ט'האָט איר אַ האַלבן, גיט מיר אַ פּרוטע רעשט.

יאָסעלע

(פריילעך, לויפט אפיר): איך, פעטער, גיב נאָר א גאנצן האַלבן היינט, פעטער.

הויכער פרעמדער ייד

(ברומט און פארהיקעט זיך): ווען איך זאָל געווען ווערט זיין, וואָלט איך שוין געווען געהאַט אַזוינס ווי דו, כ'זאָל געווען ווערט זיין. (גייט ארויס).

יאָסעלע

(צוריק אַף זיין אָרט): **טאָסטו דיר, א נייעם מין אָנשיקעניש.**

צביה

אַזאַ גוט מאָרגן, זאָלסטו ווערן דערוואָרגן. וואָס טשעפּעט איר? סע קומט אריין א ייד!

מארטשע

(בליקט: **נו? נאָך אלץ נישטאָ דער משוגענער ווארעצקער הונט? דער גוטער יאָר ווייסט אים.**

שמש

(קומט אריין): **דאָס בית־דין האָט נאָכאַמאָל געבעטן, רעב מאַרטשען, רעב יאָסעלען אַריבערקומען נאָך היינט באַנאַכט צו א דין־תורה.**
(גייט אַרויס.)

מארטשע

פארוואָס צו א דין־תורה?

יאָסעלע

רעב מארטשע, אַזאַ גרויס גאָלד אַף מיר און אַף צביהן, ווי ער וועט קומען דער משוגענער. וואָס אָרט אייך, ווען? איצט שטייט ער אודאי און היט די ברונע פאר א גוט אויג. אָבער קומען וועט ער שוין. אזעלכע ווי ער, ווי מיר, גייען נישט פארלאָרן. פשוט, קיינער גנבעט אונדז נישט — אפילו נישט קיין ציגיינער.

מארטשע

טאָמער קומט ער, זאָל קיינער נישט דערמאָנען וועגן דעם שמש, מיטן רב. אפשר וועט ער שוין איינזיצן?

יאָסעלע

שוין, כעל נישט דערמאָנען אַ וואָרט.

שיע

(קומט לאַנגזאַם אריין, פארשמירט אָנגעטאָן, דעם קאשקעט פארדרייט): **גאָטהעלף! (שפּאַנט צו צו דער פיגור, הילט אוועק דאָס ליילעך). ס'יאָקל הענגט נאָך. נאָך נישט פארטיק? אז איך בין נישטאָ, קען הפנים קיינער נישט מאכן די קונץ?**

יאָסעלע

אַז מע געדענקט דעם מלאך, קומט דער גלח.

מארטשע

משוגענער קאָפּ, ביסט אוועקגעגאנגען אינדערמיט, געלאָזט שטיין ווי

א לץ. כאָדאָך געמיינט אז דו ביסט שוין געשטאָרבן, סי שוין אן עק, סי שוין נאָך דיר.

שיע

נישט נאָך מיר, פאר מיר וועלן גיין עלטערע. איר פאַרשטייט ?

מארטשע

שייגאטסקע שייגעץ, שלעפער, כאָדיך זייער ליב אַז דו צורעטסט זיך. זעץ זיך אנידער און לאָמיך שוין זען דאָס בידנע יאקל פארטיק. (שיע טוט אויס דאָס רעקל און גייט זיך זעצן ארבעטן).

יאָסעלע

סע הענגט, שיע, דאָס יאָקל ווי א נעבאָכל זינט דו ביסט אוועק, אויס־געווען די צייט.

צביה

פארוואָס ביסטו טאָקע נישט געקומען א גאנצע וואָך, שיע ?

שיע

ווען האָב איך געזאָלט קומען ? א שיינע פראגע ! זונטיק ? שקצים און שיקסעס גייען איבער דער גאַס אין קלויסטער אריין מיט די אָפּגע־גלאַנצטע כאָלעוועס און איך שטעל זיך אַנידער אַזוי בא דער וואַנט אַנגעשפאַרט, מיינען זיי די כאַמעס אַז ווער ווייסט, וואָס פאַר א פאָן איך בין און אלע הייבן זיי די הוטן פאר מיר.

יאָסעלע

און פאַרוואָס מאָנטיק נישט געקומען ? מאָנטיק ?

שיע

מאָנטיק ? מאָנטיק איז דאָך מארק־טאָג, אַ יעריד. אַלע זענען איב־דרויסן אָף דער פרייער לופט. מע האַנדלט, מע וואַנדלט און איך וועל זיך אַוועקזעצן אָפּן בענקל ? משוגע בין איך ?

מארטשע

עפּעס איז מיט דיר, זון מיינער. לאָז שוין זיין זונטיק, מאָנטיק. דאָס בין איך דיר מוחל. וואָס איז דינסטיק ? פארוואָס ביסטו דינסטיק נישט געקומען ?

שיע

דינסטיק ? דינסטיק בין איך געשטאנען און אכטונג געגעבן. איר נישט, איך אויך נישט ? ווער וועט שטיין און זען מע זאָל גראָבן דעם רבס ברונע ?

מארטשע

ס'וועט פון דעם יונג שוין קיין לייט נישט זיין, קיין לייט.

שיע

די גאַנצע שטאָט וועט זיין לייט? וואר־זשע וועט זיין נישט־לייט? וואָס טוען דאָרטן די פוסטע־פּאַסניקעס, די ליידיקגייער, זיי מעגן איך טאָר נישט? זע נאָר, דער געמיינער מאַן טאָר גאָרנישט, נישט באַ משוגענעם שיען, ניט. (נעמט זיך געשמאַק ארבעטן).

יאָסעלע

און יאָ, ביז אהער ביסטו טאַקע גערעכט, וואו־זשע ביסטו געווען מיט־וואָך א גאַנץ גייענדיקע וואָך, דאָנערשטיק? פרייטיק?

שיע

מיטוואָך און דאָנערשטיק בין איך געווען מיד פון ליידיק ארומגיין. די אָרבל האָבן מיר ווי געטאָן. (ווייזט אָף די הענט) און פרייטיק ווידער, וועלכער גזלן קען עפּעס גיין ארבעטן? כ׳ליג באַ חיה־שרהן די בעקערן אָפן פּיעקעליק, סי שמעקט ארויף דער געשמאַק פון א פרישׂ פלאָמ־פּלעצל, פרישׂ פונם אויוון, פון דער נאָדל ארויס. נו מיינסטו וועט שיע דער משוגענער זיין אַזאַ משוגענער און גיין דאָ דזשיבען מיטן נעדעלע, דליבען, די אויגן זיך ארויסנעמען? משוגע בין איך?

צביה

הפּנים ס׳וועט שוין, שיע, פון איך קיין לייט טאַקע נישט זיין, ווי רעב מארטשע זאָגט; קיין לייט.

שיע

(ניבע ווי איבערראַשט, דערלאַנגט איר די האַנט): אָ, סערוואָס! איך קוש די האַנט, כ׳האָב דאָך גאָרנישט געזען — זי מיטן זיידענעם, ביי איר איז דאָך זיידנס. דאָס באַלעבאַטישע קינד — דאָ אריינגעפאַלן, איז זי נעבעך. איז א חידוש אז זי גייט דאָ ארום ווי אָפן עולם־התוהו?

משהלע

(קומט אָריין־צולויפן מיט עפּל אין האַנט): היי, היי, כ׳האָב געקויפט ווי פאַר א פּאַרשפּיל. (צעווארפט די עפּל אָפן טיש, אלע כאַפּן).

שיע

(בייסט אריין): ס׳אַראַ טייערע עפּל דער בלינדער איציק פארקויפט. כ׳האָב געטראָפן, אֵיאָ?

משהלע

ניין, הער אויס משוגענער, כאַפּ נישט, כאַפּ נישט, האָסט דוקא נישט. האָסט דוקא נישט געטראָפן, נישט באַם בלינדן איציק נאָר באַ דער בלינדער בראַנטשען. (אלע לאַכן).

יאָסעלע

ער וואַקסט דער קליינער, ער וואַקסט. ווי איך בין א שנידער ווי ער וואַקסט.

צביה

(עסט און רעדט): נישט־גוטסע עפּעלעך, זיס אזוי ווי לאַקריץ, פּונקט געראָטן אין יאָסעלען.

יאָסעלע

מילא, דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג, איך וועל זיך נעמען דאָס לעבן, אָבער דעם טויט מעג זיך נעמען אַנאַנדערער, דעם טויט.

שיע

יאָסעלע! דו ביסט נאָך באַם ריינעם שכל נאָך (ארבעט און זינגט):
דאָרט אפן בוידימל, אין שטיבל אין שטיבל,
דאָרט זיצט זיך א מיידעלע און נייט און דרייט,
זי נייט און דרייט און פירט א מאשינדל.

טשאַרנע

(פּאַלט פלוצים אין די רייד אריין): אַזוי פיל מאָל האָט מען שוין געזונגען ס'איז שוין אז נישט גוטס. לאָמיר ליבער זינגען יאַקאָביס, דעם בודאפּעסטער רייזענדערס לידכען; ס'אַזא שיין ליד, כ'לעבן.

צביה

זע נאָר זי האָט געשוויגן די גאנצע צייט, היינט ווי א לעמעלע און גיי, גאָר אויפגעשטאַנען ווי א לעמפּערט אינמיטן דרינען. יאַקאָבי? גלייך מען ווייס נישט ס'איז א סוד פאר א מנין מענטשן. יאַקאָבי מיטן שטייפן קוסטאנד און די געלע שיך צום קנעפּלען. וואָס האָט ער דיר נעבעך שטיל מיידל, איבערגעלאָזט? א האַרץ־ווייטיק?

שיע

וואָס עפּעס אין מיטן דרינען? געזונגען איז געזונגען. (שיע נעמט זיך זינגען אפן קול און אלע העלפן אונטער).
דיש האבע איש אמת ליב.
דו שיינסט ווי די גלענצנדע זאָנע,
דו מיין לעבען באגליקען קענסט.
דו מיין לעבען באגליקען קענסט!

טשאַרנע

(נעמט ארויס א בריוול פון דעם בוזעם): צביה, זעסט? די שונאים אָף צו־פיקעניש שרייבט יאַקאָבי בריוולעך מיט דער פּאָסט.

צביה

(רייסט ארויס דאָס בריוול פון איר האַנט, לויפט אפיר, קוקט אריין, שרייט אויס): **אוי, וואָס מענטשן קענען, וואָס מענטשן פאַלט איין איך שטעך מיך, נאָר טאַטע־מאַמע זאָלן מיר אַזוי לעבן ווי ס'איז טשארניס אייגענע האַנט־געשריפטס** (ווייזט איעדן).

טשארנע

(בלאַס און פאַרהיקעט זיך): **און איך זאָל טאָקע אַזוי לעבן און טאַטע־מאַמע זאָלן מיר —**

יאָסעלע

(שטעלט זיך אַרויף אַף א ביינקל, מאַכט צורעכט די יארמלקע): **הוירײַ, הוירײַ, אויפגעשפּילט א שטיקעלע פּאַר טשארנעס וועגן.** (אַלע כאַפּן אונטער און זינגען):

די שיינסט ווי די גלענצענדע זאָנע,
דו מיין לעבן באַגליקן קענסט,
דיש האבע איש אמת ליב.

טשארנע

(פאַרשעמט): **גלויבט נישט איר, גלויבט נישט ?** (טומל).

שייקע

(פאַוואָליע אריין, בלייבט שטיין באַ דער טיר, גיט א הוסט און שטעלט אויף די האַנט).

יאָסעלע

אנו, קומט נאָר אביסעלע נענטער, אהער, (קלינגט מיט דער האנט אין קעשענע) **א נאָגטן, א נאַשבראַט, אן אונדזעריקער, איר וועט מיר מוחל זיין מיין העזה, כאָטש איר זענט אביסל עלטער פון מיר, נאָר אז איך קוק אַף אייך, זע איך וואָס אונדזער סוף וועט זיין.**

שייקע

עט, נאַריש, מיין קינד, אַזוי צו טראַכטן. מע מעג, אַז מען איז יונג, יונגע יאָרן נאַרישע יאָרן מע מעג. אודאי אף דער עלטער זעסט מיין קינד אַמאָל בין איך אויכעט, אלע ווייסן, רעב מאַרטשעס וויס, א גוטער באַלמעלאָכע געווען. דאָס בעסטע קלייד האָב איך געמאכט. געגייט פאַר גראַפן, פאַר פירסטן, פאַר אלע פריצים, ארום דעם גאנצן דור ארום, די דערפער דאָ אפילו. און היינט ? נייט מען תכריכים, קינד. (אַלע הערן אויס און לייגן אוועק די הענט) **אַמאָל פאַר אן אלטן, איז נישט אַזאַ ווייטיק. סוף אדם למות. אָבער פאַר א יונגן ? זעסטו, דאָס רייסט שוין ארויס מיין אַלט האַרץ. שוואַרצע חופות, שוואַרצע בראָט־**

שלייערס פאר יונגע מיידלעך, די וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו גיין אין א ווייסן בראַט־שלייער, בין איך דאָס זייער מסדר קידושין, הייסט דאָס. איז דאָס נאָך ווייניק פאר מיינע אלטע ביינער? מוז איך נאָך איינעמען בושות און גיין איבער די הייזער, ווייל אנישט וואו וואָלט איך גענומען?

שיע

טאָקע רעב שייקע אָן קנאָק—יעקב, וואו וואָלט איר גענומען אזוי א ברענעדיקס סי זאָל אָננעמען באם גאָרגל, מע זאָל עס דערפילן ביז אין דער זיבעטער ריפּ?

שייקע

אוי זינדיק נישט. היינטיקע צייטן ווען מענטשן שטרעקן זיך אויס פאר א טרונק וואַסער, קלערסטו, וועל איך גיין טרינקען בראָנפן? זינדיקסטו, יונגערמאַן איינער.

שיע

ווי אַלט איז א ייד?

שייקע

כ'צייל שוין ברוך השם דאָס צענטע צענערל, קיין עין־הרע.

שיע

זעצט איך רעב שייקע (רוקט אים אונטער א בענקל).

שייקע

פאַרן זעלבן געלט, קען איך דאָך זיצן, גערעכט. (זעצט זיך).

שיע

געדענקט איר דאָך אודאי די מעשה מיט דער ברונע?

שייקע

א שיינע פראַגע, א שאלה צי איך געדענק? אזוי ווי ס'וואָלט היינט געווען, ערשט געשען.

יאָסעלע

צו וואָס דאַרף מען דערציילן? (אַלע קוקן זיך איבער).

שיע

דערציילט ר' שייקע, דערציילט.

שייקע

אַכעמיר, פאַרוואָס נישט? אזוי איז געווען, אזוי איז געשען. מעשה שהיה, כך היה; איז געקומען צופאָרן א ייד, טאָקע א ייד מיט באָרד און פאות, ווי גאָט האָט געבאָטן. ווען און פונוואַנען, האָט קיינער נישט אָנגעהויבן צו וויסן. נעמט ער און פאַרפאָרט צום בירגער־מייסטער,

סטעפּאַנעלע פּארקאַן, דעם איצטיקן פּאַרקאַנעס אָן עלטער־זיידע. א גוטער גוי געוועזן, אַן אוהב ישראל. דער ייד פּאַרפּאָרט מיט א פּאָר פערד, לייבן, נאשפּיץ, און ביט אים אָן: היות ווי עס האָט זיך גע־הערט אין ווייטע מקומות, אז אין קומארנע גראָבט מען און קיין וואַסער איז נישטאָ אַף א רפואה, וויל דאָס, הייסט עס, דער ייד מיט דער באָרד און פּאות זיך אונטערנעמען און דערוווייזן; פריער גאָט און דערנאָך ער, ווייל בא גאָט זיין ליבן נאָמען, איז אַלץ מעגלעך. און נו, און נו, האָט ער אָנגעהויבן צו גראָבן און געגראָבן. אָנגעטראָפן שטיי־נער, אוועקגערייניקט די שטיינער. אָנגעטראָפן זאַמד, אוועקגעריניקט דאָס זאַמד. אָנגעטראָפן וואַסער. אַהאַ, איז דאָך גוט? טויג ערשט נישט. דאָס וואַסער איז קאַלעמוטנע, אָן א יידישן טעם, אין מויל נישט צו נעמען. גראָבט ער ווייטער דער ייד מיט דער באָרד און פּאות.

מארטשע

(זאָגט אונטער שטיל): אזוי זאָגט מען, טאקע אזוי געווען, אזוי זאָגט מען איז געשען.

שייקע

באַוויזט זיך טאָרפע, פעטע ערד. באַווייזט זיך האַלץ, פאַרפוילטע שפענדלעך. באַוויזט זיך זאַמד, ווידער זאַמד. באַווייזט זיך ראָמיאַניק, באַווייזט זיך צימרינג, ראָמיאַניק צו באָדן קליינע קינדערלעך. נעגעלעך, גיווערץ, טאבאק, און נישט א שמעק טראָפּן וואַסער, צו זאָגן שאי ידכם. בניי ביי קומט גאָר צוגיין מיט א פעטע גלאַנציקע מאָרדע, מסתמא אַן ערל מיט א רויטן מיצל, פון די הרי־חושך, און גיט זיך א פרעג צום בירגערמייסטער, און זאָגט זיך אזוי אָט קארלישנע אַף: ער וועט באַווייזן, אפילו אין דער מדבר וואו ס׳איז אייביק אזוי, אז די וואָלקנס ווערן אויסגעטריקנט אפן הימל, וואו קעמלען גייען אום פאַרשמאַכט מיטן האַרב אַף די פלייצעס פאַרשלאָפענע, וואו רייכע לייט באַצאָלן מיליאָנען מיליאסן פאר א לאָגל וואַסער, אפילו דאָרט, האָט יענער מיטן רויטן מיצל, געגראָבן און געפונען, דערשנאפּט וואַ־סער. און דער בירגערמייסטער, א גוטער גויעשצע, סטעפּאַנעלע פּאַר־קאַן, האָט מיט אים געמאכט א האַנט שליאַק, און ער האָט נאָך צו אים אזוי געזאָגט: אז אויב ער וועט מצליח זיין און געבן דער שטאָט א קלייניקייט — וואַסער, וועלן אַלע פּאַר אים גאָט בעטן אזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן, יידן און להבדיל זיי די גוים אויכעט.

שיע

עפּעס א צו לאַנגע מעשה ר׳ שייקע האָט איר. ווי זשע איז טאַקע געווען?

אַלע

טאַקע געווען?

שייקע

יונגע קינדער איילן זיך. נישטאָ נאָך וואָס צו איילן, נאָך וואָס. הערט זשע אויס: און ס׳האָט אָנגעהויבן ארויסשפּריצן אז מען האָט מורא געהאַט, אז סע זאָל דאָס שטעטל נישט פאַרפלייצן, פאַרטרינקען. אזוי ווי דער ייִד מיט די באָרד און פּאות האָט דאָס דערזען, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. שיקט אבער דער אייבערשטער די רפואה פאַר דער מכה. איז עפּעס דעמאָלט געווען אין שטעטל א שניידערל, נישט ווי די היינטיקע שניידערלעך —

יאָסעלע

טאַקע געווען?

שייקע

שאַ, שאַ, שאַ. ר׳ אייזיקל. געהייסן האָט ער גאָר טאַקע, יצחה אייזיק יהודה יחיאל. זכר צדיק לברכה, וואָס ר׳איז כל ימיו געזעסן אין שניידער־שולכל מיט אַן עדה ייִדן און געלערנט און, ער האָט אזוי געזאָגט: אוהב את המלאכה און ושנא את הרבנות, שאַץ גרויס דיין אַרבעט און פאַראַכט צו זיין אַן עלטסטער. נהנה געווען פון יגעה כפּו און דערוויל און זיין ליבן נאָמען אויך נישט פאַרגעסן.

שיע

האָט ער אודאי געזונגען (זינגט ער):

מיט א נאָדל און אַן א נאָדל
ניי איך מיר בכבוד גדול.

שייקע

שאַט, שאַ, לויפט יענער ייִד גלייך צו ר׳ אייזיקן און זאָגט: ר׳ אייזיקל, וואָס טוטן? (פון גאַס הערט מען אַ מעלאַנכאָליש פּאַוואָליע געשריי).

געשריי

באַ דוד לעמלס פאַר אכט גראָשן גלאָט פריש פלייש.

שייקע

וואָס טוטן? איך האָב זיך פאַרזיכערט אין זיין ליבן נאָמען, איז גאָר געקומען א גוי, עפּעס א טערק מיט א טראָלט און סע קומט אויס אַז דער ייִדישער גאָט זאָל חלילה פאַרשעמט ווערן. און ר׳ אייזיקל אליין

איז שוין געשטאַנען טאַקע דעמאָלט, באַ זיך אין חדר מיט די שיך און זאָקן אן איינגעגעצטער שוין. זאָגט ר׳ אייזיקל: ווער זאָגט אז ס׳איז דאָ וואַסער? בעט זיך דער ייד, סטייטש רבי, נאָך אזויפיל, אז סע גייט אַריבער און ס׳פאַרטרענקט אַלע בּרעגעס. ענטפערט ווידער ר׳ אייזיקל, שוין מיט אַ בייזער: אַז אייזיקל זאָגט ס׳איז נישטאָ, איז נישטאָ. גאָט לעסטערט מע נישט. ס׳איז נישטאָ. און דאָס וואַסער איז אויסגעטריקנט געוואָרן ביזקל היינטיקן טאָג אזוי ווי דאָ אָפּן טיש. איצט ערשט, איצט גייט ר׳ אייזיקלס אן אור־אייניקל, שוין און א רבי, נעמט קוויטלעך בא יונגע ווייבלעך; ער וויל באַווייזן א נס! ווער ווייסט? און די מגפה איז גרויס און קינדער שטאַרבן. א שטאָט שטרעקט זיך אויס נאָך א שלונג, אבער ר׳ אייזיקל האָט דאָך געזאָגט נישט. נו, פון מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, ווייסן דאָך אַ סך פון אייך, וואָס עס איז געשען דאָס גרויסע אומגליק, דעמאָלט ווען די ברונע האָט ארויסגעשריגן, אוי ווי צו מיר.

שיע

אָבער דער רבי זאָגט דאָך אז מע מעג.

שייקע

וואָס איז ער אנטקעגן זיין זיידן? יענער האָט דאָך געלעבט פון דער אייגענער פּראַצע, פון די אייגענע פינף פינגער.

מאַרטשע

און דאָס שטעטל היינט גייט כּאַדאַאַם. מיר שניידערס, האָבן דעם גרעסטן חלק אין דעם, מיר. אודאי נישט ווי די היינטיקע שניידערלעך.

שיע

וועלכער היינטיקער שניידער קען דאָס געבן א זאָג, ס׳זאָל אויסטריקענען אלע בלאָטעס? (ער ווייזט זיינע פאַרשמירטע הויזן) זעט, דאָ בין איך היינט געגאַנגען און אויסגעמאָסטן די טיף פון די בלאָטעס, פון מיטן מאַרק. איך האָב געוואָלט וויסן ווי טיף ס׳איז.

יאָסעלע

דו, שיע, ווילסט אלע מאָל וויסן פונוואַנען די פיס וואַקסן.

שייקע

יע, ס׳וואָלט געווען פריילעך אפן האַרצן, וואָלטן געקענט זיך מאַכן געלעכטערלעך ווי ער, יאָסעלע, מאַכט זיך.

שיע

איר זענט טאַקע אפנים טרויעריק, ר׳ שייקע, ניין?

שייקע

אַלע געדענקען נאָך פּונקט ווי היינט, ווען די שטאָט איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ טרונק, פּונקט ווי היינט. נאָר דעמאָלט אַנדערש, זיי האָבן גע־הייסן ברענגען אַ קינפּעטאָרן צו דער ברונע. און וואָס איז געשען? די ברונע האָט אויסגעשריגן: זי וועט נעמען נקמה אין דעם קינד.

שיע

וועמעס איז דאָס קינד? איז ער אַמאָל אויפגעוואַקסן? ווייסט אימע־צער וועגן אים?

יאָסעלע

משוגענער קאָפּ, משוגענער שיע, הערסטאָך, ווי אַזוי זאָל מען וויסן? מען דערציילט דאָך אַז דאָס פּאָר פּאָלק האָט מען באַלד פון דער שטאָט אַרויסגעפירט, געבונדענע, און זיינען שוין מסתמא קיינער פון זיי אויף דער וועלט נישטאָ. וואָס דאַרפסטו זיך זאָרגן, שיע?

שיע

איך מיין יאָסעלע איז גערעכט. וואָס דאַרפן מיר זיך זאָרגן וואָס עס איז געווען. די זאָרג איז, וואָס ס׳איז נישטאָ אַ טרונק וואַסער.

שייקע

מע זאָגט דאָך אָבער, יאַקבע, אַז ער לעבט.

שיע

ווער לעבט?

שייקע

אַז דאָס קינד וואָס איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן, טאָמער לעבט ער גאָר?

שיע

אַזוי גאָר?

יאָסעלע

האָט ער זיך צערעדט, ווייסעך וואָס.

קול

(אַ פרויען שטים פונם אַלקער): מאַרטשע, אַריין עסן דאָס וואַרעמעס. דער בולבע גריץ ווערט געדיכט, געגרייט צום טיש.

מאַרטשע

אויב אַזוי, ר׳ שייקע, אַז איר האָט זיך דאָ יאָ פאַרווילט, זייט מוחל, קומט שוין מיטעסן.

שייקע

פאַרוואָס נישט?

מאַרטשע

פון דעם נעדעלע בין איך במילא אַלץ איינס קבצן. (טשאַרנע און מאַרטשע רייניקן אָפּ די פעדים פון זיך, מיט שײקען גייען זיי אין אַלקער אַרײַן. צביה, משהלע גייען צו דער טיר וואָס גייט ארויס אינדרויסן).

צביה

(באַ דער טיר) : שיע, ווייל איר זייט געקומען שפּעט, בלייבט איר דער שפּעטסטער. קטאָ ראַנאָ סטאַיע — טעמו פּאַנבוג דאַיע. (אָפּ).

שיע

(צו יאָסעלען) : אַמאָל בין איך באַ איר און איר און אַמאָל בין איך באַ איר א דו.

יאָסעלע

(לאָזט זיך גיין) : אַמאָל רעדט זי צו מיר ווי צו איינעם און אַמאָל ווי צו עטלעכע מענטשן.

שיע

צי ס׳איז לויטן וועטער נאָך? צי סי קומט דערויף אָן, ווי ס׳איז באַ איר דער שלייער?

יאָסעלע

(שטעלט זיך, פאַרטראַכט, גרייט צו גיין) : שיע. מיין דיר אַז איך ווייס ניט, אָבער איך ווייס אַז דיר דריקט דער שוך. איך בין א מיבן אַף אַ טשאַד. איך ווייס וואָס דיין אויספּעלן דאָ באַטייט, דאָס וואָס קומסט נישט אַרבעטן, דיינע תירוצים נעם איך אָן פאַר גוט געלט. א מכה דאַרף עמיצער עמיצער וויסן, אפילו זי, דאָס שטיק פלייש, ווען דאָס הינער־אויג דריקט. פאַר מיר, איך אליין, נעם אַלץ זייער לייכט, כמעט אַ שפּאַס. און כאָטש דו רעדסט צו איר דאַכט זיך גראָב און מאַכט דיר ניבע נישט אויס איר, זע איך, אַז דו צורייסט זיך שוין גאָר דעם לעטניק.

שיע

וואָס דרייסטו א מוח, וואָס דיר קען איינפאַלן. קאַרג צרות האָב איך? כ׳האָב זיך שוין נישט וואָס צו זאָרגן.

יאָסעלע

ווייל דו קענסט בייז זיין, דיר קען זיך דאַכטן אַז איך גראָב אונטער דיר, דערפאַר זאָג איך: דו שיע שטייסט אין גאַס, דו קאָכסט זיך מיט אַלע שטאָט מענטשן וועגן דער ברונע. דו מאַכסט דעם אָנשטעל. איך אָבער ווייס, אַז ס׳איז בלויז נאַר אַן אָנשטעל. דיר גייט נישט אָן וואָס באַ די פּראָצענטניקעס, באַ די שיינע יידן שטאַרבן קינדער.

שיע

וואָס? איך בין נישט קיין מענטש מיט קיין מענטשלעך האַרץ? האָס בין איך א גוי בין איך? ס'איז דאָך יידיש בלוט.

יאָסעלע

איך ווייס אָבער, און די גאַנצע שטאָט ווייס אויכעט, אַז דו פייגערסט פאַר צביהן. אמת, איך האָב זי אויך נישט פיינט, שעם איך זיך נישט כאָטש גאַרנישט — איך קען זי דיר צולאָזן אויב דו ווילסט? דו אָבער ווילסט גאַרנישט זאָגן, דו דריקסט און שטיקסט אין דיר, אַז דו וועסט צופּלאַצט ווערן.

שיע

און וואָס גייט דאָס דיך אָן? וואָס אַרט דאָס דיך דען?

יאָסעלע

מיך אַרט? פאַרוואָס ביסטו פלוצים געוואָרן אזא כלל טוער? וואָס מיט אַמאָל ביסטו פלוצים געוואָרן א שטאָט פאַרזאָרגער? מאַכסט דעם אָנשטעל אז דו מיינסט העלפן, ראַטעווען.

שיע

(בייז): יאָסעלע קלעזמער, איך ווייס פאַרוואָס דו שפּילסט אזוי שיין, איך ווייס. אָבער וואָס איז דאָס אלעס דיין עסק, דיין באָבעס דאגה, וועמען איך מיין און וואָס איך מיין? קענסט נישט באַנעמען אז א שטאָט גייט אויס פאַר א טרונק? אָט דאָ באַ מאַרטשען אין שטוב, מען פאַרגינט זיך נישט א טרונק צו טאָן אביסל וואַסער, ווען מען קויפט שוין, ווען מען ברענגט ערשט פון אַנדערע שטעט און דערפער? ווער האָט דען צו באַצאָלן? די רייכע פּראַצענטניקעס קענען טאַקע באַצאָלן. וואָס זאָלן די געמיינע לייט טאָן? א גזלן וואָלט דאָך נישט געקענט שטיין רואיק ווי דו און צוזען.

יאָסעלע

פאַרייד מיר נישט די ציין, און וואָס איז מיט צביהן? נישט דורך דער מויד שטייסטו גאַנצע טעג און נעכט און היטסט די ברונע?

שיע

יאָסעלע, איך קען דיר שווערן ווי ס'איז היינט מאָנטיק איבער דער גאַנצער וועלט, אז גאָט איז מיין עדות, אז כ'האָב צביהן נישט ליב. כ'בין נישט פאַרכלעפּטשעט אין דער מויד און הלואי זאָלסטו אזוי...

יאָסעלע

(האָקט אים איבער): דער אמת, אז איך בין אָבער יאָ פאַרכלעפּטשעט אין איר.

שיע

הלואי גראָבט מען היינט, מאָרגן, איבערמאָרגן און מען געפינט וואַסער, פריי איך זיך מיט דעם וואַסער מער ווי מיט הונדערט צביהס.

יאָסעלע

דוווילסט וואַסער פון דער ברונע? דו ווילסט ברונע און איך וויל צביהן.

שיע

גאָט איז אן עדות, זאָל מען געפינען וואַסער איז גענוג פאַר מיר. טאַנץ איך באַ דיר אַף דער חתונה. מיט וועמען? יאָ, מיט צביהן. (היסטעריש) כאַ, כאַ, כ. אָבער דאָס באַלעבאַטיש שטיק פלייש, באַ איר איז אויך די ברירה, צי זי וועט וועלן א שניידער יונג?

יאָסעלע

איך האָב דיך, איך האַלט דיך באַ דיין וואָרט — הער, שיע?

שיע

יאָ, יאָ, יאָ. טויזנט מאָל יאָ. זאָל די שטאָט געהאָלפן ווערן, יאָ.

יאָסעלע

דיין וואָרט. דיין וואָרט, איך גיי (יאָסעלע מיט גיכע טריט אַפּ אין דרויסן ארויס).

שיע

(הויבט זיך אויף, קוקט זיך אַרום, גייט פּאַוואָליע צו דער גרעסערער פיגור, טוט אָן דאָס יאַקל וואָס ער ארבעט. פלוצים רעדט): הוטשעלע מוטשעלע, פוטשעלע; גראָבע לעכע מיינע. (נעמט ארום די פיגור) עפּעס ביסטו מיר גאָר אזוי פעט געוואָרן. שיין געוואָרן. איבער נאַכט קיין־איין־הרע, קיין בייז אויג. פו, פו, פו. האָסט געבענקט נאָך שיען? פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען מיך זען? דו גייסט נישט זען די ברונע? ניין? דו ווילסט נישט זען ווי מענטשן לאָזן זיך אַראָפּ אין דער קאַלטער ערד צו געפינען א טראָפּן וואַסער? און ס'איז נישטאָ, נישטאָ. אָן אַלטער שניידער האָט אריינגעשטאָכן מיט דער נאָדל און פאָדים אין דער ערד אריין און האָט פאַרנייט. איר טראַכט: נישטאָ קיין וואַסער, נישטאָ. א שניידער ווי איך, א שניידער. דו גראָבלעכע, האָסט מיך מער נישט ליב? טאָקע נישט? אפשר יאָ? פאַרוואָס־זשע ביסטו אזוי שטיל? שטיל איז א חכמה, אָבער ניט קיין גוטער סימן. ווייל ליבע ברענט, ברענט ווי דאָס פייער פון גיהנום. און שטייסט, גלאָנצט מיט די אויגן? ווי? האָסט מיך פיינט? (וואַרפט אום די

פיגור. אינדרויסן הערט זיך א פויל צעצויגן געשריי).

קול

גייט צום מת־מצוה!

שיע

(גייט איבער צו דער קלענערער פיגור, דאָס קלייד אַף דער פיגור איז דאָס זעלבע וואָס צביה איז געגאַנגען אָנגעטאָן): **דו ביסט אן אידל קינד, פון א זיידענער משפחה, כמעט ווי צביה. האָב איך ליב דיך אויך. דו ביסט דאָך מיין וועלט. אָן דיר וואָלט איך א מינוט דאָ נישט גע־ווען.** (גלעט די פיגור) **נישט אָנגעקוקט די אלע פנימער דאָ ארום. וואָס זשע וויל איך דיך פרעגן? אָהאָ: זאָלסט מיר נישט אָפּזאָגן, ווייל אַז נישט, א־ניט, הרגע איך מיך און דיך.** (וויינט) **איך קען נישט לעבן, אָן דיר זיינען אַלע וועגן פינצטער און פאַרשטעלט. קום, לאָמיר גיין זען ווי מען גראָבט דעם רבס ברונע. די שטאָט וועט טרינקען ברונע וואַסער, קאַלט וואַסער.** (מאַכט אַ מינע ווי סע ווערט אים קאַלט). **אפילו די געמיינע לייט וועלן אויפגעריכט ווערן. וואָס זשע ענטפערסטו מיר נישט? ביסט שוין ווי די גראָבע לעכע? א באלעבאטיש שטיק פלייש. נישט? איז דאַרף מען נישט.** (ער גיט א שטאַרקן טלוס די פיגור צו דער ערד, בלייבט שטיין צומישט).

קול

(אינדרויסן מיט געזאַנג): **אייער־בייגל, אייער־פּלעצלעך, אייער, אייער, אייער־פּלעצלעך.**

משהלע

(פראַלט אויף די טיר, פארסאָפּעט): **טאַטע־מאַמע זאָל מיר אזוי לעבן ווי איך האָב אליין געטרונקען שוין מיט מיין מויל וואַסער פון רבס ברונע.**

אלע

(פונם אלקער ארײַנצולויפן): **טאַקע?**

שיע

מיר זען וועט ס'וועט זיין דער ערשטער צו לויפן (זינגט זיך אויף): **„מיט אַ נאָדל און אַן אַ נאָדל".** (צו דער טיר, אַרויס.)

פערטער ייד

(קומט אַנצעלויפן מיט נאָך צוויי יידן): **וואו איז ער? אייער שניידער־יונג? דער, וואָס מ'רעכנט אז ס'איז ער?**

אלע

(ענטפערן): **וואו איז שיע? וואו?**

פערטע געשעעניש

צוויי שעה שפּעטער באַם רב אין הויז. ס׳איז באם בית־דין אין הויז. ליכט אָנ־געצונדן ארום און אַרום. דאָס בית־דין זיצט אויסגעזעצט גרייט צו משפּטן. דער רב זיצט אינמיטן. צוויי דיינים איןביידע זייטן עולם רייסט זיך אריין.

פאַרשוינען:

רב
דיין
עולם — (א צען מענטשן)
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
ערשטע יידענע
צווייטע יידענע
שמש
יאָסעלע
מארטשע
שייקע מושעביטש
שיע
פערטער ייד
הויכער פרעמדער ייד

ערשטער ייד

רבי, יידן שרעקן זיך ס׳זאָל נישט אויסגיין צו יידישע קעפּ.

צווייטער ייד

מ׳דאַרף אויסגעפינען אפשר איז דאָס ער, דער יונגאַטש, דער שניידער־יונג? קיינער דאָ אין שטאָט, קלער איך, ווייסט נישט ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. אפשר איז דאָס פּאַרט ער?

דריטער ייד

זאָל חלילה נישט טרעפן, ווי ס׳האָט געטראָפן מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק, נישט איצט געדאכט, ווען מען האָט באַצוואונגען די ברונע צו געבן וואַסער, האָט מען דעמאָלט געבראכט די קינפּעטאָרן. איז די ברונע בייז געוואָרן און זי האָט אויסגעשריגן: נקמה! נקמה!

ערשטע יידענע

רבי, נישט פאר קיין שום ייד געזאָגט געוואָרן. איך ווינטש נישט דעם

ערגסטן שונא מײַנעם, איר מעגט מיר הײליק גלויבן וואָס סע קען חלילה געשען, טאָמער איז דאָס טאַקע ער, דער שנײדער געזעל?

צווייטע יידענע

אז די ברונע האָט געשוואָרן צו נעמען נקמה און טאָמער איז ער, דאָס קינד? זאָל דער אייבערשטער אויסהיטן, וואָס חלילה עס קען געשען.

דיין

(שטעלט זיך אויף): יידן, דער באַשעפער איז מיט אייך. פאַרוואָס זאָלן יידן האָבן אַזויפיל צער? מען דאַרף טאַקע מורא האָבן פאַר זיין ליבן נאָמען. אָבער, מיר זײַנען דאָך אַלע זײַנע קינדער און ער וועט אָף אונדז רחמנות האָבן. איז דער שמש געגאַנגען אין שטאָט צוזאַמענ־רופן אַהער צום בית־דין פאַר א דין־תורה. דאָס בית־דין וועט די זאַך גרינטלעך נאָכפאָרשן און איך האָף צום אייבערשטן אַז ס'וועט זיין אַלדאָס גוטס. (זעצט זיך).

שמש

(קומט אריין צולויפן): חשוב בית־דין! איך האָב געהייסן קומען אַהער ר' מארטשע שנײדער, ר' יאָסעלע געזעל, ר' שייקען און דעם בעל דבר אליין. דעם בעל דבר אליין האָב איך נאָך נישט געטראָפן, נאָר איך האָב אָנגעזאָגט, טאָמער קומט ער זען ווי מען גראָבט די ברונע, זאָל מען אים פונדאָרטן מודיע זיין, אז דער רב דאַרף אים האָבן — וועט ער מסתמא קומען, אפשר אביסל שפּעטער.

מארטשע

(קומט אריין): וואָס עפּעס אינמיטן דער וואָך צום רבין? איך האָב חלילה קיינעם נישט באַגנבעט און מײַן ארבעט מאַך איך ערלעך.

דיין

(שטעלט זיך אויף): דאָס בית־דין האָט אייך, ר' מאיר, געשיקט רופן, כדי אויסצוגעפינען א זייער וויכטיקן ענין וואָס איז נוגע א גאַנצע שטאָט מיט מענטשן.

מארטשע

אויב אזוי, בין איך גרייט, וואָס?

דיין

קענט איר נישט, ר' מארטשע אונדז זאָגן, ווען און פונוואַנען איז אייער שנײדער־געזעל. ר' שיע, געקומען צו אייך, אין אייער שטוב אריין?

מארטשע

צו מיר, אין מײַן שטוב אריין, איז דער משוגענער שיע געקומען פון אַ גאַנץ אַנדער שטאָט. דאָרטן האָב איך אים באַגעגנט בא מײַנעם

א קרוב, א שניידער. דער קרוב מיינער האָט מיר דערציילט פון זיינע גאָלדענע הענט, וואָס פאַר א טייערער בעל־מלאכה דאָס איז, האָב איך אים געבראַכט צו מיר אין שטוב אריין, און צו מיינע צרות איז נאָך אַלץ קיין סוף נישט.

עולם

אויך צו אונדזערע צרות איז גאָר קיין סוף נישט.

דיין

(צו מארטשען): קענט איר אונדז אפשר נישט אָנווייזן, ווער זיינע טאַטע־מאַמע זיינען, אדער זיינען געווען ? אויב זיי זיינען שוין חלילה אַף דעם עולם־אמת ?

מארטשע

ניין, מיר האָט זיך אַלעמאָל געדאַכט, אויב איך פרעג אים אזוינע פראַגעס, וועל איך אים מצער זיין, דערפאַר האָב איך דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. (דיין זעצט זיך).

רב

(שטעלט זיך אויף): יאָ, מ׳צער זיין איז א גרויסע עבירה. אַז מען פאַרשעמט א מענטש ברבים, פארלירט דער ייד זיין חלק עולם הבא, אוי ווי איז מיר, דערפאַר איז ר׳ מארטשע, כאָטש א ייד א בעל־מלאכה און נישט קיין למדן, האָט ער פאַרשטאַנען אז מען טאָר נישט פאַרשעמען און מצער זיין א מענטשן. (זעצט זיך).

עולם

מען טאָר נישט פאַרשעמען אומזיסט א מענטשן.

דיין

(שטעלט זיך): ליבע יידן, איר מוזט פאַרשטיין, אַז דער אייבערשטער האָט אונדז געטאָן פרופן מיט א גרויס פרופונג. דאָ שטייט א שטאָט און וואַרט געהאָלפן צו ווערן מיט אביסל וואסער. דאָ ווידער שטייט די סכנה, דאָס אומגליק און וואַרט און וויל געוועלטיקן איבער אונדזערע לייבער. דאָ האָט געטראָפן א מעשה מיט א פינף און צוואַנציק יאָר וויט צוריק. און דאָ קומען מענטשן צוגיין און זאָגן: דאָס קינד וואָס איז געבאָרן געוואָרן באַ דער ברונע און וואָס די ברונע האָט געשוואָרן אז זי וועט נעמען נקמה, דאָס קינד איז א דערוואַקסענער שוין און געפינט זיך דאָ באַ אונדז אין שטאָט. צי ס׳איז טאַקע אזוי ? צי דער יונגערמאַן איז דאָס געוועזענע קינד ? קיינער קען אַף דעם קיין קלאָרן ענטפער נישט געבן. ווען מען זאָל וויסן קלאָר, רופן מיר אריין דעם יונגנמאַן און זאָגן צו אים אזוי: יונגערמאַן, צוליב דיר

קען געשען א גרויס אומגליק באַ אונדז אין שטאָט און אָן דיר קען געשען א גרויס גליק באַ אונדז אין שטאָט. מיט דיר, קען די ברונע דיך וועלן איינשלינגען און וואָס טוט מען דעמאָלט?

עולם

און וואָס טוט מען דעמאָלט?

רב

(שטעלט זיך): און איך זאָג: אז אזוי לאַנג ביז ס׳וועט נישט ווערן קלאָר פאַר אונדז דאָ ווער דער יונגערמאַן איז, צי איז ער, טאַקע, דער, טאָרן מיר אים נישט, אפילו נישט אויספרעגן וועגן דעם. אלץ וואָס מיר קענען, איז אוועקשטעלן א גדר ארום דער ברונע, כדי קיינער זאָל אהין נישט קענען ארייַנפאַלן.

יאָסעלע

(קומט אריין): האָט מען טאַקע נאָך מיר געשיקט צום הייליקן בית־דין?

דיין

טאַקע נאָך אייך, ר׳ יאָסעלע.

וואָס ווייסט איר און קענט איר אונדז זאָגן וועגן אייער חבר, שניידער־געזעל, ר׳ שיע?

יאָסעלע

וואָס הייסט איך זאָל קענען זאָגן? אַזאַ גרויסער זאָגער בין איך? איך וויים, מיר ארבעטןביידע, מיר זינגען ביידע לידלעך. איך ווייס, וואָס נאָך?

דיין

אויב איר ווייסט נישט וועלן מיר צו אייך איבערחזרן נאָך אַמאָל דיזעלבע רייד וואָס מיר האָבן גערעדט צו אייער מייסטער, ר׳ מארטשע.

יאָסעלע

איך ווייס, איר ווילט מסתמא אויסגעפינען וועגן שיעס אַפּשטאַם? איך האָב שוין געהערט וואָס סע גייט דאָ ארום קלאַנגען.

דיין

מיר ווילן וויסן צי קענט איר אונז זאָגן ווער ר׳ שיעס טאַטע און מאַמע זיינען? צי האָט ער אייך נישט אמאָל דערמאָנט וועגן זיי?

יאָסעלע

איך דענק אז דאָס הייליקע בית־דין דאַרף זיין רואיק וועגן שיעס טאַטע־מאַמע. זיי זיינען קיין הייזער־שלעפּער נישט געווען און זיי זיינען איבער דער וועלט נישט געגאַנגען אָדער געפאָרן.

דיין

אזוי האָט אייך ר׳ שיע פאַרזיכערט ?

יאָסעלע

אזוי האָט מיר ר׳ שיע אלע מאָל דערציילט.

דיין

הייסט דאָס, אז סע קען שוין מער נישט זיין קיין רייד אָדער קיין קלער אַז ר׳ שיע איז דער זון פון יענער קינפּעטאָרן ?

יאָסעלע

ניין, סי קען נישט מער זיין קיין טראכטן אז שיע זאָל חלילה זיין דער זון פון יענער קינפּעטאָרן.

דיין

און ווען דאָס בית־דין זאָל אייך הייסן שווערן אָף דעם, וואָלט איר געשוואָרן ?

רב

(שטעלט זיך אויף): מיר צווינגען נישט קיין ייד צו שווערן. אויב א ייד זאָגט, איז ער באַגלויבט. (זעצט זיך).

דיין

ר׳ יאָסעלע, איר קענט צוריק גיין צו אייער ארבעט. (יאָסעלע אָפּ).

שייקע

(קומט אריין): גאָט העלף יידן. וואָס דארף עפּעס דאָס בית־דין דעם אַלטן שייקען ?

דיין

ר׳ שייקע, זעצט אייך. (גיט אים א ביינקל). ר׳ שייקע, איר א ייד, קיין עין הרע, א זקן, איר זייט דאָך דער איינציקער לעבעדיקער עדות. איר האָט געקענט ר׳ אייזיקלען ז״ל. איר האָט צוגעזען אלצדינג. איר האָט געזען ווי דער יידישער נאָמען איז חלילה נישט פארשוועכט געוואָרן און נישט פאַרשעמט געוואָרן. ווייסט איר, אפשר, ר׳ שייקע, א ייד זאָגט אין יאָרן, צו זאָגן דעם בית־דין וואָס צו טאָן ?

שייקע

וואָס ווילט איר טאָן ?

דיין

ס׳איז דאָ אַ חשד עפּעס אויף א יונגן מאַן, וועמען איר קענט אויך, זאָל ער נישט צומאָל זיין דאָס קינד אויף וועמעס לעבן די ברונע האָט זיך א נדר געטאָן און פאַרשוואוירן ?

שייקע

אמת, איך בין דאַנקען גאָט זאַט אין יאָרן. איך האָב געקענט ר׳ אייזיקל שניידער. איך האָב אויך צוגעזען דאָס גרויסע אומגליק מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק בא דער ברונע. איך האָב אויך געזען די גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר צייט נאָך דעם, ווי א שטאָט שטרעקט זיך אויס נאָך אביסל ברונע וואַסער. איר ווילט, איך זאָל אייך זאָגן אז דער יונגערמאַן איז דאָס קינד? דאָס פאַרשאָלטענע. דאָס קען איך נישט און דאָס טאָר איך נישט!

רב

(שטעלט זיך אויף און קלאַפּט אין טיש): **דאָס קען מען נישט, און דאָס טאָר מען נישט!**

עולם

דאָס קען מען נישט, דאָס טאָר מען נישט!

רב

איר, עולם, איר קענט גיין אהיים, דער רבי האָפט אז דער אייבער־שטער וועט מצליח זיין אייער וועג, אמן. (עולם לאָזט זיך גיין ארויס, בלייבט שטיין בא דער טיר.)

שיע

(קומט אריין): **מיך האָט מען דען באַדאַרפט?**

רב

נישט אייך האָבן מיר באַדאַרפט, ס׳איז מסתמא געווען א טעות פון אימעצן, אפשר האָט אייך אימעצער געוואָלט פאַרשעמען, אדער חלילה אָפּנאַרן. ווער האָט דאָס אייך געזאָגט?

מיר פאַרשעמען נישט קיין מענטשן. איר קענט גיין לחיים ולשלום.

עולם

מיר פאַרשעמען נישט קיין מענטשן, איר קענט גיין לחיים ולשלום.

פערטער ייד

(קומט אריינצעלויפן): **רבי, כאָטש מיך האָטן נישט גערופן, בין איך, בין איך געקומען. א שטאָט דאַרף זיך נישט נעמען פאַר גרינג, א שטאָט דאַרף אויסגעפינען, אפשר איז דאָס ער? ער?** (טייטלט אף שיען).

רב

(שטעלט זיך אויף): **איך בין רב און רבי בא אייך אין שטאָט. איך, דאָס אוראייניקל פון ר׳ אייזיקל, זאָג: יידן זיינען פאַרפירט געוואָרן דאָ מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, דעמאָלט איידער איך אליין**

בין נאָך אויף דער וועלט געקומען. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, אפשר האָט זיך זיי נאָר אויסגעדאכט? דאָס וואָס האָט געטראָפן צו אונזער שטאָט דעמאָלט, וועט בלייבן אן אייביקע שאַנד לדור דורות פאר אונדזער מקום. וואו איז אזוינס געהערט געוואָרן אדער געזען געוואָרן? א ווייטיק איז אונדז. ס'איז לעסטערונג און געצן־דינערייַ צו גיין בעטן צו דער ערד, צו ריידן צו איר דורך א קינפעטאָרן. ס'איז קעגן דין און קעגן יידישן מנהג. מיר האָבן א גרויסן באַשעפער אין הימל. אין נויט — רעדט צו אים און בעט, צום פאָטער אין הימל.
(רב זעצט זיך).

דיין

יידן, גייט אהיים צו אייערע ווייבער און קינדער, גייט צוריק צו אייער טאָן, דערמאָנט נישט מער, אוי וויי צו מיר, ווען יידן האָבן געדינט צו דער עבודה־זרה.

עולם

זאָל נישט דערמאָנט ווערן. נישט.

שיע

וואָס זאָל נישט דערמאָנט ווערן?

הויכער פרעמדער ייד

(קומט אריין, רעדט): פליש, פיש, — פארשטיי איך.

עולם

זאָל מער נישט דערמאָנט ווערן.

פינפטע געשעעניש

א טאָג שפּעטער אין סאַמע אינדערפרי. אַרום דער ברונע און עולם. ס׳איז א טומל, עטלעכע מאַנסביל האַלטן ארומגערינגלט די צווי ברונע־בויערער און אמפּערן זיך.

פּאַרשוינען:

ערשטער ברונע־בויערער
צווייטער ברונע־בויערער
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
פערטער ייד
בעקער
קצב
אפּטייקער
שייקע מושי־ביטש
רב
שיע

ערשטער ייד

מיר ווען אייך נישט אָפּלאָזן. איר מוזט.

צווייטער ייד

איר האָט זיך אונטערגענומען, מוזט איר דאָס אויספירן.

ביידע ברונע בויערער

וואָס הייסט מיר מוזן. וואָס הייסט מיר האָבן זיך אונטערגענומען!

ערשטער ייד

איר קומט פון דער גרויסער קייזער־שטאָט ווין, איר ווייסט און פאַרשטייט מער ווי איינער פון אונדז, וואָס לעבן אָפּ א לעבן לאַנג דאָ אָ, אָ, אָ.

איר שרעקט זיך אויף פאַר אַ וואָרט?

ברונע־בויערער

(ערשטער): אמת, מיר קומען פון דער גרויסער שטאָט ווין. אמת, מיר זענען נישט קיין איבערגעשראָקענע קינדער, אבער היינט שוין דעם דריטן טאָג, קוים נאָר מיר לאָזן זיך אַראָפּ אונטן, אין דער ברונע אריין, פאַלט אַף אונדז אַן אַזאַ פּחד, אַז ס׳איז נישט צום אַריבערטראָגן.

ברונע־בויערער

(צווייטער). (עולם הערט זיך פאַרוואונדערט צו) : **מען הערט קולות. מ'הערט קלינגען גלעקער. מ'הערט א יאָמערלעך געוויין.**

צווייטער ייד

וואו הערט מען דאָס אלץ וואָס איר דערציילט?

ברונע־בויערער

(צווייטער) : **דאָרטן טיף אין דער ברונע, הערט מען דאָס אַלץ, הימל, דערבאַרעם זיך.**

ערשטע יידענע

דעם אויבערשטנס צאָרן איז אויסגעגאָנגען אָף אונדז.

צווייטע יידענע

זינט די וועלט שטייט איז נאָך אַזוינס נישט געהערט געוואָרן, אַזאַ טריקעניש, אַזאַ דורשט אין די ביינער.

יונגער ייִנגל

איך קען זיך ווערטן אַז מ'זאָל מיך לאָזן, לאָז איך זיך ארונטער אין דער ברונע און איך גראָב. וואָס איז דאָ מורא צו האָבן.

צווייטע יידענע

חלילה! הער נאָר ווי ער רעדט. שטילער דו. מ'רעדט נישט אַזוי. (יינגל רוקט זיך אוועק אין אַנאַנדער ווינקל).

ערשטער ייד

(צו די בויערער) : **וואָס איז דאָ צו רעדן, איר זעט דאָך די צרות בא אונדז אין שטאָט. וואָס קאָנט איר טאָן אונדז צו העלפן. א שטאָט קומט אום פאַר א טרונק.**

ברונע־בויערער

(ערשטער) : **מיר וועלן אייך צוליב טאָן. מיר וועלן אייך אַלעמען צו־ליב טאָן. גלויבט אונדז, אז מיר האָבן גרויס רחמנות אָף אייך אַלעמען. מיר שטעלן איין, מיר גייען גלייך ארונטער און נעמען ווייטער גראָבן.**

דריטער ייד

זאָל דער אייבערשטער טאָן מיט אייך, ווי איר טוט מיט אונדז.

ברונע־בויערער

(ביידע) : **מיר גייען.** (ביידע גייען צו צו דער ברונע. דער עולם גייט זיי נאָך. זיי פאַרבינדן זיך מיט די שטריק און לאָזן זיך אראָפּ איינער נאָך דעם אַנדערן אין דער ברונע אריין).

עולם

דער אייבערשטער וועט העלפן.

ערשטער ייד

באַרואיקט איך, ס׳וועט בעסער ווערן.

בעקער

(דער בעקער א יונגערמאַן קומט אַן און א פאַרמעליקטער פון קאָפּ ביז די פיס. ער טראָגט מיט זיך א גרויסן ציבער מיט מעל).

בעקער

נו ? וואָס-זשע הערטמען ? שוין דאָ וואַסער ? (שטעלט אַנידער דאָס מעל) איך דאַרף פאַרקנעטן די ראַשטשינע. דער טייך איז אויסגעטריקנט. איך האָב נישט צו באַצאָלן. ס׳לוינט נישט צו באַצאָלן פאַר דעם איבערברייינגען וואַסער פון אַנדערע שטעט און דערפער. זאָל איך טייערן דען דאָס ברויט ? (אַלע שווייגן פאַר א ווייל).

ערשטע יידענע

ווער הייסט איך דען טייערן דאָס ברויט.

בעקער

אַז כ׳קען דאָך נישט פאַרקנעטן די ראַשטשינע, כ׳האָב דאָך נישט קיין וואַסער ?

צווייטע יידענע

וואָס עפּעס, איז דאָס אָפּן אָרימאַנס קאָפּ. די גבירים לאָזן זיך ברייינגען וואַסער פון אַנדערע ערטער און דער אָרעמער ווערט פאַרטריקנט פאַר דאָרשט. (זי שלוקצעט). זעט, איך קום אום, איך וויל א טרונק. אוי, ווי, מיר.

ערשטער ייד

איר זעט, זיי זענען צוריק אַראָפּ, זיי גראָבן דאָרט. גאָט וועט העלפן. וואָס זאָלן טאָן מ׳דאַרף וואַרטן.

צווייטער ייד

א ברירה האָט מען, אודאי מוז מען וואַרטן.

קצב

(קומט אָן, טראָגט א זייטל פלייש אף דער אַקסל) : וואָס טוט מען מענטשן, וואו נעמט מען פרנסה ? קיינער קויפט נישט קיין פלייש. נישטאָ קיין וואַסער מיט וואָס אָפּצעגיסן, מיט וואָס כשר צו מאַכן. שטיי איך אין יאַטקע און וואַרט, זאָגט מיין וויב, וואָס-סע שטיין אין יאַטקע און וואַרטן ? נעם דאָס זייטל פלייש און גיי צו דער ברונע. עפּעס זאָגט מען דאָך אַז מ׳האָט פאַרט שוין געפונען וואַסער. בין איך געקומען אהער. (וואַרפט אַראָפּ דאָס פלייש אף דער ערד).

דריטער ייד

(צום קצב) : **צו וואָס לייגט איר דאָס פלייש דאָ אנידער. ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער, נישטאָ.**

קצב

גיי איך נישט אהיים, ווייל וואָס האָב איך צו טאָן אין דער היים אז ס׳איז נישטאָ א טראָפּן וואַסער ?

בעקער

איך גיי אויך נישט אוועק פון דאַנען.

אפּטייקער

(קומט אָן, אָן א היטל אפן קאָפּ. דייטש געקליידט. פּארווירט) : **וואָס קאָן מאָן מאַכן ? וואָס קאָן מאָן ? וואַשט מאָן זיך נישט. יידן האָבן זיך נישט גערן צו וואַשן ווען זיי קיין וואַסער האָבן נישט. וואָס אבער קאָן מאָן מאַכן מיט אַרטצענאַי ? ס׳איז א פּעסט אין שטאָט. מאָן דאַרף מעדיצינע, איך בין האַר אפּטייקער. מיט וואָס קאָן מאכן מעדיצינע, אז קיין וואַסער איז פאַרהאַנדן.** (ער שלעפּט אַרויס א פלעשעלע פון קעשענע). **קליינע קינדער שטאַרבן אונד אויס מאַנגל אין וואַסער איז קיינע מעדיצינע פאַרהאַנדן.** (מער מענטשן קומען אָן).

עולם

אלע וואַרטן מיר דאָ, אלע.

בעקער

איך מיט דער ראַשטשינע.

קצב

איך מיט דעם זייטל פלייש.

אפּטייקער

איך מיט דער אַרטצענאַי. (ס׳דערהערט זיך א יאָמערן פון א פרוי).

פרוי

(קומט אָן מיט א קינד אַפן האַנט, יאָמערט) : **מענטשן, העלפט מיר. האָט רחמנות, שיינקט אביסל וואַסער פאַר א מעדיצין. מיין קינד שטאַרבט. דאָ בלייב איך מיט מיין קינד. דאָ באַ דער ברונע. מען מוז געפינען אביסל וואַסער פאַר אַ רפואה פאַר מיין קראַנק קינד.** (פרוי זעצט זיך מיט דעם קינד אַף דער ערד, דאָס יאָמערן הערט נישט אויף. דער עולם איבערגעשראָקן קוקט אין דער ברונע אריין).

פערטער ייד

(רוקט אָן, די הענט האַלט ער וואויליונגעריש אַפן פלייצע) : **זעט, וואָס**

דאָ טוט זיך, שוין גאַנץ פּרי, אַלע דאָ. מע לאַכט זיך אויס פון ר׳ אייזיקלס וואָרט. ר׳ אייזיקלס וואָרט איז שוין קיין וואָרט נישט?

ערשטער ייד

ר׳ ייד, וואָס רעדט איר? אַ וואָרט איז דעמאָלט אַ וואָרט, אַז ס׳טרעפט אין פּינטל, אז סע בענטשט דאס וואָרט.

פערטער ייד

איר זאָגט, א וואָרט איז א וואָרט, אז סע בענטשט? און ר׳ אייזיקל האָט געבענטשט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און כדי צו בענטשן גאַנץ ישראל, האָט זיין וואָרט געמוזט שעלטן די ברונע אונדזער מקום. אָבער ר׳ אייזיקלס א וואָרט בלייבט א וואָרט, צי אזוי, צי אַנדערש.

ערשטע יידענע

צי אַזוי, צי אַנדערש? ס׳איז נאָך ווינציק בראָך אויסגעגאַנגען קומט ער נאָך. (פערטער ייד אָפּ).

קולות

נאָך ווינציק בראָך? קומט ער נאָך.

שייקע

(קומט אָן גייט גלייך צו דער ברונע).

עולם

וואָס זאָגט דער אַלטער שייקע?

שייקע

זאָגן? האָ? וואָס קאָן מען זאָגן? אַ וואָרט? איי מוז מען זיך היטן פאַרן וואָרט. א וואָרט. א וואָרט. (ס׳דערהערט זיך א שרייען פון דער ברונע ארויס. אלע ארומיקע לויפן צו).

קולות

(פון דער ברונע ארויס): נעמט אונדז ארויס. ציט די שטריק גיכער, גיכערט. ראַטעוועט.

(עטלעכע מאַנסבילן נעמען שלעפן די שטריק און ציען ארויס די ברונע־בויערער. אַלע רינגלען זיי ארום).

ברונע־בויערער

(ערשטער): אַז ס׳איז נישט צום איבערהאַלטן, מיר קענען נישט גראָבן. דער פּחד איז גרויס.

ברונע־בויערער

(צווייטער): איר זעט דאָך, אז דער איבערשטער וויל נישט אז מיר זאָלן גראָבן, טאָ פאַרוואָס־זשע האָט איר זיך איינגעשפּאַרט א שטאָט מענטשן אף יאָ?!

(א מחנה ווייבער קומען צוגיין מיט טעפּ און שיסלען אין די הענט).

ערשטע יידענע

מיר זענען געקומען אהער, מיר וועלן נישט אהיים צו אונדזערע הויז־ געזינד גיין ביז מיר וועלן האָבן מיט וואָס אָפּצוקאָכן א לעפל וואַרעמס.

ברונע־בויערער

סיידן דורך א נס...

צווייטע יידענע

זאָל ער זיך דערבאַרעמען, דער פּאָטער אין הימל, זאָל באַווייזן א נס.

דריטער ייד

דעם אייבערשטנס אויסגעוויילטע פאָלק, לעבטאָך אלעמאָל נאָר פון נסים. נו? הייליקער פאָטער. (הייבט אויף די הענט) **באַוויז א נס, הייליקער טאַטע.**

קולות

(פון אלע ארום) : **וואַסער ווילן מיר, ניסים ווילן מיר, מיר.**

(א וויסער צאַפּ מיט געבויגענע הערנער קומט אַנצעלויפן און יינגלעך יאָגן זיך נאָך אים).

קולות

אָ צאַפּ, א ציג. זי, ער וועט נאָך חלילה ארייַנפאַלן אין דער עפענונג פון דער ברונע. (טומל. אַלע ארום צעשפּרייטן זיך צו פאַרמיידן דעם ארייַנפאַלן פון צאַפּ אין ברונע אריין).

קולות

לאָזט נישט. פאַרטרייבט.

(דער צאַפּ ווערט פאַרווירט פון דעם יאָגעניש און לויפט גלייך איבער דער ברונע און פאַלט אריין, פאַרשווינדט.)

קולות

דער צאַפּ, דער צאַפּ איז ארייַנגעפאַלן. (אלע ווילן צולויפן צו דער ברונע).

יידענע

היט זיך, מענטשן. גייט נישט צו אַהין. איך האָב מורא מ׳זאָל צוגיין.

קולות

היט אייך מ׳זאָל נישט צוגיין...

ערשטער ייד

שאַט. באַרואיקט אייך, ס׳איז דוקא גאָר א גוטער סימן, יידן וועלן געהאָלפן ווערן. (ס׳ווערט שטיל), **ווייל פאַרשטייט איר דאָך, די ברונע איז טאַקע געוועזן פאַרשאָלטן. די ברונע האָט באַדאַרפט א קרבן פאַר**

אונדזערע זינד, האָט דער איבערשטער צוגעשיקט, דאָס איז דער „שיער המשתלח". פרייט אייך, מיר זיינען שוין אָפּגעקומען אונדזער זינד.

עולם

מיר זענען שוין אָפּגעקומען אונדזעדע זינד.

שייקע

גערעכט, אודאי אָפּגעקומען פון אונדזערע זינד.

אַפּטייקער

(שטופּט זיך): לאָזן וויר צוגיין און ארויפציען דעם זינדן־באָק, ווען די ברונע־בויערער קענען וויטער גראָבן. איך דאַרף וואַסער פאַר אַרצעניי.

ערשטער ייד

זאָל מען רופן דעם רבין אהער, זאָל דער רבי זען ווי מיר זענען גע־האָלפן געוואָרן.

קולות

דער רבי גייט, דער רבי קומט.

רב

(קומט אָן מיט א סך מענטשן).

עולם

רבי, זאָגט אונדז, איר ווייסט שוין פון דער ציג?

רב

איך ווייס שוין. דאָס יידישע פאָלק איז ריין און ווייס ווי דאָס אומשול־דיקע ציגעלע, דער צאַפּ נעבעך, וואָס האָט מכפּר געווען פאַר אונדזערע זינד. זייט רואיק יידן, מיר זענען געהאָלפן געוואָרן.

עולם

זייט רואיק יידן.

שיע

(קומט אָן, שרייט מיט): מיר זענען געהאָלפן געוואָרן.

עולם

דערנענטערט זיך צו דער ברונע. (אַלע גייען נענטער צו דער ברונע און זינגען א ניגון).

ברונע־בויערער

(ביידע): מיר וועלן גראָבן. די ווייסע ציג האָט אָפּגעווישט אונדזער מורא.

זעקסטע געשעעניש

א טאָג שפּעטער באַ מאַרטשען אין װערק־שטוב.

פּאַרשױנען:

מאַרטשע שנײדער
יאָסעלע קלעזמער
צביה
טשאַרנע — (אַרבעט און רעדט גאָרנישט)
משהלע
קונדע
מײדל — (דער קונדעס טאָכטער).
משוגענער שיע

מאַרטשע

(שטײט באַם צושנײד טיש): **ס׳גאַנצע שטעטל א משוגענס, אַלע פון אָנהױב ביז ענד. שיע? שיע איז דאָך אַן אַלטער משוגענער. ס׳װאָלט זײ געאַרט שיע װעט אײנזיצן א מינוט?**

יאָסעלע

אײער לערן יונג, ר׳ מאַרטשע. זעט, װעמען איר, אײער פּלעקעװאַנע? (צו משהלען) **ביסט א װאַױל שנײדערל, דו. האָסט אים גוט אונטער־געצונדן און ער ברענט שױן דאָרטן דער משוגענער.**

צביה

שױן אַן עק, ס׳איז דאָך אױך א רחמנות, פאַרװאָס קומט אים אָפּצונאַרן אומזיסט און אומנישט, יענער זאָל לױפן פּלוצים צו דער ברונע?

יאָסעלע

פאַרװאָס טאַקע אים אָפּנאַרן? (שמײכלט).

משהלע

יאָסעלע קלעזמער־יונג, װאָס דרײסטו מיט דער צונג װי א סענקעלע שיכור, אַלײן האַלטסטו אין אײן רײצן אף שיען און איצט ביסטו פּלוצים געװאָרן אַזאַ װצדקתך.

מאַרטשע

(צו משהלען): **נו, נו, דו קראַפּניק. דו װעסט מיר פאַרטיק מאַכן די**

אַרבעט? איין מינוט, קוים כ׳האָב אים דערלעבט צו זען, ביסטו גע־גאַנגען, מיט דיינע הענט און אים אַרויסגעטריבן פון שטוב. אַז דוסט מיר שיין ריידן? טלום איך דיך אַרויס, אים סאַמע היינט — איז אויס מיט די דריי יאָר און אויס מיטן לערן בריוו.

משהלע

וואָסי, וואָס וואַרפט איר? וואָס מ׳האָט מיר געזאָגט, האָב איך געזאָגט. כ׳האָב געמיינט, ווי אַלע, אַז ס׳איז טאַקע אמת. ס׳איז דאָ וואַסער, אַז מענטשן טרינקען שוין אַפילו. כ׳גיי אַזוי מיט די עפּעלעך אין דער האַנט, זע איך: חיים שמואל דעם גאַבעלעס, און עלקע דעם רעבן ר׳ אַבעלעס, פרעג איך, וואָס לויפסטו? ענטפערט ער, די גאַנצע שטאָט לויפט. פרעג איך ווידער: פאַרוואָס לויפסטו? ענטפער ער: ס׳גיסט זיך טייכן וואַסער פון דעם רבס ברונע. ווייס איך אַז בא דעם משוגענעם וועט ווערן אַ שמחה — דערפאַר בין איך דעמאָלט געלאָפן אַהער, פאַרסאַפּעט אַזוי.

צביה

אַלעמאָל לויפסטו נאָר דעמאָלט ווען מען דאַרף נישט.

יאָסעלע

איר, צביה, וואָס דאַרפט איר זיך אַריינמישן? ס׳איז אייער באָבעס דאגה. ער?

צביה

קלעזמערל, הער נאָר: וואָס ביסטו עפּעס אַזוי אַריינגעפאַלן אין אַ גרימצאָרן? ס׳איז דאָך אַפילו אַף אַ הונט אויך אַ רחמנות.

מאַרטשע

אודאי אַ רחמנות, נעמען זיי און טוען אים אָפּ אַזעלכע סטוטשקעס. נישט גענוג, ער איז נאָך ווייניק משוגע?

יאָסעלע

און איך וועל אייך נאָר באַווייזן, ווי נאַריש איר זאָלט מיר אַלע מוחל זיין, ווי נאַריש איינס אין איינס איר זענט. שיען דעם משוגענעם וועלן העלפן רייד? און אפשר וועט ער זיך גאָר איבערקלערן און אָנקומען צוריק אַרבעטן?

מאַרטשע

ס׳איז דען נאָר די אַרבעט? ס׳איז דאָך אויסגעגאַנגען אַ גרויס אומ־גליק! האָט מען מיך געשלעפּט צום רבֿ, און ניט נאָר מיך, יאָסעלען, גיי און לייג אַוועק די גאַנצע אַרבעט צוליב אָט דעם משוגענעם. און

די שטאָט איז איבערגעשראָקן ; מענטשן ווילן וויסן ווער ער איז, ווער ווייס, וואָס וועט נאָך ווערן ?

יאָסעלע

וואָס אַרט אייך וואָס מענטשן ווילן וויסן ?

צביה

וואָס ווילן מענטשן וויסן ?

יאָסעלע

איי, וואָס מישט איר זיך אריין ? גאָרנישט. (צו מארטשען) : אייערע קונדן וועלן באַלד מורא האָבן אהער די שוועל צו באַטרעטן אויב מ׳וועט נישט זען באַצייטנס אָפּצושטעלן די אַלע נאַרישע ריידערייען וועגן שיען, אז ער איז עס, ער.

מארטשע

נו, רייד־זשע דו אַליין אויך נישט, אָן עק. אָבער ווער וועט מיר פּאַרטיק מאכן די ארבעט, וואָס איך זאָרג זיך איצטער ? אפּסניי אוועק א טאָג און מע זעט אים, שיען, שוין ווידער נישט אין די אויגן. (יאָסעלע שלעפּט אפיר פון באהעלטעניש א פלעשעלע וואָסער).

יאָסעלע

הורא, א טרונק וואָסער, אמתע וואסער בנאמנות, מ׳האָט געבראכט אָזש פון לעמבעריק. (ווייזט דאָס פלעשל). נאָר איר רעדט, נאָר איר האָלט זיך אין איין ארומקריגן.

משהלע

אוי גוט, גיב מיר אביסל וואָסער, גיב.

יאָסעלע

הורא, אויפגעשפּילט, יעדער וועט קריגן. (משהלע לויפט און ברענגט צו א טעפּל).

יאָסעלע

איר, דער מייסטער, ר׳ מארטשע וועט זיין דער ערשטער צו טרינקען. (יאָסעלע גיסט אָן מאַרטשען פון דער פלאָש אין א קוואָרט אריין).

מארטשע

(אין האַנט דאָס וואָסער) : אין אַזאַ שעה, זאָל טאַקע אמת זיין וואָס מע זאָגט : שוין זיבן טעג זינט מען האָט זיך געשטעלט גראָבן, איבער־גראָבן די אלטע ברונע. דער רב אליין הייסט ; דער רבי אליין, ר׳ אייזיקלס אוראייניקל צאָלט געלט צו די ברונע־בויערער.

יאָסעלע

מ׳זאָגט, מ׳האלט שוין טאקע זייער נאָנט. מ׳האָט שוין נעכטן געזען

שטאַרקע סימנים פון א סך, א סך וואַסער, טאַקע דעמאָלט ווען שיע איז געלאָפן, נאָך אײדער מיר זײנען גערופן געוואָרן צום בית־דין.

צביה

איז שיע דאָך טאַקע גערעכט, שיע.

יאָסעלע

צביה, אזא גרויס שטיק גאָלד אף מיר מיט דיר ווי שיע דער משוגענער איז גערעכט. ער שטייט דאָך שוין דאַרטן טעג און נעכט, דער משו־גענער בא דער ברונע און היט. ער וועט באַווייזן ס'וועט זײן וואַסער, ער, שיע!

משהלע

שפּיל נאָר נישט קיין שטיקעלעך, יאָסעלע קלעזמער, מאַך דיך נישט פאַרגעסנדיק; גיב מיר א טרונק וואַסער אויבעט.

יאָסעלע

נאַ, טרינק זונק און פאַרמאַך דײן קלײנעם פּיסק.

משהלע

אין אַזאַ מינוט אַז שיע זאָל טאַקע אויספירן וואָס ער וויל.

יאָסעלע

(האַקט אים איבער): א מכה, וואָס ער וויל.

משהלע

ער שטייט און היט, ער וויל העלפן א גאַנצע שטאָט. ער, שיע דער משוגענער.

יאָסעלע

אַהאַ, דו מײנסט וואַסער? זאָל שיע טאַקע אויספירן, דאָס פאַרגין איך אים מיטן גאַנצן האַרצן.

צביה

מיר דאַכט אַז ער קומט, ער גייט. (ס'דערהערט זיך טריט אין פאָרהויז. צביה, משה און יאָסעלע נעמען זינגען. א קונדע, א פרוי מיט א מיידל, די פרוי א פּופּציק יעריקע און דאָס מיידל, א זעכצן יעריקע, קומען אריין).

קונדע

זעט, ר' מאַרטשע, שניידער (זי ווייזט אף איר קלייד). אײער ארבעט? א נאָט האָט זיך צונומען אינגאַנצן, נאָך אפילו נישט קיין יאָר, האָב איך אײך געבראַכט צום פאַריכטן.

מאַרטשע

דאָס אינגאַנצן? אַזוי גאָר? כ'מיין, כ'האָב געזען בא אײך אין הויז

אַ מאַשין, נעמט מען אפשר אליין, אַ באַלעבאָסטע און מ׳שטעפּט אליין צו דאָס שטיקל נעטעלע.

מיידל

מיר האָבן אַ מאַשין, אָבער נישט חלילה פון יענעמס וועגן.

קונדע

נישט חלילה פאַר פּרנסה וועגן, אַזוי פאַר אַ מעבל, פאַר אַ צירונג אין שטוב, נישט חלילה פאַר פּרנסה וועגן.

מאַרטשע

גיין צום שניידער אַף קבר אבות? ברײנגען צוריק די אַרבעט אין אַ יאָר אַרום אומזיסט צו פאַריכטן?

קונדע

אייער אַרבעט, שניידער, איר האָט דאָך גאָלדענע הענט. איר רעדט און איך האָב גאָר אַ גוטע בשורה פאַר אייך; איך וויל באַדינגען זיך פאַר אַ קליידל פאַר מיין מוזינקעס וועגן. אין אַ וואָך אַרום וועל איך קומען.

מאַרטשע

ווער איך גליקלעך, מיינט איר, רייך ווערן?

קונדע

בא איך שניידער איז קיינמאָל נישט אָנגעלייגט.

מאַרטשע

ס׳איז יאָ אָנגעלייגט, ווייס איך וואָס? איר האָט מסתמא געוואָלט די מאָדע־ביכער אזש פון פּאַריז, פון האָצעפּלאָץ?

קונדע

אָבי נעמט נישט קיין סך געלט, מאַכט וואָלוול. (בייגט זיך צו און רוימט אים אריין אַ סוד און ווייזט אַף דער מיידלס בריסטלעך). דאָ, פון פאָרנט, איר ווייסט דאָך שוין — מאַכט אַזאַ קישעלע אונטערצולייגן.

מאַרטשע

מיך דאַרפן נישט לערנען קיין שכל!

קונדע

איז גוט, גייען מיר. (ביידע אָפּ).

מאַרטשע

מיין קלעזמער, יאָסעלע, זעסט ווי מען שפּילט די ראָלן? נאָך איידער די מאַמע איז געבאָרן, איז דאָס קינד שוין אָפּן דאָך. זי האָט נאָך נישט קיין סחורה אפילו אין האַנט קומט זי און האַקט מיר אָן אַ פולן ספּאָדיק. אפשר וועט מען קענען פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט אין מויל אריין. זעסט יאָסעלע.

יאָסעלע

פאַר דאָס זענט איר דאָך עפּעס א באַלעבאָס! (זינגט אויף).
דעם מייסטערס לעבן איז זייער א גוט לעבן,
ער לעבט זיך אזוי ווי א גראַף,
ער עסט דעם בעסטן מיטאָג (טייגלעך און פאסאָליעס)
און טרינקט דעם בעסטן ווין;
אַלץ פאַר דעם ארבעטערס קראַפט.

דעם ארבעטערס לעבן איז זייער א טרויעריק לעבן,
ער פּלאָגט זיך באַטאָג און באַנאַכט.
ער האָט זיך נישט קיין כוח
די קריזשעס אויסצוגלייכן
און דער הוסט מוטשעט אים באַנאַכט.

מארטשע

(טוט זיך אָן דעם קאַפּעליוש, דעם איבערציער, פאַרפּאַקט א קלייד אין א ווייסן ליילעך): נו, מען דאַרף גיין אָנמעסטן צו דער פּאַניע בעל־פּעראָוונאַ. יידן זיינען אין גלות, וואו דען נישט אין גלות?

יאָסעלע

די מייסטערס זיינען אויך אין גלות? די ארבעטער, די געזעלן זיינען אין גלות!

מארטשע

אודאי אין גלות, וואו דען נישט אין גלות? דאַרף איך פאַרטיק מאכן אַ שטיקל ארבעט, איז געקומען דער משוגענער. האָט איר אים פאַר־דרייט נאָך מער, דעם צודרייטן. אָהאָ, אויסגעוועון די צייט. וואָסי, נישט אין גלות?

משהלע

אז שיע וויל נישט פאַרטיק מאכן? קאָן טאקע קיינער נישט פאַרטיק מאַכן?

יאָסעלע

אויב מיר וועלן זאָגן איין נייז, בלישטשעט מער ניט דאָס נעדעלע, ווערט גאַרנישט פאַרטיק. (מאַרטשע פאַרעט באַם צוזאַמענלייגן).

משהלע

אַזאַ טייערע זאַך איז א שניידער יונג? אָ, זאָגט צביה: נאַר איין שאָקל מיטן קאָפּ — קען זי קריגן א שניידער־יונג.

יאָסעלע

וואָס דען?

משהלע

זי וויל נישט זאָגן דעם — יאָ.

מארטשע

משהלע, געגוג שוין, קום, נעם דאָס פעקל און מירן גיין. (משהלע נעמט דאָס ווייסע ליילעך און זיי לאָזן זיך צו דער טיר).

מארטשע

(צו יאָסעלען): טאָמער קומט ער, דער משוגענער, הייס אים אָנידער־זעצן, זאָל ער שוין פאַרטיק מאַכן, אַן עק א סוף. (ביידע אָפּ).

יאָסעלע

מיט אַלץ דרייט ער מיר א שלייער. אַלץ דאַרף איך פאַרזאָרגן. אפילו דעם משוגענעם אויכעט.

צביה

ס'איז נישט, ס'וואָלט נישט געווען אזא עולה, אפילו ווען יאָ.

יאָסעלע

לאָמיר בעסער רעדן פון לעבעדיקערע זאַכן: זאָג מיר, מיין גראפינע, ווי משהלע זאָגט, איר דארפט נאָר געבן איין שאָקל, איין זאָג יאָ. צא־צא־צא? שוועסטער לעבן, שניידער יונגען קויפט מען אויך נישט צוויי פאר א גראצער!

צביה

זאָג נאָר, יאָסעלע קלעזמער, וואָס ווילסטו? יאָ, יאָ; אף אלע מארק־טעג פאָר אַ גראַצער א טוץ קען מען קויפן.

יאָסעלע

מיינסט מסתמא אזוינע שניידער־יונגען ווי דעם משוגענעם שיען?

צביה

וואָס איז אזוינס שיע? שיע איז נישט ערגער פון דיר. צווישן אייך ביידע — וואָלט איך אָלעמאָל אויסגעקליבן — גיכער שיען. און ווי געפעלט דיר?

יאָסעלע

מיר געפעלט דאָס זייער גוט. אָבער דו דאַרפסט דאָך אים דעם משוגע־נעם אויך פרעגן. זעסט דאָך ווי שיין ער נעמט דיך אויף ווען ער זעט דיך. דאָס איז איין די אויגן ארייז, און איצט, פארשטייסטו שוין, וואָס פאָר אַ חוזק ער מאַכט, וואָס פאַר אַ פיגליס ער מאַכט פון דיר אונטער די אויגן!

צביה

(רויטלט זיך) : אַנישט גיי איך דען חתונה האָבן מיט אים מיט דעם צודרייטן ? נאָר סע קומט צו רייד, זאָג איך ; דו ביסט נאָך טישענצע מאָל ערגער פון אים.

יאָסעלע

און איך זאָג דיר, באַלעבאַטישע טאָכטער, נישט נאָר איך, נאָר שיע, אָט דער אַנשיקעניש, שיע וואָלט אָף אַזאַ שטיק באַלעבאַטיש פליישׁ ווי דו געשפּיגן אַ קלעק ווי געפאַלן ער זאָל נישט זיין באַ זיך.

צביה

אוי וויי, זאָל מיר נאָר אָף יענער וועלט נישט אַנטקעגנקומען. דער קוגל זאָל מיר נישט זויער ווערן אין טשאָלנט — ווי אַזוי שניידער־יונגען טראַכטן וועגן מיר.

יאָסעלע

און דאָך מוזטו זיצן באַ איין טיש מיט זיי, מיט די שניידער־יונגען.

צביה

ווען מיין טאַטע זאָל געוווען לעבן, וואָלט איך נישט געזעסן. דאָס — און ווען דו פּענקעסט, יאָסעלע, און ווען דו שפּרינגסט אויף, און ווען סע טראַסקעט באַ דיר די גאַל, קלעזמערל.

יאָסעלע

ווער דאַרף אייך אַלע באַלעבאַטישע טעכטער ! יעדער, האָב איך שוין לאַנג געטראַכט, יעדער דאַרף זיך זוכן זיין גלייכן.

צביה

אודאי, יעדער צו די זייניקע.

יאָסעלע

באַלמעלאָכישע קינדער צו באַלמעלאָכישע קינדער.

צביה

באַלעבאַטישע קינדער, צום באַלעבאַטישן שטאַם.

מאַרטשע

(עפנט פלוצים די טיר) : כ׳האָב מיך געמוזט אומישנע אומקערן, כ׳האָב פאַרגעסן ס׳צאָלבענדל. (ער זוכט אין טיש שופלאָד). דאַכט זיך, אַז איר האָט גאָרניט אין זין די אַרבעט ? טאָג און נאַכט האַלטן זיי זיך אין איין קריגן און ווערטלען. אַ שיין שניידעריי ?

(יאָסעלע און צביה נייען געשמאַק). דער משוגענער איז נישטאָ טאַקע, נאָך ?

יאָסעלע

וואָס שרייט איר? איר זעט דאָך אליין אז ער איז נישטאָ.

מארטשע

בנאמנות, ס׳גאַנצע שטעטל באַ אונדז איז א משוגענס. אַלע פון אָנהויב ביז ענד. די שניידער־יונגעץ זיינען משוגע. די קונדן זיינען פאַריקט, מ׳דאַרף זיי אוועקשיקן ערגעץ. די ערד באַ אונדז איז אויך משוגע, אפילו די ערד אויך משוגע. וואַסער, ברונע, טריקעניש — א קאָמע־דיע, בנאמנות!

יאָסעלע

וואָס הערט זיך אין מאַרק? מ׳זאָגט ר׳ מארטשע, איז אמת אז ס׳איז געפונען געוואָרן וואַסער? צי ס׳איז א ריינע קאָמעדיע באַ אונדז, א טשיסטע קאָמעדיע?

שיע

(קומט אריין ווילד).

מארטשע

נו, שוין ווידער דאָ? ס׳קאָצל קומט, משוגענער!

שיע

און אז איך בין משוגע, ועמען גייט דאָס אָן? ווער פון אייך איז קלאָר? (יאָסעלע שמייכלט).

שיע

כ׳נעם א בענקל, שפּאַלט איך, פּלעט איך אלעמען דעם קאָפּ. משוגע? משוגע? משוגע זאָלט איר טאַנצן אין די פּיארן!

יאָסעלע

שיע, ווער איז קלאָר? דו ביזט קלאָר.

שיע

און טוט מיר וואָס איר ווילט. כ׳האָב, כ׳פרעג נישט נאָך אייך, און נאָך טויזנטער אזוינע ווי איר. די ברונע איז אליין און אוי, גיסט זיך דאַרטן וואַסער! (שיע גיט א טראַסק מיט דער טיר. אָפּ).

יאָסעלע

אָן אמתער משוגענער! (צביה רעדט קיין וואָרט נישט, ארבעט).

מארטשע

(הייבט אויףביידע הענט): גיי, גאָטעניו, ארבעט דו מיט משוגענע און מאַך פּאַרטיק ארבעט.

יאָסעלע

(לאָזט זיך לויפנדיק צו דער טיר).

זיבעטע געשעעניש

אַ מינוט שפעטער. אין פאַרהויז פון מאַרטשעס שטוב. שיע האָט נאָר וואָס פאַרמאַכט די טיר, שטייט אָנגעבויגן באַ דער וואַנט. יאָסעלע פראַלט אויף די טיר, האַסטיק אָנגעלאָפן. דערזעט שיען, בלייבט שטיין.

פאַרשוינען:
משוגענער שיע
יאָסעלע קלעזמער

שיע

(צו יאָסעלען): **איצט זיינען מיר אליין, אליין מיט די פיר ווענט.**

יאָסעלע

איז וואָס, אז די פיר ווענט?

שיע

ס'איז נישט נאָר די פיר ווענט, ס'איז אויך דאָס וואָרט, א וואָרט קאָן אפילו ברעכן ווענט און מויערן איינלייגן.

יאָסעלע

ברעכן ווענט און מויערן איינלייגן? איך געדענק גוט. מיין נישט אז איך פאַרגעס, אז איך בין א פאַרגעסנדיקער; דיין וואָרט — שיע! דאָס וואָרט וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

שיע

שיע האָט ניט קיין חרטה. איך האָב געזאָגט איינמאָל דאָס וואָרט, געבראכט איבער מיינע ליפן. געזאָגט האָב איך דעמאָלט מיט די־דאָזיקע ווערטער מיינע: אַז אויב די שטאָט-מענטשן וועלן געהאָלפן ווערן וועל איך האַלטן דאָס וואָרט מיינס, און צביה וועט זיין דיינס. (פויזע). **איז מיר נישט אזוי לייכט, גרינג. איצטער, מיין איך, וואָלט איך אפשר ניט גערעדט אזוינע רייד, אזוי גרינג. פאַרשטייסט יאָסעלע? סע האלט שוין דערביי, מ'האָט שוין כמעט געפונען וואסער, ריין וואָסער אין דער ברונע.** (פויזע). **ווען דו ווילסט אזוי גוט זיין און מיך איצטער פארשטיין? דו זאָלסט פארשטיין וואָס איך מיין! דאָס וואָרט, מיין וואָרט — אפשר? איך זאָג נאָר, אפשר? בויטן וועל איך דיך נישט. זיי מיר מוחל! אפשר!**

יאָסעלע

(אין גרימצאָרן) : **ניין און טויזנט מאָל ניין. איינמאָל געזאָגט און ס'איז פּאַרפאַלן, פאַרפאַלן אַף אייביק. מיין נישט אז איך בין אזוי ווי אימע־צער אנדערש. בא מיר א וואָרט איז אַ וואָרט. ס'איז א גאָט אף דער וועלט, ער הערט יעדנס ווערטער, ער האָט אויך געהערט דיין וואָרט.**

שיע

אַז גאָט הערט יעדעס וואָרט ? האָט ער דאָך געהערט מיין וואָרט אויך. וועל איך האַלטן, יאָסעלע קלעזמער ; ברעך איך נישט מיין וואָרט. **שיעס וואָרט.** (שיע לאָזט זיך גיך לויפנדיק, יאָסעלע נאָך אים.)

אַכטע געשעעניש

דריי שעה שפעטער באַ דער ברונע. נאָך האלבן טאָג. געלע, מאַטע שטראַלן מער און מער שאַטנדיק.

זארשוינען:

עולם—(כמעט דאָס גאנצע שטעטל מענטשן. דאָס יונגוואַרג גייען אַלע באָרוועס).
קאטארינשטשיק
יינגל—(א בייגל פאַרקויפער)
ערשטער ייד
צווייטער ייד
ערשטע יידענע
צווייטע יידענע
דריטע יידענע
רב (אין שבתדיקע קליידער)
משוגענער שיע
הויכער פרעמדער ייד
שייקע מושעביטש
ברייטער ייד — (אַ פעטער און א בלייכערער).
יאנקל קצב
יינגעלע
מיידעלע
מיקעטא דאַוואי—(א באַד־גוי קרומט אף א פוס)
גלח
קריסטלעכער המון

יינגל

(באָרוועס, צעריסן די קליידער, א קוישל בייגל אָנגעהאָנגען אַפן האַלדז. גייט און שרייט זינגענדיק): **אייער־בייגל, אייער־פלעצלעך. אייער, אייער, אייער־פלעצלעך. פריש געבעקס, פאַר זעקס.** (אַ קאַטערינשטשיק האָט נאָר וואָס אויפגעהערט צו שפילן, לאָזט זיך גיין מיט דער קאַטע־

רינקע אף דער פּלייצע, געפּירט פון א יידענע. יונג און אַלט דרייען זיך ארום און קוקן אריין אין דער ברונע. אלע האַלטן קאַווע־טעפּלעך אין די הענט).

עולם

מאַכט פּלאַץ, מאכט, דער רב, ער אליין, זאָל לעבן, גייט, קומט אהער.

ערשטע יידענע

ווער וועט זיין דער ערשטער צו האָבן די זכיה דעם רבין אָנצוגיסן אין שעלכל אריין?

ערשטער ייד

פון וועמעס האַנט דער רבי וועט דער ערשטער די ברכה מאכן!

(א געדרענג, קולות).

עולם

דער רבי גייט, שוין דער רבי. (דערהערט זיך א חסידישער ניגון, אויסגעמישט מיט מוזיק שפּילן פון גאָר נאָנט, א שטאַרק קלאַפּן פון א פּויק. מענטשן קומען אָן. א געטאַנצעריי און זינגען פון די חסידים).

עולם

דער רבי גייט, דער רבי. (ס׳הערט זיך שוין נאָר איין פידל שפּילן. געזאַנג און א קלאַפּ פון א פויק אמאָל, דאָס געדרענג ווערט אביסעלע שטאַרקער ארום דעם רבין).

עולם

שטיל זאָל זיין, שטיל.

א ברייטער ייד

(שטופּט זיך צו דער ברונע): **זיך דאָ אָנגעלאָפן. זע נאָר, א בייזע האוועדיע, א בהלה. אז א באַלעבאָס וויל דורכגיין איז קיין וועג נישטאָ, ס׳איז דאָ א הקדש פּאר, פּאר, —**

עולם

שטיל זאָל זיין, שטיל. (ס׳ווערט שטיל).

רב

(באַ דער ברונע, מיט א טעפּל וואַסער אין האנט): **ברוך אתה ד׳ אלוהינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו. ברוך אתה ד׳ אלוהינו מלך העולם שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה.** (איינער דעם אַנדערן גיט איבער דעם רבינס טעפּל וואסער, יעדער כאַפּט א שלונג און מאכט א שהחינו. א שטיל פרייד געזאנג. דער רב און א טייל חסידים גייען פּאַוואָליע אוועק).

שיע

(שטייט אריבערגעבויגן איבער דער ברונע און ציט ארויף וואַסער).

עולם

א יונג, א בר־מזל, פון זיין האַנט, פון שיעס האַנט!

שיע

(לוסטיק): **כ׳האָב איך געוויזן ווער ס׳איז בילכער.**

ערשטע יידענע

ער האָט זיך שוין געקויפט דאָס אייביקע לעבן, כ׳לעבן. ווי א בר־מזל, נישט געזאָגט נאָר טאַקע!

ערשטער ייד

אודאי האָט ער אַזאַ זכיה.

יאנקל קצב

פאר ווייב און קינד, פאר שאָף און רינד, א האלב קעלבל פארן רבינס וועגן און א געטרייבערט זודיקל פאַר א סעודה, פאַר די געמיינע לייטס וועגן; אַף דעם קאַנט, גיב איך, עך יאנקל קצב, פאר דער ברונעס וועגן.

שיע

(ציט ארויף וואסער פון דער ברונע): **יעדער ווער סע וויל קען עס טרינקען, שיכורט אייך אָן.** (ער גיסט יעדן אָן וואַסער).

ערשטע יידענע

(טרינקט): **סי דאָך טעם גן־עדן, ס׳איז דאָך מלא טעם.**

צווייטע יידענע

ווער זאָל זיך ריכטן (טרינקט), **אז ס׳איז דאָ גאָר אַזאַ גוט וואַסער און נישט יאָרן האָט מען געטרונקען טייך־וואַסער, בויך־ווייטיק געהאט.**

ערשטע יידענע

מגפות האָט דאָס געבראכט, און היינט, מענטשן, איר זעט גאָר נישט ווי מ׳איז אויפגעריכט געוואָרן. אזוי אין א שיינעם מיטן טאָג. (טרינקט) **איי, סי גוט, סי גוט.**

שיע

(ציט וואסער, שרייט מעלאנכאָליש זינגענדיק): **ווער? ווער וויל? ס׳איז וואָלוול, אומזיסט וואסער. ביליקער פון מצה־וואַסער.** (ער גיסט פון דער וויאדרע אלעמאָל אָן אנדערן אין שעלכל אריין).

דריטע יידענע

ס׳איז ווי וויין, ס׳איז דאָך גאָר קיין וואסער נישט. (וואקלדיק זיך

שיכורלעך) ס׳איז דאָך בראָנפן, בנאמנות ווי ס׳איז בראנפן. דער רבי זאָל לעבן האָט דאָך א ברכה געמאכט.

הויכער פרעמדער ייד

(דרייט זיך ארום אן אָנגעכמורעטער, מרוקעט): וואָס איז דאָס פאר אן אָנשיקעניש? פאר א משוגענע פרייד? פלייש, פיש? פארשטיי איך. א שייטל האָלץ פארן ווינטער. אָבער וואָס איז דאָס פאר א פריידז וואָסער? וואָסער?

דריטע יידענע

אז איינס האָט ליב צו ריידן, מעג דאָס זיין אפילו שטום, רעדטאָס. דאָס טייך־וואָסער מיטן ריח, כ׳זאָל ניט האָבן געזינדיקט מיט די רייד, אנטקעגן דעם וואָס אייביק לעבט. א קאלטער שלונג זומער אין די היצן, ס׳איז דאָך א מחיה, א מחיה!

הויכער פרעמדער ייד

א מחיה? א מחיה? טייך־וואָסער איז שלעכט? אלץ מוז דען זיין, פאַסן צום רומל? פלייש? פיש? פארשטיי איך. אָבער נישט וואסער, וואָסער. טייך־וואָסער איז נישט כשר

דריטע יידענע

דער פיסק זאָל אים נאָר פון הינטן שטיין, נישט גוטער. דער טייך איז פאר געפעס צו וואַשן, פאר ווינדעלעך צו שווענקען.

הויכער פרעמדער ייד

און אז מען וואשט, מע שווענקט אמאָל א פאַר ווינדעלעך? איז עס דאָך א גייענדיק וואסער. ס׳גייט אוועק. וואָס? ס׳איז נישט כשר? וואו איז דאָ אַזאַ דין? (פאַרשווינדט צווישן עולם).

שייקע

(קומט פון צווישן עולם מיט א טעפעלע אין האנט. צו שיען): זון מיינער, וואָס זאָגסטו איצט, זון מיינער? איז שוין אמת די מעשה וואָס כ׳האָב דיר דערציילט? ס׳איז געווען א לייטיש שניידערל, יענער יצחק אייזיק יהודה יחיאל ז״ל. יענער נישט ווי די היינטיקע? דאָס איז געווען אן אמתער שניידער. היי, היי, פון די נישט געפאַל־שעוועטע.

שיע

פארשטעלטע פנימער, מיינט איר? (ס׳דערהערט זיך יאָסעלעס, צביהס און משהלעס קול אָנקומען און אלע דריי קומען אָן).

יאָסעלע

ר׳ מארטשע איז נישט געקומען אהער. א גאנצע שטאָט יאָ. ער, א מייסטער, ארבעט טאָג און נאכט ווי א פערד.

צביה

יאָסעלע, אָבער זי טשארנע איז דאָ אויך נישטאָ? (טעפעלעך אין די הענט), ווען דער בודאַפּעסטער רייזנדער זאָל דאָ געווען זיין, וואָלט זי דאָ אויך געווען נישט אויסגעפּעלט, וואָלט זי שוין געקומען.

יאָסעלע

לאָמיך זען, לערן זיך אָפּ פון איר, זעסט ווי מ׳האָט, ווי מ׳איז פאַר־שנאַנשקעט איבערן האלז, איבער די אויערן מיט ליבע? ווען דער־לעב איך שוין באַ דיר צו זען אזא ב־ח־ת?

צביה

נישט אינגיכן, פאָוואָליע יאָסעלע קלעזמער. (זינגט).
דאָס מיידל האָט זיך געאיילט,
אָבער דאָס געפאָר איז נישט גרויס.
מיידעלע, פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס.

יאָסעלע

נישט אומזיסט, אלע האָבן דיך פיינט. שיע איז גערעכט. וועסט בלייבן א מויד ביזן גרויען צאָפּ אריין. (ביידע דערנענטערן זיך צו דער ברונע).

צביה

יאָסעלע, זע נאָר ווער סי דאָ. איך האָב געוואוסט, ער וועט דאָ באַלד אויסוואקסן. אָן שיען, טוט זיך גאָרנישט. צו שיען) אנו, שיע, גיב נאָר א שלונג ס׳הארץ, די ליפּן צו באַנעצן.

שיע

צביה, אייערע ליפּן זיינען די שענסטע אפילו איר באנעצט זיי נישט.

צביה

הערסט יאָסעלע וואָס שיע זאָגט? און דיר פאלט גאָר איין, אז שיע קען מיך גאָר פיינט האָבן?

שיע

(גיך) : פאַרליבט? א ליבע שפּילן — שפּיל איך זיכער נישט מיט אייך!

צביה

(אין שפּאַס) : אזוי? כ׳האָב גאָרנישט געוואוסט, אבי איך האָב גע־מיינט אז, אז יאָ?

יאָסעלע

אין אַזאַ באַלעבאַטישער טאָכטער, וואָס טראָגט זיך נאָך דעם יחוס, און אַליין, אַליין האָסטו דאָך א מויל וואָס איז נישט דאַכט זיך, נישט פון אזא טאטן וואָס דו האָסט געהאַט. (ווייזט) אָט זעסט די יינגעלעך, דאָ מיט די לעקעלעך, דאָ מיט די בעקעשלעך?

יינגעלע

(אַן אַכט־יאָריק יינגל קריגט זיך מיט א מיידעלע אין זיינע יאָרן, וועלכע שטופּט זיך צווישן די מאַנסבילן בא דער ברונע): **חמור־אייזל, חמור־אייזל, פּוטער־קרייזל.**

מיידעלע

משהלע, משהלע, האָיע, שלאָפט מיט דער אַלטער גויה.

יאָסעלע

זיי, די קינדערלעך, זיינען דיינס גלייכן.

צביה

שוין ווידער צורעדט? איך בין טאַקע נאָך נישט אזוי געפאַלן צו נעמען א שניידער־יונג, זע נאַר, זע.

שיע

ווער האָט זיך צורעדט, דאָ צורעדט? איבעריגנס, נעמט וואַסער און טרינקט, גיט א שלונג.

פערטער ייד

(קומט, רעדט שטיל אין דער זייט, ווייזט צום עולם): **ס'איז דאָך ער, שיע, אַף וועמען מען האָט געזאָגט סע קען דאָך אַן אומגליק געשען. וואָס לאָזט איר אים?** (יאָסעלע נעמט וואַסער, פאַרגיסט צביהן דאָס פּנים).

צביה

א שלאַק זאָל אייך טרעפן, קלעזמער־יונג, וואָס גיסט איר וואַסער?

משהלע

(געשטאַנען פריער פאַרטראַכט): **און מיר, ברודער שיע, וועסט געבן נאָך א טרונק? נו, שיע, האָב איך דיך אָפּגענאַרט?**

שיע

ניין, משהלע איז נישט קיין אָפּנאַרער. (משהלע נעמט וואַסער, גייט אוועק, אָפּ).

שייקע

(קוקט מיט אַריבערגעבויגענעם קאָפּ אין דער ברונע אַריין): **זעט, ווי**

סע קווועלט. זע, שיע, ווי סע בולקעט זיך, סע בלעזלט זיך. (שיע בויגט זיך אריבער).

שיע

שיין, גוואַלדיק שיין!

עולם

(קוקן אין דער ברונע אריין): **סע קווועלט! ס׳קווועלט!**

פערטער ייד

(רעדט לעבן שייקען): **א שמחה באַ זיי! קיינער פרעגט נישט, ס׳קען דאָך אַן אומגליק געשען. קיינער פרעגט נישט. ער איז דאָס דאָך, דאָס קינד, כ׳וואָלט געשוואָרן אז ער איז דאָס.** (גייט פון איין מענטש צום אַנדערן, וואַרפט מיט די הענט און רעדט).

שייקע

(שטופט אים אָפּ): **שאַט, שאַט.**

שיע

שאַט, שטיל זאָל זיין. ר׳ שייקע וויל עפּעס זאָגן א גוט וואָרט. ער האָט א רעכט, וואָס ניין, מיינט עמיצער?

שייקע

יידן, ברידער, יידישע קינדער און טעכטער, זעט דעם אויבערשטנס נס. מיר וועלן שוין נישט זיין ווי ישמעאל אין דער מדבר נאָך א שלונג וואָס האָט געלעכצט אין דער מדבר נאָך א טרונק און שיער נישט אויסגעגאנגען, ביז א מלאך איז געקומען. אזוי איז געקומען דאָס אוראייניקל פון איזיקל שניידער, זיין זכות זאָל אונדז באשטיין. דער רבי זאָל לעבן, הייסט עס און האָט אים אונדז געטאָן וואָס דער מלאך מיט ישמעאלן אין דער מדבר. דערפאַר זענען מיר שניידער טאָקע די הויפּט מחותנים.

יאָסעלע

הוירייי, א שיין שטיקעלע אויפגעשפּילט פאר ר׳ שייקעס, פאר א מחותן ר׳ שייקעס וועגן.

שיע

אלע זאָלן זינגען (זינגט אויף)
מיט א נאָדל און אָן א נאָדל
ניי איך מיר בכבוד גדול.

יאָסעלע

איצט א שיין שטיקעלע אויפגעשפּילט פארן צווייטן מחותן, פאר שיע דעם משוגענעמס וועגן.

שיע

דיר יאָסעלע, זינט ווען געפעלט דיר נישט דער משוגענער שיע! האָסט אויך דערלייגט דיין באַבעס ירושה צו שיען? (הויבט אויף א האַנט).

צביה

(נעמט יאָסעלען בא דער האַנט. צו שיען): **אויב איר מיינט אז איר וועט זיך דאָ שלאָגן מיט יאָסעלען? מיינט נישט אז ס'איז צווישן איר ווייסט שוין בא וועמען!**

יאָסעלע

(רייסט זיך צום שלאָגן): **זיי דו נאָר נישט קיין שטארקער יונג, א קנאַקער אָן א נון.**

שיע

ווער וועמען האָט געוואָלט שלאָגן? איך ווייס קלעזמערל, צו דער־מאָנען מיינסטו? שיע געדענקט. שיע איז אַ וואָרטסמאַן. שיע האָטאָך מורא פאר גאָט.

יאָסעלע

דאָס וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט, איצט אז ס'איז דאָ וואסער, אז די שטאָט האָט געפונען, הייסט, אז איך האָב געוואונען!

שיע

יאָ, דו יאָסעלע האָסט געוואונען. בא מיר איז ליב און טייער — מענטשן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן, א שטאָט א גאנצע. מיין שטיקל לעבן, מיין אָטעם, איז במילא בא מיר, פאר מיר קיין גרויסע ווערט נישט. (יאָסעלע לויפט צוריק צו צביהן).

עולם

וואַסער וואַסער. (ס'קומען נייע מענטשן, שיע שוויצט און דערלאנגט וואַסער).

מיקעטא דאַוויי

(דער באָד גוי קומט, וויל אויפהויבן א שטיין צו וואַרפן): **טאָטע־מאָמע, זשידאָווסקא פאַמיליא, פשאקרעוו.**

קינדער

(לויפן נאָך מיקעטאן און שרייען): **לאָך־שטיוועלע! הינער פיסעלע!**

יאָסעלע

מיקעטא דאַוויי, טרייבט די ממזרים. (מיקעטא זאמאכעט זיך, קינדער אַנטלויפן).

יאַסעלע

מיקעטא דאווי, דערלאַנג א קענדל וואַסער. דאווי א קענדל אפן אויוון ארויף, אזוי מ׳זאָל שוויצן.

מיקעטא

נאַ, נאַ, פאר די אויגן איז דאָס גוט. און געטרונקען? טרינקען וואָלט איך נישט דערפון.

יאַסעלע

פאַרוואָס, מיקעטא, דאווי? דערלאַנג מיקעטא.

מיקעטא

ווייל, ווייל מיר האָבן אויך א חלק, ס׳איז אונדזער פוילישע ערד. און אזוי לאַנג דער קסאַנדז האָט נישט געזאָגט קיין שפּרוך און נישט געשווענצלט, נישט געהייליקט, וועלכער גלויביקער מענטש מעג דאָס? (שפּייט אויס) כ׳גיי רופן. אין מויל אריין נעמען? (פאַרשווינדט).

צביה

וואָס א גוי קען איינפאַלן? סי זאָל אויסגיין צו זיין קאָפּ, צו זיין לייב־און־לעבן! (נעענטער צו שיען) שיע, און אונדז וועט איר שוין נישט דערלאַנגען קיין וואַסער?

עולם

וואַסער גיט אונדז, ערשט געקומענע, ערשט. מיר פריער, מיר פריער. (שיע גיסט אָן צביהן פריער פאר אלעמען). אָט האָט איר.

יאַסעלע

גיב מיר שיע. וואָס מישסטו זיך אין פרעמדע געשעפטן אריין? (יאַסעלע רייסט אויס דאָס קענדל פון שיעס האַנט). צביה וועט שוין טרינקען. איך וועל איר דערלאַנגען. יאַסעלע קען אויך אָנשעפּן אביסל וואַסער.

פערטער ייד

(קומט צו נאָענט לעבן שיען) : ס׳איז פאַרט ער. דער שניידעריונג איז דאָס געוועזענע קינפּעט־קינד. ס׳מוז אן אומגליק געשען. (וויל זיך וואַרפן אָף שיען, בלייבט שטיין פאַרטומלט).

שיע

(שרייט פּלוצים ווילד) :

ס׳וואַסער איז דאָך נישט גוטס, מענטשן. גוטע מענטשן, וואָס ווילט איר? ס׳איז טמא געוואָרן דורכן קלעזמער־יונג. (שטאַרקער). ס׳איז ביטער, שטאַרק געזאַלצן, אָן א יידישן טעם, דאָס וואַסער. די ווער־טער וואָס כ׳האָב ארויסגערעדט, צוגעזאָגט דעם קלעזמער־יונג, האָב איך זיי איינגעשלונגען און זיי וואַרגן מיך און ברענען. ס׳וועט די

געדערים אויסברענען. סי סם, יידן, זאָל אייך גאָט אָפּהיטן. געוואלד, סע ברענט. דאָס וואסער ברענט. טאַ, ווער וועט קענען? וואָס קען איצט לעשן ברענענדיק וואסער? וואסער, וואָסער ברענט!

עולם

(צומישט): פון זינען אראָפּ, פון זינען אראָפּ, חלילה! משוגע געוואָרן!

יידענע

ראַטעוועט אים, וואָס שטייט איר, פון זינען אראָפּ זייט איר!

שיע

(בייגט זיך אָן און וואַרפט זיך פּלוצים אין דער ברונע אריין).

עולם

געוואלד, געוואלד, ראטעוועט! לאָמיר לויפן נאָך א לייטער.

צביה

ווי אזוי איז דאָס געשען, דאָס געווען, יאָסעלע?

יאָסעלע

(בלאָס): פּשוט אריינגעשפּרונגען.

עולם

פון זינען אראָפּ, פון זינען אַראָפּ! (ס'דערהערט זיך א גלחיש זינגען אין קלויסטער, גלאָקן קלינגען. א המון מיט פאָנען און צלמים קומען זינגענדיקע).

עולם

זיי גייען, קומען אהער, לאָמיר אנטלויפן! (אלע אנטלויפן).

גלח

(קומט צו און קוקט אריין אין דער ברונע): א רוח, א לץ, א נישט־גוטער צווישן יידן, צווישן זינדיקע. (קוקט אין דער ברונע). אָט דאָ אינוועניק גאָר? און מיר גייען? קלוגע ערלעכע קריסטן? לאָמיר אַנטלויפן. בעסער, גיכער. (המון אנטלויפט אין שרעק און זינגען).

קול

(פון גאַנץ ווייט): גייט צום מת מצוה, מ־צ־ו־ה.

ניינטע געשעעניש

אַ טאָג שפּעטער באַ דער ברונע. אַלע קומען אַהער פון דעם משוגענעם שיעס לויה. אַ שיינער מיטן טאָג. מענטשן דרייען זיך ארום, ריידן נישט און פארשווינדן. מארטשע, יאַסעלע, צביה משהלע קומען אָן פון זייטן־וועג, שלעפּן זיך מיד, אָפּגעלאָזן. אָן אלטער ייד ציט ארויס אַ שעפּל וואַסער פון דער ברונע, ער גיסט איבער אין אַ טעפּל אריין, טראָגט אנטקעגן די אָנקומענדיקע. שטעלט עס אָף דער ערד.

פארשוינען:
אלטער ייד
יאַסעלע קלעזמער
צביה
משהלע
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
פערטער ייד
הויכער פרעמדער ייד
שייקע מושביטש
יונגער מענטש
קליינע יינגלעך

מארטשע

(גיסט דער ערשטער אָף די הענט, שטעלט דאָס טעפּל אָף דער ערד מיטן דנאָ ארויף; אזוי אלע גיסן איינס נאָכן אנדערן אויך אָפּ די הענט). (יאַסעלע און צביה זעצן זיך אנידער אָף דער פריזבע באַ דער וואַנט, מארטשע און משהלע שטייען און רירן זיך נישט פונס אָרט).

ערשטער ייד

האָט ווער געזאָגט דעם ערשטן קדיש? האָט אימעצער דען קריעה געריסן?

מארטשע

ס'איז דען אימעצער דאָ, ווער סי זאָל געוועזן זיין לעצטן גענאָנט צו אים באוויזן? אז נישט איך און ווידער איך קדיש געזאָגט, אפילו קריעה געריסן אויכעט. (ווייזט אָפּן איינגעשניטענעם וועסטל).

אלטער ייד

וואָס האָט איר מורא אזוי צו רייסן קריעה? איר האָט דאָך אַ נאָדל אין דער האַנט, איר קענט דאָס ניט פארנייען? שניידערס בלייבן שניידערס.

מאַרטשע

וואָס מיינט דער ייד? אזוי לייכט איז צו צערייסן און צו מאַכן ניי? א מנהג, לאָז ער כאָטש שטאַרבן ווי א ייד, מקבר געווען ווי איינער פון עם ישראל. ס׳איז גענוג פאר אים דאָס ליגן פארן פלויט, א הורג קומט דאָך אזוי נעבעך.

צביה

נעבעך, נעבעך, פארוואָס קומט אים טאקע צו ליגן פארן פלויט?

אַלטער ייד

מיידל, דו ווייסט נישט? דיין טאַטע איז געווען דער דיין אין שטאָט און דו ווייסט נישט. סי זאָל זיך נישט טרעפן, א דין, אז איינער גיט אויף זיין לעבן פארלירט ער זיין חלק עולם הבא, פארשטייט איר? א הורג, ס׳זאָל זיך נישט טרעפן, לייגטן פארן פלויט, באם פאַרקן. (צו מארטשען) אין אלע מדינות פון דער גאנצער וועלט, אפשר, ר׳ מארטשע, איר אפשר ווייסט אודאי אויך, נישט? אין לו חלק לעולם הבא?

יאָסעלע

אפנים אז איינער האָט נישט די וועלט האָט ער נישט יענע וועלט אויכעט, נישט, אפנים אזוי?

משהלע

מסתם דער נגיד האָט די וועלט האָט ער יענע וועלט אויך.

צביה

קיין הון האָט אפילו נישט קיין קריי געטאָן. נישט קיין טאָטן, נישט קיין מאמען, נישט קיין ברידער, נישט קיין שוועסטער, עלנד ווי א שטיין.

מאַרטשע

משוגע געלעבט, משוגע געשטאָרבן. אוועקגעגאנגען ארים, אָפגעריסן, מ׳האָט דאָך באדארפט זיין א צדיק צו האלטן אים אין הויז. צו ליידן זיינע משוגעתן.

משהלע

עלנד געלעבט און עלנד געשטאָרבן אָן א חבר, אָן א פריינט. קיין חבר האָט ער דאָך נישט געזוכט אפילו. האָסטו געפרעגט טאָג? האָט ער געענטפערט נאָכט. אודאי איז ער געווען ווי א הונט וואָס האָט נישט געהאט קיין היים, ער איז דאָך אליין שולדיק.

אַלטער ייד

וואָס ווילט איר, כ׳פארשטיי נישט? ס׳איז דאָך געווען א לויה, א

גרויסע ווי בײַ אַ צדיק. די גאַנצע שטאָט איז דאָך אױף די פיס געװען, אים נאָכגעגאַנגען צו זײַן אײביקער רו. זאָל אים ליכטיק זײַן אין גן־עדן. ווידער תכריכים? נייע, פון גוטער לײַװנט.

משהלע

וואָס, באַם לעבן וואָלט ער דאָס זוכה געווען?

צביה

אָבער ווײַנען אױפן הויכן קול ווי אַ שוועסטער, אַ ברודער, אַ טאַטע, אַ מאַמע? נאָכגײן נאָכן וואָגן, שלאָגן זיך דעם קאָפּ אין די דראָ־בענעס וועלן זיך וואַרפן אין גרוב אַרײַן, נישט לאָזן לייגן די שערבלעך אױף די אויגן אַזאַ שײנעם שיען — איז קײנער ניט געווען. קײנער נישט. כ׳פרעג אײַך? מענטשן נעמען און מען וואַרפט לאָפּעטעס ערד אױפן פּנים, אױף די פּיס, אױף די הענט אַזאַ שײנעם שיען? דאָס וואָס דער ווייטיק איז מיר אַזוי גרויס, אַזוי ביטער.

מארטשע

אודאי, זײַן געביין וועט אַזוי אָפּגעמעקט ווערן, אָפּגעווישט ווערן. נישט געהאַט קײנעם. נישט איבערגעלאָזט קײנעם. אַ יונג, שוין צײַט געווען אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ תכלית, מ׳האָט חתונה ווי גאָט האָט געבאָטן, נישט אַרומגעוויײעט ווי דער ווינט. אוי ווײ, איז טאַקע אמת, וואָס מענטשן אין שטאָט האָבן זיך געשראָקן? איז ער טאַקע געווען דאָס קינד וואָס די ברונע האָט געשוואָרן צו נעמען פאַר אַ קרבן? איז ער דאָס טאַקע געווען?

יאָסעלע

אײן אויג איז דאָך בײַ אים געווען אָפן ווי בײַ אַ לעבעדיקן. אוי, וויל מען דאָס אַפּנים נישט שטאַרבן!

אַלטער ייִד

ווער אײלט זיך דען אין יענער דירה אַרײַן?

משהלע

איך גלויב אויך נישט אַז שיע איז געשטאָרבן?

מארטשע

משהלע, ביסט נישט קײן פּועל בטל, גיי שוין, גיי. מ׳דאַרף הײַנט אַרבעטן אויך.

משהלע

גיי איך. (אוועק. אָפּ).

צביה

יאָסעלע, הערסט וואָס ר׳ מארטשע האָט געזאָגט? אַז ער איז געווען אפשר דאָס. ר׳ מארטשע, וואָס האָט איר דאָ פריער געזאָגט?

מארטשע

ווער קען וויסן? ער איז געווען, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, מיינע רייד זאָלן אים נישט צו שווער זיין. ער האָט דאָך נישט געוואָלט איינזיצן אַף אַן אָרט. ער האָט דאָך קיין זיך־פּלייש נישט געהאַט. מיינע רייד זאָלן אים נישט צו שווער זיין; אפשר האָט אים טאקע געצויגן און געשלעפּט דאָרטן אהין, ווייל ער איז געווען דער פאַר־שאָלטענער? (עטלעכע יידן קומען אָן).

ערשטער ייד

מ׳דאַרף לאָזן רופן, יידן, אין אלע קלויזן און בתי־מדרשים, דאַרפן אויסשרייען: יידן, היט אייך! זאָל קיינער זיך נישט דערוועגן צו טרינקען וואַסער פון דעם רבס ברונע. קומאַרנע איז פאַרשאָלטן. ר׳ אייזיקל האָט געזאָגט. וויפיל מאָל דאַרפן דאָס אזוי זאָגן? נישטאָ, איז נישטאָ. זיין ליבן נאָמען לעסטערט מען נישט. זיי גאָר, די היינטיקע רבנים, ווילן באַווייזן ניסים?

צווייטער ייד

יידן, לאָזט אייך נישט נאַרן, זאָל קיינער אייך נישט פאַרפירן מיט פוסטע איינרעדענישן. איין מאָל פאַרשאָלטן — איז אַף אייביק פאַר־שאָלטן.

דריטער ייד

איך האָב דאָך אלעמאָל געזאָגט, און זאָג איצט אויך. איך האָב געזאָגט נאָך איידער מ׳האָט זיך געשטעלט גראָבן, אז די ערד איז פאַרשאָלטן און איר, מענטשן, וואָס האָבן געוואוסט פונם אומגליק, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, איר, וואָס האָט געזען אז א יונגער מאַן דרייט זיך ארום דער ברונע; איר וואָס האָט געוואוסט אז די ברונע האָט געשוואָרן זיין יונג לעבן נעמען צו זיך האָט איר צוליב א טרונק וואַסער אומגעבראַכט א מענטשנס לעבן, כ׳פרעג אייך?

פערטער ייד

און אז מען ווייסט שוין, וואָס איצט? וועלן יידן עפּעס לערנען דער־פון? וועלן זיי פאַרשטיין, אז אנטקעגן זיין ליבן נאָמען און זיינע הייליקע קען זיך קיינער נישט שטעלן? א וואָרט איז אוואָרט. א וואָרט ברעכט מען נישט אפילו ווען א שטאָט שטרעקט זיך אויס נאָך א טרונק. מיר האָבן אונזערס געטאָן, מיר האָבן געוואָרנט.

שייקע

(קוקט האסטיק, גיסט זיך אָפּ די הענט): גערעכט, טויזנט מאָל גע־רעכט. ס׳וואַסער איז סם, סם־המות. אין קומאַרנע, ס׳איז נישטאָ קיין

וואָסער — איז נישטאָ. איי, וואָס איז יאָ דאָ? (ווייזט אָף דער ברונע) אָט־אָ־, פאַרוואָס? צו וואָס זעטן דאָך — פאַר אָפּגיסן די הענט, א ווייטיק איז אין אלטן הארצן אריין. מען טאָר נישט דאָס וואָסער צום מויל צונעמען. א יונגער בוים, א יונג ווי א לעכט געווען.

מאַרטשע

א מענטש קען נישט זאָגן, א מענטש קען נישט זאָגן. עפּעס איז׳ס געווען אן אַנגעצייכנטע זאַך פון אויבן. ס׳האָט אים געצויגן אזוי ווי מיט צוואַנגען. איך קען שוין אלע שניידער־יונגען מיט די גרינגע שטיקעלעך, אבער ער איז עפּעס געווען אזוינס, פון זינט מען האָט אָנגעהויבן גראָבן די ברונע — יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן, געוואָלט הערן, אבער ער איז געשטאַנען טעג און נעכט, נישט אָפּגעטראָטן. ס׳האָט אים געצויגן אזוי ווי ער וואָלט געווען געוואוסט פּאָרויס, פּאָרויס; אז (ווייזט אָף דער ברונע) דאָ, דאָ און נישט אנדערש.

פערטער ייד

נאַרישער שניידער וואָס איר זענט! איר הערט דאָך שוין, אז אייער געזעלן איז געוועזן דער פאַרמשפּטער. וואָס־זשע פאַרשטייט איר נישט, פאַרוואָס ס׳האָט אים געצויגן צו דער ברונע?

דריטער ייד

ווייל ער איז געווען א שטיק פון איר, פון דער ברונע, האָט אים גע־צויגן צו איר. (די יידן און מאַרטשע ריידן צווישן זיך פאַרטיפטע).

יאָסעלע

ע, וואָס די שיינע יידן וויסן (צו צביהן) צביה, אָט דאָס וואָס ער איז אהער געלאָפן, געצויגן, געשלעפּט? איך ווייס דאָס נעבעך, דעם אמתן אמת. איך ווייס וואו דער הונט ליגט באַגראָבן. איך האָב גע־וואוסט וועמען סע קוועטשט דער שוך.

צביה

כ׳קען דיך נישט פאַרשטיין. וואָס מיינסטו? וואָס האָסטו געוואוסט?

יאָסעלע

אביסל האָסטו אויך געוואוסט. אבער איך בין אפשר שולדיק!

צביה

וואָס שולדיק?

יאָסעלע

מער שולדיק פון דער קינפּעטאָרן די מאַמע וואָס האָט אים געהאַט. מער שולדיק פון דער ברונע וואָס האָט געשוואָרן אים איינצושלינגען און נעמען נקמה. איך בין שולדיק ווייל, (ברעכט אויס אין א געוויין)

ווייל, צביה, דיך האָט שיע ליב געהאט, פאר דיר איז ער געשטאָרבן, מיט דיר האָט שיע א ליבע געשפילט.

צביה

ווי אזוי איז מעגלעך? ער האָט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, דערוויינט דערפון?

יאָסעלע

אָט דער גאַנצער שטארקער יונג שיע, איז געווען אַזאַ צעקראָכענע לעמעשקע, און ווייל ער האָט אפנים אמת דיך ליב געהאט, האָט ער מורא געהאט דיר דאָס צו זאָגן, האָט ער אפנים מורא געהאט, זאָלסט אים נישט אָפּזאָגן. האָט ער די ליבע אין זיך געהאַלטן און געשטיקט ביז ער איז אין דער אמת דערשטיקט געוואָרן.

צביה

פארוואָס־זשע האָט ער אבער דוקא, פארקערט, מיר אלעמאָל אריינגעזאָגט שטעך־ווערטלעך, איידער גאָר צו זאָגן. איך ווייס? איך פאַרשטיי נישט!

יאָסעלע

יאָ, אין דיר איז שיע פארליבט געווען.

צביה

גיי ווייס? ווער זאָל וויסן שניידערישע ליובקע? ווער ווייס, פונוואַנען סע קומט און וואָס מען מיינט? אז ריידן, רעדט עס פונקט קאַפּויר. אפשר ווען איך זאָל געווען וויסן? א מענטשנס לעבן? איך ווייס?

יאָסעלע

האָסט שיין, אזא מענטש ווי שיע נישט פארשטאנען. עפּעס איז ער געווען אנדערש ווי אַלע. איך האָב אים אויך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געהאַט אזוינע באַהאַלטענע וועגן; אז ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט ער אלעמאָל געזאָגט פונקט פארקערט און געמיינט האָט ער, אלעמאָל, עפּעס אַנדערש.

צביה

ווי אזוי ווייסטו דאָס?

יאָסעלע

מיר האָט ער געזאָגט, מיר האָט ער דערציילט. ער האָט אָבער געוואוסט אז דו ביסט א באלעבאטישע טאָכטער, אז דו קומסט ארויס פון א באַלעבאַטיש הויז, יאָ, יאָ. (יאָסעלע נעמט צביהן בא דער האַנט מיט א ציטריק קול). צביה, יאָ, אָבער באַ דיר אין דיין האַנט, אויב דו ווילסט נישט ברענגען א צווייטן קרבן, זאָג מיר יאָ. איך האָב דיך אזוי ליב!

צביה

וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס בין איך דיר שולדיק?

יאָסעלע

הלואי נישט שיעס סוף.

צביה

אז כעל שוין זאָגן יאָ, ניין? וועט דיר שוין בעסער ווערן?

שייקע

(צו די יידן): אנעק, לאָמיר גיין, מען דארף די לעבעדיקע אויך פאַר־זאָרגן. (גייט צו נאָנט צו יאָסעלען) מע טאָר דאָ נישט בלייבן, קינדער.

יאָסעלע

(שטעלט זיך אויף): הערט יידן, דער וואָס מיינט, אז שיע איז גע־שטאָרבן דורך דער ברונע, ווייל זיין מאַמע האָט אים געהאָט באַ דער ברונע, מעג זיך קלערן אזוי און זיין א חכם. יידן הערט דעם אמת: שיע האָט זיך גענומען בעסער דעם טויט אידער צו נעמען א באַלעבאטישע טאָכטער פאר א ווייב!

אלטער ייד

עט, וואָס זיך צוהערן צו די רייד פון א נאַרישן יונגאַטש. לאָמיר גיין יידן און עפעס טאָן. (זיי גייען אָפּ. יאָסעלע און צביה אָפּ.)

שייקע

(קומט ווידער צוריק. ער רעדט צו דער ליידיקייט ארום): איר טאָרט דאָ נישט בלייבן, איר טאָרט נישט טרינקען. אייזיקל האָט פאַרזאָגט. אייזיקל האָט געלעבט פון די פינף פינגער. פרעגט מיך, איך גע־דענק, איך געדענק.

(שייקע דערמאָנט זיך, בלייבט שטיין פארקלערט.)

ערשטע דערמאָנונג

שייקע דערמאָנט זיך אין דער מעשה פון גאָר אָנהויב, און דאָס בילד קומט אים קלאָר פאר די אויגן מיט אַכציק יאָר צוריק. א מאַרק רינג, עטלעכע איינגעהויקערטע הייזלעך. אינמיטן רינג בערגלעך ליים אָנגעשיט. מענטשן רייבן זיך די אויגן פאר גרויס וואונדער. עטלעכע האלטן טעפעלעך אין די הענט. א הויכער געזונטער מאנסביל אין א רויטן מיצל מיט א טראָלד, קאָמאַנדע־ווער אראָפּ, אריבערגעבויגן אין אַן אָרט אריין ארומגעצוימט מיט נידעריקע ברעטלעך, אין ברונע אריין.

פּארשוינען:

מענטש מיטן רויטן מיצל (א הויכער און שטארקער עולם — אין גויאישע קליידער, עטלעכע אין צאָל.)
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
פערטער ייד
שייקע—(א יונגער יינגל ו א יאָר דרייצן.)
וואַסער־טרעגער
המון — (גויאישער המון מיט צלמים.)

מענטש מיטן רויטן מיצל

העי, שופּ. העי שופּ. (די ארומיקע זאָגן אונטער).

מענטשן

העי שופּ העי.

מענטש מיטן רויטן מיצל

וואַסער! וואַסער! ס'איז דאָ. אַהאַ! (סי גיסט זיך וואַסער איבערן רינג).

ערשטער ייד

די שעה זאָל נישט זיין, ס'קען געמאָלט זיין אז ער איז א כישופמאַכער, דער, מיטן רויטן מיצל.

צווייטער ייד

די גוים, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין, וואָלטן אלע יידן חלילה אויפגעהאנגען אינטימן רינג; חלילה, כ'ווייס וואָס? געשפּיגן יעדן אין פּנים אריין.

ערשטער ייד

זייער גאָט, זייער יאָסל פּאַנדריק האָט געהאָלפן, וועלן זיי זאָגן!

דריטער ייד

א ייד האָט געגראָבן און געגראָבן און גאָרנישט. און סע קומט א גוי?

צווייטער ייד

א גוי, אַן ערל איז געקומען און מען זאָגט יאקבע, אַז, אַז — (די יידן דערזען זיך שטיין אין וואַסער).

ערשטער ייד

איי, וואָס מען זאָגט? קנאָפּע זאַכן זאָגט מען?

פערטער ייד

ס'איז אזוי אמת ווי זייער גאָט איז אמת.

מענטש מיטן רויטן מיצל

(שרייט אראָפּ אין דער ברונע אפן קול): **העי, שופּ. וואַסער, וואַסער איז דאָ. א דאַנק און א לויב, וויל איך לויבן.**

שייקע

(א שיין געוואַקסענער יונגער יידל. א נאָדל־פּאָדים אין לאַץ איינגע־שטעקט. גייט צו צו דעם מיטן טראָלט און אין גרויסער פרייד גרייסט אים די האַנט): **מושעביטש, פּאַניע יאַשנע, מושעביטש וואַסער ווקאַ־מאַרנאַ.** (ער דרייט זיך איבער צו יידן). **יידן, מושעביטש, סע מוז זיין וואַסער אין קומאַרנע פאַר זיין פאָלק יידן.** (אַלע יידן שפּאַנען שוין אין וואַסער ארום).

ערשטער ייד

א ייד מעג אזוינס? מעג עס אפילו זיין א שניידער יונג!

צווייטער ייד

(טייטלט אף שייקען): **מושעביטש, רעדט ער,** (קרומט נאָך) **דו שניידער יונג, דו שייקע מושעביטש.**

פערטער ייד

זאָל מען אים רופן, זאָל דאָס ווי א קין צייכן לאָסטן אף אים, דער נאָמען; מושעביטש, דער אזוינער און אזוינער.

ערשטער ייד

דער משומד! קיינער טאָר נישט נאָכריידן זיינע רייד. און ר' אייזיקל? כאָטש א שניידער, אבער אן ערלעכער שניידער, זאָל אזוינעם האלטן אין שטוב? ער לערנט די מלאכה בא ר' אייזיקלען. (אַלע צוזאַמען).

אַלע יידן

ווער פרייט זיך מיטן גוי, מיט זיין נס?

ערשטער ייד

דער שניידער־יונג, דער מושעביטש. (ס׳דערהערט זיך קלינגעריי פון קלויסטער־גלאָקן, רעליגיעז־קריסטלעך געזאַנג א המון מיט צלמים אין די הענט דערנענטערן זיך פון דער ווייט צו דער ברונע.)

וואַסער־טרעגער

(מיט קאַנען אָנגעהאַנגען גייט פאַרביי, קוקט זיך נישט אום, גייט ווייטער און זינגט) : **במעשי ידך ארנן.** (די יידן רוקן זיך צוביסלעכווייז אָפּ און גייען אוועק).

שייקע

(שרייט אויס „מושעביטש" און אנטלויפט. אָפּ).

(טירן הויבן זיך אָן צו פאַרמאַכן, המון מיט די צלמים קומען און רינגלען אַרום די ברונע).

המון

(זינגען און שרייען) : **מושעביטש, מושע!**

(יידן קומען אפיר פון אונטער די שטיבלעך באהאלטענע. קלויסטער גלאָקן געקלאַנג).

צווייטע דערמאָנונג

א טאָג שפּעטער פון דער פריערדיקער דערמאָנונג, מיט אַכציק יאָר צוריק. א קליין איינגעהויקערטע שטוב מיט קרומע ווענט, א ווערק טישל, צוויי בענקלעך, א באַנק בעטל. ר׳ אייזיקל זיצט אין בעטל אין א וועסטל שפּענ־צער אָנגעטאָן און ער נייט א מלבוש. די טיר איז אָן אָפענע אין דרויסן ארויס, סע הערט זיך א געשפּרעך פון יידן באַ דער טיר).

פּארשוינען:
ר׳ אייזיקל—(אן אלט יידל א שניידערל)
שייקע
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
פערטער ייד

שייקע
(קומט אריין): **גוט מאָרגן, מייסטער.**

ר׳ אייזיקל
(אין בעט זיצנדיק): **גוט מאָרגן, גוט יאָר. האָסט שוין געדאַוונט, שיי־נער טכשיט מיינער?**

שייקע
ניין, ניש...

ר׳ אייזיקל
איידער וועסט נעמען א נאָדל אין האַנט און זיך אויסלערנען די מלאכה— גיי, דו וועסט שוין קיינמאָל נישט זיך אויסלערנען, דו וועסט קיין לייטישער שניידער שוין נישט ווערן.

שייקע
וואָס הייסט, כעל נישט?

ר׳ אייזיקל
ארבעסט דען, לערנסט ווי א לערניינגל? יאָגסט דיך ארום א גאַנצן טאָג. האָט זיין ליבער נאָמען דיר צוגעשיקט א ברונע, שטייסטו און היטסט די ברונע, ווילסט דיך דערלעבן צרות אף יידן, ווילסט זען ווי א גוי באווייזט א נס?

שייקע

ס׳הייסט א נס? כ׳ווייס א גוי קען ניט באַווייזן קיין ניסים, אָבער אז מ׳גראָבט א סך טיפער ווי דער ייד האָט געגראָבן?

ר׳ אייזיקל

ווער גלויבט דען שוין היינטיקע צייטן אין ניסים? יידן באַווייזן היינט אויך נישט קיין ניסים; שלעכטע דורות, מ׳איז ניט ווערט. מ׳גזלט איינער באַם אַנדערן דאָס ברויט פונם מויל. ווער זשע זאָל באַווייזן ניסים? און אז ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער אין קומאַרנע און ס׳וועט נישט זיין, עפּעס א שטיינערנע ערד, ווער קען העלפן?...

שייקע

ס׳וועט אים טאַקע, דעם גוי, העלפן ווי א טויטן באַנקעס. א נס? כ׳בין נעכטן געשטאַנען דאָרטן און זאָג צום ערל, אזוי אָף גויש אין זיין לשון: מושע ביטש, ס׳מוז זיין. האָט עפּעס אָנגעהויבן צו רינען יאָ א טראָפּן וואַסער, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן די גאַנצע גראָמעדע מיטן יוזל אין האַנט און צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. נישטאָ, נישטאָ קיין וואַסער. זאָלט איר געווען זען ווי איך האָב געלאַכט און דעם גוי געשוויטשעט אין די אויגן אריין: מושע ביטש. מושע. כ׳גיי רופן די יידן צו מנין. (צעלאַכט זיך. גייט ארויס. אַפּ. די יידן אינם טיר אריינגאַנג).

ערשטער ייד

ס׳איז דאָ איבערצורעדן? אַזאַ ייד ווי ר׳ אייזיקל! האַ,האַ!

צווייטער ייד

אַן ערלעכער, א יראה שמים, וויל דאַוונען מיט מנין, און ס׳זאָל זיך נישט טרעפן.

ערשטער ייד

ווער וויל דען נישט. נאָר ס׳זאָל זיך נישט טרעפן ס׳זאָל זיך נישט, ס׳זאָל זיך נישט טרעפן, פאַרוואָס? מיר זאָלן טאַקע יאָ זוכה זיין דער־לעבן ר׳ אייזיקלס עלטער, נעפּריטשקעם.

צווייטער ייד

ווער וויל דען נישט. נאָר ס׳זאָל זיך נישט טרעפן, ס׳זאָל זיך נישט, אייזיקל איז שוואַך געוואָרן אַף די פיס און וויל דאַוונען מיט מנין, וואָס איז שייך.

ר׳ אייזיקל

(זינגט זיך און נייט געשמאַק):

מיט א נאָדל און אָן א נאָדל...

ניי איך מיר בכבוד גדול.

(אײַזיקל זעט די אַרייַנגעקומענע ייִדן).

ר׳ אײַזיקל

רבותי, מ׳וועט זיך באַלד שטעלן דאַווענען.

(די צוויי אידן קומען אַריין און זעצן זיך).

ערשטער ייִד

נאָך קיינער נישטאָ?

ר׳ אײַזיקל

ס׳איז פאַרפרי.

צווייטער ייִד

שוין גאַרנישט אַזוי פרי. כ׳קען זיך וועטן אַז איר, ר׳ אײַזיקל, האָט שוין פאַרטיק געמאַכט אַ מלבוש — אַ בעקעשע הײַנט.

ר׳ אײַזיקל

אויפגעוועקט נאָך פרי צע טאָג, אָפּגעריכט חצות, ווי גאָט האָט געבאָטן, געגעבן זיין ליבן נאָמען זיינס און ווי די נאַכט איז גרויס און פון שלאָף בין איך שוין אויסגעריסן פון יאָרן און יאָרן; נו—אודאי האָב איך פאַרטיק געמאַכט אַ מלבוש. מערצעשעם, מעט דערלעבן, שבת, וועטן פירן גרויזעמס חתן אין שול אריין אין דער בעקעשע, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס פאַרטיק געמאַכט. (עטלעכע ייִדן מיט תפילין זעק אונטערן אָרעם קומען אריין).

דריטער ייִד

(פריילעך): גוט מאָרגן, ר׳ ייִדן, אַהאַ — וואָס? ר׳ אײַזיקל? איי, ר׳ אײַזיקל, איר האָט געקענט זיין אַ רב בּאַ ייִדן, און איז גאָר — איי, איי — אַ בעל מלאכה!

ר׳ אײַזיקל

(מיט אַ ניגון): אַלטס פאַרעכט איך און נייעס מאַך איך נישט קאַליע.

צווייטער ייִד

איך זאָג־עס, איר זאָגט־עס, ר׳ אײַזיקל זאָגט: אוהב את המלאכה ושנאָ את הרבנות.

דריטער ייִד

בנאמנות, ווי מיר האָבן הייַנט פרייטיק, ערב שבת קודש איבער דער וועלט, ווי ר׳ אײַזיקל, איר זענט גערעכט.

ערשטער ייִד

וואָדען? מלאכה, מלוכה.

דריטער ייד

ווי איר ווייסט, מ׳האָט א ווייב מיט קינדערלעך קיין עין הרע, וואָס מען דאַרף מגדל זיין קיין עין הרע. האַלט איך אין מאַרק א געוועלבל, מע דאַרף דאָך פּרנסה, קומט אריין אפילו א ברודער א ייד קויפן א קאַפּעליוש אף יום טוב.

ר׳ אייזיקל

אן ערלעכער ייד, איר זעט א ייד?

דריטער ייד

יאָ, קומט מען קויפן א קאַפּעליוש אף יום טוב און כ׳גיב אייך א משל, טאָקע נאָר א משל: איך גיב א קוק און דערזע אין קאַפּעליוש איז דאָ א לאָך.

ערשטער ייד

איז ווי זאָגטן: הגונב מן הגנב?

דריטער ייד

איר שלאָגט מיר איבער די רייד. זע איך, אַז יענער וואָס האָט מיר פאַרקויפט דעם קאַפּעליוש, האָט מיך אָפּגענאַרט, מוז איך, אוי וויי צו מיר, פאַרקויפן א ברודער א ייד א קאַפּעליוש און כ׳מאַך זיך כי לא ידע, צי ס׳איז פאַראַן א לאָך אין סאַמעט־קאַפּעליוש.

צווייטער ייד

ווער סע לעבט, ווען דער אויבערשטער העלפט, מען קען לעבן פון די פינף פינגער, דעם איז וואויל אף דער וועלט.

דריטער ייד

און זיס און טייער, איבער הונדערט און צוואַנציק, אז מע דערלעבט אַף יענער וועלט.

ערשטער ייד

(אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ): אָט, ר׳ אייזיקל א ייד, אלע יאָרן געדינט דעם אויבערשטן, נישט געזאָגט קיין ליגן, קיינעם נישט אָפּגענאַרט, קיינעם נישט באַדאַרפט אָפּנאַרן, נישט איינגעריסן א וועלט: דאָס מאַך איך פאַרטיק, פאַר דעם גיט מיר געצאָלט.

צווייטער ייד

סע דאָ צו שמועסן? סוחריי קען מען נישט זיין אָפּגעהיט, זיין ערלעך.

דריטער ייד

נישט אָפּגעהיט, זאָגט אָפּן. א סוחר מוז זיין א גנב, ווי צו אונדזערע זינד.

ר' אייזיקל

(מיט א שמייכל): יידן, יידן. כל ישראל יש להם חלק לעולם הבאה. יידן זיינען אין גלות, אז ער וועט העלפן יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן, משיח וועט קומען; וועלן נישט זיין קיין רייכע מיט קיין אָרימע. יעדער וועט האָבן זיין ווייַנגאָרטן און זיינע פייגנבוימער. דעמאָלט וועלן יידן אינגאַנצן אויפהערן צו זינדיקן, צו זיין קאַפּעליוש פּאַרקויפער.

צווייטער ייד

יידן וועלן ווידער גיין מיטן אַקער־אייזן איבער די פעלדער.

ערשטער ייד

מעט נישט, יידן וועלן נישט ארבעטן, ס'וועט זיין מן פון הימל.

פערטער ייד

(קומט ראַפּטאָם אריין): נאָך נישט קיין מנין אפילו? איר יידן ווייסט גאָרנישט, וואָס טוט זיך? נעכטן האָטן ארויסגעלאָזט א קלאַנג אין שטאָט, אז יענער, דער גוי מיטן טראָלד, דער ישמעאל האָט דערביוועט וואַסער. זאָל זיך אמאָל אָנהויבן, ס'זאָל זיך אמאָל אויסלאָזן, ס'איז געוועזן נעכטן, ס'האָט זיך באַוויזן אביסל וואַסער ווי אין א שיסל אָנגעגאָסן.

ר' אייזיקל

מיין לערן ייִנגל, שייקעלע, דערציילט מיר, היינט פרי אויך אזוי די מעשה: ער שטייט דאָרט טעג און נעכט און היט די ברונע, דער־ציילט ער, א סע לאָזט זיך נישט אויס און סע הויבט זיך נישט אָן מיטן וואַסער. ער קומט באַלד און מירן זיך קענען שטעלן דאַווגען.

פערטער ייד

אייער כל־בו־ניק דער שניידער יונג? איר ווילט אים צום מנין רעכענען? נעכטן איז ער געשטאַנען ווען יעדן האָט געטריפט דאָס בלוט פונם הארץ און געוואונשן יענעם גוי מיטן טראָלט און גע־קוויטשעט ווי א יונג חזרל. (מאַכט נאָך) מושעביטשע, מושעביטש!

דריטער ייד

כ'ווייס אויך, געהערט וועגן דעם שייגעץ און איר, ר' אייזיקל האָט אים גאָרנישט אויסגעשייגעצט דערפאַר? נישט שיין אפילו, מ'זאָל אזוינס זאָגן אפילו אף א שניידער־יונג. נישט שיין ר' אייזיקל אפילו פאַר אַ שניידער. איר זענט דאָך נישט ווי יענע שניידערס, ר' אייזיקל איז דאָך אַן ערלעכער ייד.

ר׳ אייזיקל

כ׳וועל אים שוין אויסשייגעצן דעם גאַלגאַנוהע, ער וועט נאָר אריינ־קומען.

פערטער ייד

ס׳ביסל וואַסער? ס׳איז געווען קאלעמוטנע, נישט געזאלצן, אין מויל אריין נישט צו נעמען. איך אליין האָב געזען, בין געווען דאָרט די גאַנצע צייט.

ערשטער ייד

נאָך דאָס וואָס זיי האָבן אין דעם שוין געזאָלט כאפּן א נס פון יאָסל פּאנדרען! ס׳הייסט א ייד האָט געגראָבן און נישטאָ קיין וואַסער און אָן ערל — און ס׳איז יאָ דאָ וואַסער!

שייקע

(נאָך פיר יידן קומען אריין): שוין דאָ מנין?

ר׳ אייזיקל

(מיט געלעכטער): ווייסעך וואָס, אין קומארנע גראָבטן? ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער און סע וועט נישט זיין. יידן, נעמט בעסער די טליתים. מיט אים, מיט דעם שייקעלען איז דאָ פּונקט מנין, שוין א דרייצן־יעריקער, שוין.

(די יידן נעמען לייגן די טליתים און טפילין צום דאווענען).

ר׳ אייזיקל

(צו שייקען): קאצעלאפּ איינער, די וועלט וואַרט אף דיר, יידן מיטן דאַווענען צוליב דיר.

שייקע

מייסטער, ר׳ אייזיקל, ווילן יידן אפשר הערן וועגן דער ברונע? וועל איך דערציילן די שיינע געשיכטע ס׳האָט געטראָפן. (שמייכלט).

ר׳ אייזיקל

ביזט א נאַרישער יונגאַטש. וועסט צייט האָבן צו דערציילן שפּעטער, אַמאָל, אויך, אפילו צו שפּעטערע דורות; ווי ס׳איז נישט געווען קיין וואַסער, ווי ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער. איך וועל דיר באַלד דערציילן וואָס די יידן דאָ האָבן מיר דערציילט וועגן דיר. איך וועל דיר באַלד דערציילן ווי ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער!

שייקע

שוין, איז די ברונע שוין געשטאָרבן? קיינמאָל נישט זיין קיין וואַ־סער?

ר׳ אײזיקל

יאָ, געשטאָרבן, געשטאָרבן.

פּערטער ייִד

ביזט א יתום שייקעלע, דיך רופטן מושעביטש. זאָג זשע קדיש נאָך דער ברונע, דו מושעביטש.

ר׳ אײזיקל

זאָג.

שייקע

(הויבט אָן זאָגן): יתגדל, ויתקדש —

ניינטע געשעעניש

(צוריק צו דער ניינטער געשעעניש און צייט).

שייקע

(בויגט זיך אריבער איבער דער ברונע, ווישט זיך די אויגן און מורמלט אונטערן איינפלוס פון דער לעצטער דערמאָנונג) : **יתגדל ויתקדש — איך געדיינק, איך געדיינק, און ר' אייזיקל האָט דערנאָך, נאָכן דאווגען, מיר אלץ געגבוי איבערגעגעבן, דערציילט.** (הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט ווידער אריין אין דער ברונע) **שוין, סע טרוקנט אויס, אויסגעטרוקנט געוואָרן** (הויבט אויף דעם קאָפּ) **ווי דאָ אַף דער האַנט.**

הויכער פרעמדער ייד

(קומט, שלעפּט נאָך די פיס, רעדט דערשראָקן צו שייקען) : **זאָגט ? דאָס מת ? דער דערטרונקענער ? ווי האָטן אים גערופן ? אוואסער נאָמען האָט ער געהאט ? האָט ער אפשר געהאט א בילקעלע, א וואָרצל אַפן שטערן ?**

שייקע

דער דערטרונקענער ? שיע איז זיין נאָמען געווען.

הויכער פרעמדער ייד

און לייבלעכע קרובים האָט ער עמיצן געהאט ?

שייקע

קיינעם נישט, קיין אחד נישט.

הויכער פרעמדער ייד

ווייסט, איך בין געווען א טאטע. נאָך אין דער קינפּעט מיט אים, ד'אָ באַ דער ברונע, מיט פינף־און־צוואָנציק יאָר צוריק, האָט זי אָנגעהויבן צו פלוישן, ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן און זי האָט מען אין א שפּיטאָל קיין לעמבעריק אריינגעפירט א געבונדענע.

שייקע

וואָס־זשע איז געוואָרן ?

הויכער פרעמדער ייד

דאָס קינד האָט מען אוועקגענומען און מיט איר איז מען געגאנגען צו גוטע יידן, צו דזשאדעס, צו באָבעס איבער שטעט און דערפער, ווידער אין שפּיטאָל אריינגעפירט און זי איז פון דאָרט מער נישט צוריקגעקומען. נישט מער צוריקגעקערט פון דאָרטן.

שייקע

וואָר־זשע איז דאָס קינד אהינגעקומען ? ווי האָט ער זיך געכאָוועט ?

הויכער פרעמדער ייד

און ער האָט זיך אזוי געכאָוועט, אזוי יאַ־קאַש אף די מיסטן, געפּעכ־נעט פאר א שטיקל ברויט. איך אליין בין איבער דער מדינה געגאנגען, נישט געוואוסט פון אים ביזן היינטיקן טאָג. גיי וויס, אז אין דעם זעלבן מקום ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק ? גיי וויס ?

שייקע

איז גוט, וועטן שוין וויסן אף דער מצבה אויסצוהאַקן מיט אָפּגעגילדעטע אותיות : פּה נקבר יהושעה בן שמואל הלוי. און אז א ביימל וועט זיין אויסגעקריצט ? וועט דאָס צווייגל זיין אָן אָפּגעבראָכענעס.

הויכער פרעמדער ייד

א יונגער מענטש, ווי א יונג צווייגל. גיט מיר אביסל וואסער, לאָמיך זאָגן דעם ערשטן קדיש. (ער גענענט צו דער ברונע).

שייקע

מיין ליבער ייד, פון דער פאַרשאָלטענער ברונע קען מען שוין קיין וואַסער אפילו פאר אזוינס אויך נישט האָבן. ס'איז אויסגעטריקנט, פאַרשאָלטן ווי אין די מדבריות.

הויכער פרעמדער ייד

וועל איך אָפּרייבן די הענט אָן דער וואַנט פון דער ברונע. (ער שפּייט אריין אין די הענט אריין און רייבט זיי אין דער ברונע).

שייקע

אלץ איין וועגס, האָט אין זין די ברונע אויך באם קדיש, מיין ליבער ייד, די ברונע איז אויך געשטאָרבן.

הויכער פרעמדער ייד

יתגדל ויתקדש. (יאָמערט) שמי רב—ה.

(א יונגער מענטש קומט אָן, שפּאצירט און שרייט).

יונגער מענטש

ווער האָט ? ווער גיט ? און ווער נעמט ? אַלטע קאלאָשן פאר נייע טעפּעלעך ? ווער האָט ? ווער גיט ? און ווער נעמט ? (קליינע קינדער קומען אָן, לויפן נאָך דעם שרייער און קרומען נאָך) :

קליינע ייִנגלעך

(שרייען) : ווער האָט ? ווער גיט ? און ווער נעמט ?

סוף